STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01962

DER TSADIK FUN MIRANDA

Charles S. Klinger

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. ח. קלינגער

דער צדיק פון מיראנדא

י. ח. קלינגער

דער צדיק פון מיראנדא

דערציילונגען

★

ארויסגעבער:
„יידישקייט"
לאָנדאָן
תשל"א—1971

THE SAINT OF MIRANDA

(SHORT STORIES)

BY

CHARLES S. KLINGER

©

Copyright by

C. S. Klinger

69 Queen's Drive,

London, N.4. G.B.

Published by

"YIDDISHKEYT", London 1971

Printed in Great Britain by:

A. to Z. Printers, 43 Elm Park Avenue, London, N.15.



דער אוטאָר אין יאָר 1967

א מתנה מיט ליבשאפט
מיין פרוי וועלא

אינהאלט:

באגלייט־ווארט פון מחבר . . . VIII—I

איראטשקא 1

די שווארצע טיר אין סאראגאסע . . 43

דער צדיק פון מיראנדא . . . 50

קאשקע 99

אויף גאליצישע פעלדער . . . 112

ר׳ נחומקע — דער אוניעווער משומד 197—147

פארענדיקט צו דרוקן אין דער דרוקעריי „מאלף עד
תיו״, עלם־פּאַרק אוועניו, לאָנדאָן, נ.15, — אונטער
דער השגחה פון מאיר בן־ציון — געזעצט: משולם
לאַבין — געשטעלט און געדרוקט: מאיר בן־ציון.

באַגלייטוואָרט

במחשבה תחילה, האָב איך געהאָפט צו פאַרזען מיין ערשטן באַנד געקליבענע דערציילונגען, אין וועלכן סע גייען אריין, ניי באַארבעט, די דריי דערציילונגען „אויף גאַליצישע פעלדער", וואָס די „פרייע האָריזאָנטן" האָבן ארויסגעגעבן אין פאריז יאָר 1950, מיט א גרעסערער עסיי א. נ. „**פון שולחן־ערוך ביז מאָדערנ־יידישער ליטעראַטור**". לצערי הגדול, צוליב ריין מאַטעריעל־פינאַנציעלע סיבות מוז די דאָזיקע עסיי מיט אַנדערע כתבים מיינע בלייבן אונטערן שלייף אין מאַנוסקריפּט, מיט א סטעמפּל דאַרויף „**כשירחיב**"...

נישט דאָ איז דאָס אָרט אויסצודערציילן מיין וועג צו יידיש־שרייבעריי, א דערנער־וועג, וואָס נישטאָ זיינס גלייכן ביי די אומות־העולם. וועל איך בעסער אָנווארפן עטלעכע שורות צו אייניקע פון מיינע רעצענזענטן־קריטיקערס, כדי ארויפצופירן מענטשן מיט גוטע כוונות און מיט באַציונג צו יידישער בעלעט־ריסטיק אויף א דרך, כדי זיי זאָלן ניט געשטרויכלט ווערן צוליב **השערות און בויך־סברות**:

א.— ווען דאָס ביכעלע „**אויף גאַליצישע פעלדער**" איז צום ערשטן מאָל דערשינען און צוגעשיקט געוואָרן צו איינעם פון די הויכ־געקרוינטע יידישע ליטעראַטור־קריטיקערס מעבר־לים, האָט יענער אָנגעשריבן א סתם־מאמר וועגן יידישער ליטעראַטור און זיך דאָרט באַרימעריש אויסגעדרוקט: „...איך האָב קיינמאָל אין מיין לעבן נישט געשריבן וועגן אַן אָנפענגער (געמיינט צו זאָגן: אַן אָנהייבער!)". אָט אזא באַנאַלע באַרימערישקייט וועט מען נישט טרעפן ביי קיין שום ליטעראַטור־קריטיקער פון באַטייט ביי די אומות־העולם; פאַרקערט, מיר זענען אַלעמאָל געווען עדות פון דעם וויאַזוי באַרימטע, גאָר באַרימטע ליטעראַטור־קריטיקערס האָבן געמאַכט אַן אָנשטרענג אויף צו צעבלאָזן א פונק טאַלאַנט

ביי אן אָנהייבער דורך לייגן אויף אים האַפענונג, אַז פון דעם קליינעם פונק זאָל ווערן א פלאַם־פייער! נאָר א קליינעם בייי־שפּיל פון לעצטן יאָרצענטליק: ווען נישט אזא זעלטענער ליטעראטור־קריטיקער ווי דער פראנצויז **עמיל הענריא** — וואָס וואָלט געוואָרן פון דעם מחבר פון דעם געקרוינטן מייסטער־ווערק „**דער לעצטער פון די למד־וואָוו**", אָדער פון דער שרייבערין פון א סעריע קורצע צייט־ראָמאנען ווי „**גוט מאָרגן דיר אומעט**" און אנדערע?;

ב.— מיין קליין ביכעלע „**אויף גאליצישע פעלדער**" האָט צווישן די יאָרן 1950 ביז 1953 זוכה־געווען צו א צאָל אָפּשאצונגען, אָפּהאנדלונגען און רעצענזיעס, פון וועלכע סע וואָלט מיגלעך געווען ארויסצוגעבן א בוך צוויי מאָל גרעסער פון מיין ביכעלע, אָבער אויף מיר האָבן דער רוב פון די קריטיקעס און רעצענזיעס נישט געמאכט דעם געהעריקן רושם, ניט שוין דערפאר, ווייל זיי האָבן אָפּערירט מיט **השערות**, אָדער זיך סותר־געווען מיט די שבחים זייערע.

פון א ליטעראטור־קריטיקער דערווארטן מיר נישט קיין נביאותן אין פאָרם פון **השערות** און אויך נישט קיין **שבחים מיט באוואָרענישן**, טאָמער חלילה איבערגעכאַפּט די מאָס; נאָר אָן אריינלעבן זיך אינעם דיכטערס וועלט, אינעם סוד פון זיין נאררעטיוון כוח און אין דעם מקור פון זיין שפּראך מיט וועלכער ער שאפט זיינע בילדער און מיט וועלכער ער שילדערט א תקופה אָדער אין זיין אייגענער לעבנס־צייט, אָדער אינעם לעבן פון זיין פאָלק פון פארגאנגענע צייטן. און נאָר אזוי און נישט אנדערש געלונגט עס דעם קריטיקער אונטערצוטראָגן דעם לייענער אינ־פאָרמאציע און אייגענע מיטשאפערישקייט מכוח חשיבות פון א ניי דערשינענער בעלעטריסטישער געשטאלטיקונג. דאָס איז נישט חלילה מיינע אן אקסיאָמע און יודעי־חן האָבן א רעכט מיט מיר מחולק־צו־זיין. אָט למשל: אין זיינעם א בוך עסייען א. נ. **גלגל המועדים** זאָגט דב סדן ...„**ועוד מעשה שאפשר ועיקרו**

היה גם הוא מעשה שהיה, אבל שוב אינו ניתן לנו בתחומו של סיפור־זכרונות ולא בתחומו של סיפור שמעורבים בו ממש ופיוט, אלא כמעשה שתחילתו כרוניקה וסיומו לגנדה. י. ח. קלינגר מספר מעשה, ששמעו, כנראה, בעירה פרומישלאן, והוא מעשה...״
און אזוי ווייטער. וואָס־זשע לערנען מיר ארויס פון סדנס ווערטער? מיר זעען באלד ווי ער פארקירעוועט אָן א זייטיקן בארג־אראָפּ און אָפּעריִרט מיט א ווייט נישט מזלדיקער **השערה**, דהיינו, אז איך דערצייל א מעשה, וואָס איך זאָל האָבן געהערט, אזוי איז ער זיך משער, אין שטעטל פרעמישלאַן, און א״וו. וועל איך זיך שוין נישט אָפּשטעלן אויף ווייטערע אויספירן זיינע און זאָגן דעם מיט טאלאנט־פארשאָלטענעם (נאַדירס אן אויסדרוק!) דב סדנען: דאָ האָט איר געגרייזט מיין טייערער מלומד און זאָל אייך השי״ת אויסהיטן פון **השערות**. אָדער, אויך צום ענין:
ג.— אין א בוך עסייען וועגן יידישע שרייבערס און זייערע כתבים, וואָס טראָגן א מערקווערדיקן נאָמען **״יאָ און נישט — ניין״** שרייבט דער מחבר זיינער, דער טראַגיש־אומגעקומענער יחזקאל בראָנשטיין ז״ל, כהאי־לשנאָ:
...״איך בין זיך מודה: איך ווייס נישט ווער י.ח. קלינגער איז. איך האָב אים קיינמאָל פריער נישט געלייענט און אויך פון אים נישט געהערט. זיין בוך האָט מיך אָבער פארכאַפּט מיט דעם רייץ און עשירות פון זיין סטיל און שפּראַך און, ווי שוין אויבן דערמאנט — האָב איך עס ביז איצט שוין איבערגעלייענט עטלעכע מאָל.
״די דערציילונג ״אויף גאליצישע פעלדער״ איז געשריבן אין דעם סטיל פון א זעלטענער פאָלקס־מעשה, וואָס דערמאָנט אָן דעם צויבער פון פרצ׳עס בעסטע ״פאָלקסטימלעכע גע־שיכטן...״ און דער מחבר פון דער דאָזיקער קריטיק זאָגט ווייטער:
...״צום לויב פון דעם מחבר זאָל דאָ געזאָגט ווערן, אז אויב ער איז טאקע אן אָנהייבער, ווי איך אן — כאָטש

אָנהייבער זיינען מיר אַלע און תמיד, אין אַלע תקופות און צייטן, מיט יעדן נייעם ווערק וואָס מיר באַשאַפן — אַז דער ערשטער אַרויספּאַר זיינער אין אונדזער ליטעראַטור איז זייער אַ געלונגענער...״ און נאָך שבחים!

וויל איך דאָ בעטן דעם חשובן לייענער אַליין צו דערזעען די סתירות צווישן אָט די ציטירטע דריי פּאַראַגראַפן און איך וועל זיך מודה־זיין, וואָס זאָל מיר נישט גערעכנט־ווערן אויפן חשבון פון מיינע חטאים, אַז בעת איך האָב אינעם שפּאַנישן קאָנצענטראַציע־לאַגער „מיראַנדאַ דע עבראָ״ געשריבן אויך די דאָזיקע דערציילונג, האָב איך נאָכנישט געהאַט געלייענט פּרצעס כתבים. בלייבט דאָך טאַקע פאַרן ליטעראַטור־קריטיקער צו זיין באַהאַוונט אין מער ווי איין ליטעראַטור פון נאָר איין פאָלק, און זיין זייער און זייער פּיערזעעווודיק בעתן וועלן אויסגעפינען און אָנווייזן אויף די **השפעות** פון איין שרייבער אויף אַן אַנדערן. ווייל איז דאָך **איר מאַיעסטעט די ליטעראַרישע קריטיק** אַ סאָרט משפּט איבער אַ ווערק, און צו דער גלייכער צייט אַן אונטערשיידונג. די קריטיק איז ביידע, מוז זיין ביידע, אַ קונסט אי וויסנשאַפט... טאָ וועל איך דאָ אויסזאָגן, דאָס איך האָב פאַר מיין ערשטן ליטעראַרישן רבין מיינעם ניט קיין אַנדערן ווי **אָנאָרע דע באַלזאַק**, וועמענס סעריע דערציילונגען, (איידער איך בין צוגעקומען צו זיין **„מענטשלעכער קאָמעדיע״**), א.נ. **„פילאָזאָפישע מעשהלעך״** זענען נאָך היינטיקן טאָג פאַר מיר אַ וועג־ווייזער פאַר קאָמפּאָזיציע און פאַרטיפונג ביים שילדערן דעם געראַנגל פון מענטשלעכע אַספּיראַציעס און נשמה־ריסן. דער לבוש פון מיינע דערציילונגען איז אַ מערב־אייראָפּעישער בעת דער אינהאַלט זייערער איז אַ דורכאויס יידיש־נאַציאָנאַלער...

פון וואַנעט, וועט איר פרעגן, מיין יידישע שפּראַך? דאָס איז אַ ירושה פון מיין זיידע־באָבעס שטוב, פון די מלמדים מיינע אין חדר, קלויז, בית־המדרש, פון דאַוון־שטיבל און פון די חברים

מיינע אין גאס. פון זיי אלעמען האָב איך איינגעזויגן אין זיך די זאפטן און שאַנקייט פון יידיש!

* * *

מיין דרך אין דער יידישער ליטעראַטור איז א קאָמבינאַציע פון ביידע; פון **בבאָ דאנטאָנא** און פון **שולחן־ערוך.** איז לאָמיר דאָס אביסל מבאר־זיין און אויסטייטשן און אָנווייזן אויף א סמיכות־הפרשה פון די ביידע, **בבאָ דאנטאָנא** און **שלחן־ערוך** און זייער שייכות צו מיין אופן שרייבן:

קודש וחל, דער לייטמאָטיוו אינעם לעבן און שאפן פון אונדזער פאָלק, און דערפאַר אינעם וועלט־באַנעם פון א יידישן שרייבער. האָבן דאָך אונדזערע גייסטיקע מנהיגים מקדמונים ארויפגעלייגט אויף אונדזערע פלייצעס דעם סיני מיט אלע תרי״ג און מיט דער הילף פון זיי ביידן אויסגעהאמערט אן **עם־סגולה,** מיט א גאַר אייגנאַרטיקן קוק אויף וועלט און מענטש. מיר זענען אזוי־א־נאָך מקדמונים־אָן די פיאָנערן פון א לעבן דאָמינירט דורך צדק און יושר און פון די העכסטע עטישע באגריפן וואָס דערגרייכן זייער העכסטן אויסדרוק אינעם פרינציפ און אָפּגעהיטנקייט אין יידישן משפחה־לעבן, וואָס מיר רופן אָן **טהרת המשפחה.** אונדזערע יידישע מאַמעס ווידער, האָבן א חוץ פאָלגן דעם שטרענגן אָנזאָג אין **״מעין־טהור״,** זיך פאַרנומען מיט דער **גשמיות** אין אונדזער טאָג־טעגלעכקייט, מיטן ארומיקן לעבן, וואָס איז כמעט אינגאַנצן אויפן צד פון **חול.** זיי, די מאַמעס אונדזערע, לויט אלע פאָזיטיווע און נעגאַטיווע אטריבוטן, וואָס ווערט זיי צוגעשריבן אין דער תלמודישער ליטעראַטור, האָבן ווייט נישט געהאַט קיין טיפן אריינבליק אין די ספרי־הקודש און דעם לשון אין וועלכן זיי זענען געשריבן; האָבן זיי טאַקע אינעם לויף פון דורות געלעכצט נאָך א מין ספר, נאָך א סאָרט ליטעראַטור, וואָס זאָל זיי געבן א וועלכן צוטריט צו יידישער געדאַנקלעכקייט. דער צושטעלער פון אָט דעם מין, צוערשט פאַר אונדזערע מאַמעס

און כלות און שפעטער אויך פאַרן יידישן מאנצביל־פאָלק, איז געוואָרן דער יידישער למדן־סופר־טרובאדור. סע האָבן זיך געגומען מערן ספרים מיט עטישן אינהאַלט פונעם מקור פון די כתבי־הקודש, פאַרטייטשט אויף לשון חול, אויף דער אומגאַנג־שפּראַך יידיש־טייטש, באַצירט און באַפאַרבט מיט דער פאָלקס־פאַנטאַזיע וואָס אין מדרש און אגדה, אונטערגעפירט בסך־הכול מיט א מוסר־השכל.

דער פּרינציפּ פון **טהרת המשפחה** האָט פון אונדזער פאָלקס־ליטעראַטור דערווייטערט דעם **זנות־מאָטיוו** מיט וואָס די אַלטע און היינטצייטיקע וועלט־ליטעראַטור ראַיעט אַרום. דאָס וויל אָבער נישט זאָגן, אַז מיר האָבן לגמרי באַקעמפט און באַזייטיקט אין אונדזערע געצעלטן דעם **יצר־הרע**, מען האָט אים נאָר אויס־געהאַקט איין אויג, און אים אַקייגנגעשטעלט אונדזער **טהרת־משפחה פילאָזאָפיע**, וואָס דעם צו פאַרדאַנקען זענען מיר דאָס וואָס מיר זענען, מיט א גאַנץ אַנדערער טעמאַטיק, וואָס באַגלייט אונדזער לעבן און קומט צום אויסדרוק אין אונדזערע כתבים, סיי כתבי קודש און סיי כתבי חל. איך נעם אָן, אַז דער דאָזיקער קולטור־געראַנגל פון קודש וחל איז א המשך נאָך פון 10טן יאָרהונדערט, ווען די גדולי־הספרות האָבן אויפגעשיינט אין שפּאַניע, און איז געקומען צום פיערשיין אין די **שירי היין** און ליבע לידער, ניט מער אונטער א וועלכן רעליגיעזן שלייער, פון **רבי שמואל הנגיד** (992—1055) אין גראַנאַדאַ.

נאָר, לאָמיר זיך קערן צוריק צו דעם, וואָס מיר האָבן פאַר־פריער אָנגעוויזן, וואָס פירט אונדז צו דער תקופה פון אייראָפּעיִשן **רענעסאַנס**, וואָס האָט אויפגעשיינט אינעם 15טן און 16טן יאָר־הונדערט מיט דעם באַפרייַ און באַנייַ פון ליטעראַטור, קונסט און וויסנשאַפט. אויך לאָמיר דאָ ניט פאַרבייגיין גוטענבערגס אויפטו אינעם פעלד פון דרוקערייַ, פון די באַוועגלעכע אותיות... ווייל אינאיינעם מיטן אייראָפּעיִשן קולטור און קונסט אויפבלי איז געקומען אַן אויפלעב אין דער יידיש־שפּראַך און א דאַנק דעם

דערשיינען פון **בבאָ דאַנטאָנאַ** איז געלייגט געוואָרן דער אבן־פינה פון ערשטן וועלטלעכן ראָמאַן, וואָס איז אַ בולטער אָפּנויג פון דער **צאינה־וראינה טעמאַטיק**. דאָ הייבט זיך אָן דער רענע־סאַנס אין דער יידיש־ליטעראַטור, אינעם יאָר 1541, זיין מחבר — **אליה בחור** (אליהו בן ר׳ אשר הלוי לעוויטא), וועמענס פינף־הונדערטסטער געבוירן יאָר איז אָפּגעמערקט געוואָרן אין 1969. זאָל ביי דער געלעגנהייט דאָ דערמאָנט ווערן די פּראַקטיקע שיל־דערונג פון יוסף אָפּאַטאָשו א.נ. **דער מיינסטער גייט פאַרקויפן אַ בוך** („אַ טאָג אין רעגענסבורג און אליהו בחור״, פון י. אָפּאַטאָשו, ניו יאָרק, 1933, זייט 106).

אָט דער פאַריידישטער איטאַליענישער ראָמאַן אין פערזן, וואָס זאָל זיין אַן איטאַליענישע באַאַרבעטונג פון אַן ענגלישן ראָמאַן, איז דאָס געעפנטע פענצטער צו דער מערב־אייראָפּעישער ליטעראַטור, דער רענעסאַנס־שטראַל פון וועלטלעכקייט פאַרן יידיש־רעדנדיקן יידן.

מיט „באָווא ד׳אַנטאָנאַ״ איז אלי׳ בחור דערשינען אויף דער יידישער גאַס בבחינת מלך פורץ גדר... סע האָט אַ בליץ געטאָן מיט רענעסאַנס אויף אונדזער יידישן ספרים־מאַרק; די פאָלקס־שפּראַך איז געוואָרן ביכער־שפּראַך.

אָבער דער רוקן־ביין און דער יסוד פון דעם יידנס דרך אין לעבן און שטרעבן איז דאָס ספר, וואָס איז מיט לערך 23 יאָר שפּעטער, (ה׳אלפים שכ״ז) ארויס אין דרוק, אין ווענעציע אונטער דעם וויל באַקאַנטן נאָמען **שולחן־ערוך**, פון ר׳ יוסף קארו, וואָס איז אַ קיצור פון זיין גרויסן חיבור א.נ. **בית יוסף**. איז דערפאַר פאַרענטפערט די קשיה פון דער אנדערשקייט פון יידישן מענטשן, וועלכער האָט דורות לאַנג זיך דערצויגן לויט די כללים אין שולחן־ערוך. ווי מערקווערדיק דאָס זאָל אויך נישט קלינגען, איז כדאי דאָ אָנצוווייזן: מענדעלע מוכר־ספרים גיט ארויס זיין ערשט בוך אויף יידיש **„דאָס קליינע מענטשעלע״** אין 1863 און כמעט אין זעלביקן יאָר, נאָר חדשים שפּעטער, דערשיינט צום ערשטן

מאָל דאָס ביזן היינטיקן טאָג אָפגעהיטענע ספרל אין טראַדיציאָנעלע יידישע היימען, דער „**קיצור שלחן ערוך**" פון ר' שלמה גאַנצפריד. זייט באַ זייט שפּרייזן אין אונדזערע היימען און אין אונדזער געמיט חל און קודש; זיי פירן אַן אייביקן געראַנגל מיט אונדז, מיט אונדזער שטייגער לעבן, שטרעבן און גייסטיקן שאַפן. איז דריבער קיין וואונדער נישט, וואָס אונדזער יידישע־וועלטלעכע ליטעראַטור האָט געקענט אַרויסגעבן אַזאַ ווערק ווי „**דער תהילים ייד**", אָבער נישט אַ ווערק ווי באַלזאַקס „**פּער גאָריאָ**". דאָס פּאַראַנטפערט זיך דערמיט ווייל מיר זענען אַ פאָלק מיט אַ דרך־החיים, וואָס ווערט גערעגלט על־פּי שולחן־ערוך, מיט ערנסטע פּראָבלעמען פון **טהרת־משפחה** און מיט דער גאַנצער סיני־עטיק, וואָס איז דער יסוד פון אונדזער זיין. די **זנות־טעמאַטיק** וואָס אַ געוויסער טייל פון מאָדערנ־יידישן שרייבערטום וויל אַרויסשלעפּן פון „טאַטנס בית־דין־שטיבל" איז דערווידער דעם יידישן לייענער, און דאָס שפּיגלט ניט אָפּ אונדזער נאַציאָנאַלן געניוס און קען דערפאַר ניט אַנדערקענט ווערן ווי וועלט־ליטעראַטור. בעת אָבער שאַפונגען ווי „**דער צלם**", **שפוך חמתך**" פון אַ למד שאַפּיראָ און גאָר אַ גרויסע צאָל ווערק פון הונדערט אַנדערע יידישע שרייבערס וועלן בלייבן רינגען אין דער גאָלדענער קייט פון יידיש נאַציאָנאַלן און וועלטלעכן שאַפן.

העלף־זשע מיר, גאָט פון מיינע אבות, צו בלייבן צווישן די וועלכע גייען אין די דרכים פון די באַזינגערס פון אונדזערע מאַמעס די צנועות און די טאַטעס די תהילים־יידן — אמן!

ישראל חיים בן צבי שרגא פייוויש קלינגער

אירֶאטשקא

ביידע זענען זיי אָנגעקומען אויפֿן פאריזער וואָקזאל און די פרעמדקייט אין דער גרויסער וועלט־שטאָט האָט פֿאַר א צייט זיי פֿארחברט, הגם זייערע צילן, כוונות און סיבות צוליב וועלכע זיי זענען אהער געקומען, זענען גאָר אנדערע געווען.

דאָס ערשטע האָטעל־צימער האָבן זיי בשותפות זיך גענומען, אין א זייטיק געסל, וואָס אין לאטייבישן קווארטאל. דאָס איז

געקומען דערפון, וואָס איינער פון זיי, יאַקוב זינגערמאַן, האָט מיטגעהאַט דעם אַדרעס פון האָטעל, פון זיינעם אַ שול־פריינד, וועלכער האָט אָוועקגעוואָרפן דאָס שטודירן אין פאַריז און זיך צוריקגעקערט אין זיין גאַליצישן שטעטל, אַוועק אויף „הכשרה" כדי שפּעטער קיין פּאַלעסטינע עולה־צו־זיין. דערציילט האָט מען וועגן דאָזיקן שול־פריינד זיינעם, אַז אין פּאַלעסטינע איז ער אַ „מאַפּס" געוואָרן, אַוועק מיט אַ גרופּע „מאַפּסים" קיין מאָסקווע און דאָרט אומגעקומען אויף פאַרשיקונג.

זינגערמאַן, דער מאַטוראַנט מיט אַן אויסצייכענונג, האָט, אַ חוץ דעם האָטעל־אַדרעס, געהאַט נאָך אַן עודף; ער האָט געהאַט אַ גענוגנדיקע ידיעה אין דער פראַנצייזישער שפּראַך און אָנקומענדיק, באַלד זיך אין איר געקענט צונויפריידן.

דער אַנדערער יונגערמאַן, מאָטל קאַליכמאַן, האָט פאַרלאָזט זיין קליין שטעטל פון אונטער וואַרשע מיט אַ פּאַך אין האַנט; אַ קירזשנער פון דורות־אָן, האָט ער מיט זיך מיטגעהאַט אַ בינטל געצייכנטע מאָדעלן פון „אַזעלכענע פוטערנע דאַמסקע מאַנטלען, וואָס ווי נאָר ער וועט זיי באַווייזן פאַר דעם, צו וועמען מ'האָט אים מיטגעגעבן אַן אַדרעס צו באַקומען אַ שטעל, וועט ער גלייך קענען אַרויסשיקן די ערשטע הונדערט זלאָטעס צו טאַטע־מאַמע", וועלכע האָבן זיך אָנגעבאָרגט כדי ער זאָל האָבן אויף די הוצאות קיין פאַריז און אויף צו קענען לעבן דעם ערשטן חודש ביז ער וועט זיך ווי געהעריק איינאָרדנען.

שוין דער ערשטער פרימאָרגן אין פאַריז האָט זיי פאַנאַנדער געטיילט; זינגערמאַן איז אַוועק זיך פאַרשרייבן אויפן פאַקולטעט און מאַקס (נישט מער — מאָטל!) איז פאַרבליבן דעם גאַנצן פרימאָרגן אין האָטעל פאַר מורא אַליין אין גאַס אַריין זיך אַרויסצולאָזן, טאָמער וועט ער פאַרבלאָנדזשען. דער נייער חבר זיינער איז אים נאָך ניט געווען גענוג היימיש, אַז ער זאָל אים שוין דעם ערשטן טאָג באַמיען מיט העלפן אים אויסגעפינען דעם וועג צו דער פעלץ־פאַבריק. נאָכאַלעם, ווי לאַנג אַז זיי

קענען זיך? קוים צוויי מעת־לעת, ווען זיי האָבן בייטנדיק דעם עקספרעס פראג־פאריז צום ערשטן מאָל זיך באגעגנט אין וואגאָן און מיט די נעז דערשמעקט אז זיי זענען יידן און זיך צעשמועסט. זינגערמאן האָט זיך דערוווסט די סיבה פון מאקסעס אויסבלייבן אין האָטעל, אים באלד אונטער זיין רשות גענומען, כדי זיך אליין און אים אויסצוגרינען אין דער גרויסער וועלט און אין די נאָכמיטיק־שעהן האָבן זיךביידע א לאָז געטאָן מיט פאראלעלע גאסן צו די פאריזער גרויסע בולווארן. זיי זענען אריין אין א גרויסן פעלצ־מאגאזין, וואָס איז געווען דער אדרעס צו וועלכן מאקס איז געקומען, און הגם זיינע, מאקסעס, מאָדעלן האָבן דאָרט נישט נושא־חן־געווען, האָט ער טראָץ דעם באקומען אן ארבעטס־קאָנטראקט פארן גאנצן ווינטער־סעזאָן.

אזוי זענען זיי, דער סטודענט און דער קירזשנער, געוואָרן חברים, געוווינט אין זעלביקן האָטעל פאר א לענגערער צייט און מאקס האָט גענומען לעקציעס פון פראנצייזיז ביי זיין חבר. זינגערמאן, פון זיין זייט, האָט ארויסגעוויזן גרויס אינטערעס פאר מאקסעס קענטעענישן אין יידישע לימודים, געהאט הנאָה מיט אים צו דיסקוטירן וועגן סאָציאלע מאָטיוון אין דער מאָדערנער יידישער ליטעראטור, אפילו זיך פון אים צום ערשטן מאָל דערוווסט וועגן פרצ׳עס "די פרומע קאץ", וואָס לויט מאקסן האָט דאָס געזאָלט זיין א שארפע סאטירע קעגן דער צווייפנימ־דיקייט פון דער פרומער בורזשואזיע לגבי דעם אומשולדיקן פייגעלע, דעם ארבעטער־פראָלעטאריאט.

מאקס האָט זיך במשך פון עטלעכע חדשים אויסגעלערנט צו דערקענען אלע בוכשטאבן פון דער פראנצויזישער שפראך, ביסלעכווייז שוין געקענט נאָכקאָפּירן אן אדרעס, אָדער א נאָמען פון א גאס און איז געוואָרן א בקי אויף צו בייטן די מעטראָ אין אלע ריכטונגען. ער האָט אָנגעהויבן ניט שלעכט צו פארדינען און געשיקט רעגלמעסיק, יעדן ערשטן, הונדערט פראנק צו טאטע־מאמע אין פוילן. א האלב יאָר איז פארביי האָבן אים די

עלטערן, באזונדער די מאמע, אָנגעהויבן באוואָרפן מיט בריוו אין וועלכע זיי האָבן געגעבן אָנצוהערן זייער פּרנסה־געבער, אַז פּאַריז איז א טרפהנע מדינה און אז ער זאָל זען ווערן א באַלעבאָס מיט אן אייגן ווייב, „א לייטישע יידישע טאָכטער״. דאָס וואָרט „יידישע טאָכטער״ איז אַלעמאָל געווען אונטער־געשטראָכן מיט א רויטן בלייער. מאַקס האָט גוט פאַרשטאַנען טאַטע־מאַמעס כוונה און האָט אָנגעהויבן זיך פירן אַזוי פרום ווי פאַרן פאַרלאָזן די אַלטע־היים.

א געוויסן טאָג האָט מאַקס געלאָזט וויסן זיין חבר, אז ער פאַרלאָזט דעם האָטעל און אַז ער האָט זיך געדונגען א קליינע דירה ניט ווייט פון „פּאָלי בערזשער״ אין דער געגנט פון מעטראָ קאַדע, אין האַרץ פון דער פּעלץ־בראַנזשע, וווּ עס זענען פאַראַן יידישע כשר־רעסטאָראַנען מיט געהאַקטע לעבער מיט ציבעלע און אַלע אַנדערע היימישע מאכלים און געטראַנקען. ער איז אַפילו געוואָרן א מיטגליד אין א היימיש שולעכל פון זיינע לאַנדסלייט.

נאָכן ערשטן יאָר אָפּזיין אין פּאַריז, האָט מאַקס געמיינט, אַז ער וועט דאַרפן פאָלגן דער מאַמען זיינער, וועלכע האָט אים פאַרזיכערט, אַז ער וועט מוזן קומען צופאָרן א היים און דאָרט זיך אויסקלייבן א כלה, א באַלעבאַטישע יידישע טאָכטער. האָט אָבער זיך געמאַכט א צופאַל און מאַקס האָט באַקומען א פאַר־בעטונג פון זיין חבר דעם סטודענט צו קומען צום יערלעכן באַל, וואָס דער יידישער סטודענטן־פאַרבאַנד האָט איינגעאָרדנט יעדן ניי־יאָר ערב דעם ערשטן יאַנואַר. אָנהויב האָט זיך מאַקס געקווענקלט און ניט געקענט זיך אויפן מאָמענט דעצידירן צי זאָל ער די איינלאַדונג אָננעמען. ער האָט זיך גוט געקענט, געליטן פון זיין נידעריקן וווּקס, פון זיין חברים, זינגערמאַנס, באַקאַנטע מיידלעך, וואָס האָבן אַליין אויך געשטאַמט פון פּוילישע שטעט און שטעטלעך און וואָס האָבן דאָ שטודירט און געקוקט אויף אים מיט א ניט סימפּאַטישן שמייכל. געקומען אים אויפן

געדאנק ראיאַ און פּיראַ, צוויי גאָר שיינע יידישע סטודענטקעס פון בעסאראביע און ער האָט באשלאָסן צו גיין אויפן באל, און אויב ער וועט ניט האָבן אליין גענוג קוראַזש, וועט ער דאן האָבן אן אָפּענעם שמועס מיט אים, מיט זינגערמאנען...

מאקס האט אליין ניט געוווסט, אז די צייט איז זיין בעסטער פריינט, ער האָט נאָר באדארפט ביי זיך צו באשליסן מיט וועלכער פון די צוויי שאָנקייטן ער וועט וועלן חתונה האָבן, מיט ראיען צו מיט פּירען.

די יידישע סטודענטנשאפט האָט צו יענער צייט אדורכ־געלעבט א שווערן קריזיס. די עלטערן אין דער אלטער היים האָבן ניט געהאט קיין מאטעריעלע מעגלעכקייטן צו קענען העלפן זייערע זין אָדער טעכטער, וואָס זענען ארויסגעפאָרן שטודירן קיין פראנקרייך. די יונגע מענער האָבן זיך א וואָרף געטאָן אויף פשוטער, פראָלעטארישער ארבעט — ווי טראָגן פעקלעך אויף די וואָקזאלן ביז שטופּן די וועגענער מיט גרינצייג און אַנדערע סחורות אין די גרויסע פאריזער האלעס. א גרויסער טייל פון דער סטודענטנשאפט האָט טראָץ די איבערמענטשלעכע שווערע מאטעריעלע באדינגונגען, זיך צוגעגרייט צו עקזאמענס אויף די פארשידענע פאקולטעטן. א סך שווערער איז געווען דער מצב פון טייל יידישע סטודענטקעס. זיי האָבן געמוזט זוכן ארבעט אין האָטעלן, אין סטודענטישע רעסטאָראנען, אין קינדערהיימען, אָדער ביי פריוואַטע משפחות. ראיאַ און פּיראַ האָבן שוין זייט חדשים געארבעט אין א רעסטאָראנטשיק אונטער דעם פּאנטעאָן. זיי האָבן געשיילט קארטאָפל, געוואַשן די געפעס. די ארבעט איז געווען גאָר א שווערע און באקומען האָבן זיי פאר זייער ארבעט מיטאָגן און אָוונטברויט און קוים אויף צו קענען באַצאָלן פארן האָטעל פאר דער וואָך פאָרויס.

פּיראַ, אָדער פּיראָטשקא, איז געווען א בלאָנדע, בלאָע אויגן און שווארצע ברעמען און וויעס. דאָס פּנים אָוואל און די ליפּן

שיין געשניצט. זי איז געווען שיין, הויך געוואַקסן, און מאַקס האָט זיך אין איר געזעלשאַפט געפילט ווי פאַרלוירן.

אנדערש איז געווען ראיאַ; ניט אזוי הויך ווי פּירא, נאָר צוגעלאָזענער, מיט א שווארצן קאָפּ האָר, שווארצע פריילעכע אויגן, א מויל ציין ווי די שענסטע פּערל. אויך פלעגט זי צו אים רעדן אזוי מילד און מיט א שמייכל, וואָס איז זיך צעגאַנגען אין אלע אברים. נאָר צוליבן שווערן מאַטעריעלן מצב איז זי אויך געווען א היפּש ביסל רעזיגנירט. זי האָט שוין אָנגעהויבן אריינ־צושמעקן אין די קרייזן פון דער „קולטור ליגע" און פאַרפירן שמועסן מיט די יידישע פּראָלעטאריער פון די פאַריזער יידישע ארבעטער־פאַכן אויפן בעלוויל און אַרום רעפּובליק.

אויך מאַקס פלעגט זיך אריינכאַפּן אין די ווינטער אָוונטן, אין לאָקאַל פון דער „קולטור־ליגע", וואָס איז געווען ניט ווייט פון פּלאַס־רעפּובליק, נאָר נאָכן אויסהערן א ריי רעפעראַטן און דיסקוסיעס, איז עס אים דאָרט ניט איבעריק געפעלן געוואָרן. ער האָט בשום אופן ניט געקענט פאַרשטיין פאַרוואָס סטאַלין איז ביי יענער חברה פאַרגעטערט און דער בעל־שם איז א ווילדער רעאַקציאָנער. מען האָט דאָרט גערעדט וועגן א פּראָ־גרעסיווער ליטעראַטור, נאָר קיינער האָט אים ניט געקענט קלאָר מאַכן וואָס עס מיינט אזעלכעס פּראָגרעסיווע קולטור און ליטעראַטור פאַרן יידישן ארבעטער־קלאַס. די סתירות, אידעאָלאָגישע און יידיש־נאַציאָנאַלע זענען געווען צו שאַרף, אז ער זאָל קענען דאָס אלץ אראָפּשלינגען, אָן זיך צו רעוואָלטירן קעגן דעם, וואָס האָט געמוזט פירן א גאַנצן דור יידישע פּראָגרעסיווע דענקענדיקע יונגע מענטשן צו בגידה אין זייער אייגענער, אָרגאַנישער און דורותדיקער קולטור; זי צו באשפּייען, און פּרווון אויסוואָרצלען זי פון דער אייגענער נשמה, ארויסצושטויסן זי פון צווישן די אייגענע פיר ווענט און זיך אויפצווינגען א פרעמדע אנטי־יידישע און אנטי־מענטשעלכע סטאַלינישע קולטור.

דער באַל

דער אָוונט פון יידישן סטודענטן־באַל האָט זיך דערנענטערט. מאַקס, אַן אויסגעסטראָיעטער אין א, מיט דער האַנט באַנייטן גראַנאַט־טונקלען נייעם אַנצוג, האָט זיך באַצייטנס באַוויזן אינעם יידישן סטודענטן־פאַריין אויף רי לאַטראַן, אויפגעזוכט יאַקוב זינ־גערמאַנען און אים פאַרבעטן אויף אָוונטברויט אין רעסטאָראַן „לאַ קאַפּולאַד". ער, מאַקס, האָט אויסגערעכנט, אַז דאָ אויפן ערשטן עטאַזש ביי א לייטישן טעלער שמעקנדיקן פּאָם־פריט מיט א לייטישן הייסן ביפשטעק מיט פרישן גרינעם סאַלאַד, און דערצו א פלאַש רויטן בורגאָין, וועט זיין באַקוועמער ארויסצושטאַמלען פאַר יאַקובן אַלע זיינע פּלענער, וואָס האָבן אין אים ארויסגערופן סיי פרייד סיי שרעק.

יאַקוב, האָט א שמעק געטאָן צום אַנגעגאָסענעם גלאָז בורגאָין און אָ הייטערער זיך אָפּגערופן צו מאַקסן:

— נו, שער אַמי, הייסט עס, אַז דיר געפעלט גאָר שטאַרק ראַיאַ, פאַ—ווּרע?*)

די שאלה האָט ווי א בליץ געטראָפן מאַקסן. זעט אויס, אַז אויך ער, יאַקוב, האַלט אַז פּיראַ איז צופיל אַריסטאָקראַטקע. אַלע בלאָנדינקעס, הייסט עס, האַלטן זיך פאַר אַריסטאָקראַטקעס. אין דער אמתן, וואָלט ער זיך עפעס ניט גוט געפילט ווען ער זאָל דאַרפן אַהיימפאָרן צו זיינע עלטערן און זיי פאָרשטעלן א כלה, וואָס האָט א העלן קאָפּ בלאָנדע האָר, העל בלאָע אויגן און דערצו וועט זי אפילו ניט קענען ארויסרעדן קיין צען ווערטער מאַמע־לשון. דערביי האָט ער זיך דערמאַנט וויאַזוי א באַקאַנטער חבר זיינער, א ליטוואַק, האָט חתונה געהאַט מיט אַן אמתער פראַנצייזקע, איז מיט איר געקומען אויף א באַזוך צו זיינע טאַטע־מאַמע און זיי אָפּגענאַרט, אַז זי איז א יידישע פראַנצייזקע,

---

*) ניט אמת, אפשר?

וואָס קען ניט רעדן קיין יידיש. ווען די עלטערן האָבן זיך שפּעטער דערוווּסט, אַז זייער זון האָט זיי אַזוי ביטער אויסגעלאַכט, איז דער פאָטער אַראָפּ פון זינען פאַר בושה און די מוטער האָט באַקומען אַ קראַנק האַרץ און לאַנג ניט אָנגעהאַלטן.

מאַקס האָט אויף יאַקובס פראַגע ניט געענטפערט, נאָר ער האָט דאָס אויסגעטייטשט אַז ס׳איז אַ זיווג פון הימל, ראַיאַ און ניט קיין אַנדערע איז זיין באַשערטע. ער האָט באַשטעלט אַ צווייטע פלאַש בורגאָין און ראַיאַ האָט זיך אים שוין ניט אָפּגעטאָן פון פאַר זיינע אויגן. זי האָט געהאַלטן אין איין שמייכלען צו אים און אירע חן־גריבעלעך האָבן זיך אָנגעפילט מיט רויזן בלעטלעך און האָניק. און נאָך אַ מעלה האָט זי געהאַט, ראַיאַ, כאָטש אַ סטודענטקע פון באַקטעריאָלאָגיע — האָט זי זיך ניט געשעמט אויסצוזאָגן, אַז איר פאָטער דאָרט, אין בעסאַראַבישן שטעטל, איז אַ שניידערמייסטער און אויב ער, מאַקס, האָט צו איר ניט געקענט ריידן רוסיש אָדער פראַנצייזיש, האָט זי אים דאָס ניט פאַרשריבן אויפן חשבון פון זיין אינטעליגענץ און האָט צו אים גערעדט אין איר באַהנטן, שיקסעוואַטן, יידיש מיט אַ האַרטער ריש.

* * *

דער אַמפיטעאַטער־רישעליע, אויף דער סאָרבאָנע, איז געווען שיין דעקאָרירט. איבער דער עסטראַדע ווו ס׳האָט געשפּילט דער אָרקעסטער איז פון איין זייט געהאָנגען די פראַנצייזישע פאָן און קעגנאיבער איר האָט געהאַנגען די יידישע בלאָ־ווייסע פאָן. צווישן די ביידע פאָנען אַ ביסל נידעריקער אויף דער וואַנט, אַרומגענומען אין צוויי אָרעמס פון לאָרבערק־ראַנצן זענען געהאַנגען צוויי גרויסע פּאָרטרעטן פון די צוויי גרויסע פילאָזאָפן — דעקאַרט און שפּינאָזאַ.

קורץ פאַר האַלבער־נאַכט איז דער אַמפיטעאַטער געווען געפּאַקט איבער די ברעגעס. די רייכע פראַנצייזיש־יידישע פּאַריזער געזעלשאַפט האָט געוווּסט אַז פונעם מאַטעריעלן דער־

פאַלג פון באַל, איז אָפּהענגיק דער גורל פון א גאַר גרויסער צאָל יידישע סטודענטן און סטודענטקעס, צווישן וועלכע עס זענען געווען אזעלכע, וואָס האָבן אפילו ניט געהאַט אויף צו באַצאָלן די קליינע סומע פאַר די עקזאַמענס שוין אָפּגערעדט פון דער כשרער סטודענטן קיך ווו אַ גרעסערער טייל פון די מיטגלידער האָט ניט געהאַט צו באַצאָלן פאַר די ביליקע מאָלציַיטן. עס זענען אויך געקומען א טייל פּראָפעסאָרן, כדי ארויסצוווייזן סימפּאַטיע צו דער יידיש סטודענטישער יוגנט, וועלכע איז דורשטיק נאָך וויסן און מוז ליידן צוליב זייערע אנטיסעמיטישע רעזשימען.

ראַיאַ איז געשטאַנען אין א ווינקל ניט ווייט פונעם בופעט און מאַקס, א פריילעכער, האָט איר צוגעטראָגן א קעלישיקל ליקער און זיך דערביי געקלערט וויאַזוי צו געבן איר צו פארשטיין, אז ער איז גרייט צו דינען איר ווי א געטרייער חבר דאָס גאַנצע לעבן... פּלוצעם און דער אוניווערסיטעט זייגער האָט אויסגעשלאָגן האַלבע נאַכט, און מיטאַמאָל איז אויסגעגאַנגען דאָס עלעקטרישע ליכט אין זאַל. מאַקס האָט ארומגענומען ראַיען אין דער שטאָק-פינצטערניש און איר אָפּגעפּרעסט א ברענענדיקן קוש אויף די ליקער-באַנעצטע קאַרמען-רויטע ליפּעלעך אירע.

ווען אין זאַל איז צוריק ליכטיק געוואָרן און די מוזיק האָט אויפגעשפּילט די „מארסייעז״, האָט מאַקס, צו זיין גרויסער איבעראַשונג, דערזען, אז ער און ראַיאַ זענען געפאַנגען אין א ראָד פון באַקאַנטע פּנימער, ראַיאַ׳ס און זינגערמאַנס חברים און צווישן זיי אויך זינגערמאַן מיט פירען. ווי נאָר די מוזיק האָט פאַרענדיקט שפּילן דעם פראַנצייזישן נאַציאָנאַלן הימן, האָבן זיך אלע אַ נעם געטאָן צו די צוויי, זיי צוגעפּירט מיט הייטערקייט צום בופעט, געלאָזט אויסטיילן גלעזלעך פּוילישן בראַנפן און טרינקענדיק „צום ערשטן קוש״ וואָס ראַיאַ האָט באַקומען פון מאַקסן, האָבן זיי אויפגעזונגען דאָס פריילעכע יידישע ליד:

„לאמיר אלע, אלע אינאיינעם חתן כלה מקבל פנים זיין.״...

ראַיאַ האט געהאלטן ארונטערגעלאזט די אויגן און מאקסן האבן זיך די קאלירן אין פנים געביטן, ער האט אינערלעך געפילט אז ר׳איז איבער־גליקלעך, נאר נישט געוווסט וויאזוי זיך דאָ ארויסצופלאָנטערן פון דער סיטואציע, זיך ניט פארלירן און ראַיאַן ניט צו פארלירן. דאָ איז אים ראַיאַ געקומען צו הילף. זעענדיק זיין ניט דרייסטקייט און גרויסע פארלעגנהייט, האט זי אים אנגענומען ביי ביידע הענט און ווי געבעטן:

— שערי, אמבראס מואַ, קוש מיר טייערינקער...

אלע האבן זיך ארומגענומען און ס׳איז געוואָרן צווישן זיי אַ קושעניש אזויווי צווישן אמתע מחותנים, נאָר זיי האָבן זיך פארביטן מיט די יוצרות, פאר גרויס שמחה האָט מען זיך געקושט ניט וויסנדיק ווער וועמען ס׳קושט און פריילעכע האבן זיי זיך אלע ארייגעשלייכט אינעם טאנצנדיקן קאראהאָד פון יוגנט, ליבע און אַן אוונט אָן זאָרג.

מאקס איז געווען א נישט געשיקטער טענצער, ער האט געהאט גרויס חרטה פאר יעדן טריט, וואס ער האט געמאכט אויף ראַיאַ׳ס דראָבנע פיסלעך. ער האט איר איינגערוימט א סוד, אז זיי זאָלן זיך ביידע ארויסגאנווענען פון צווישן דעם עולם, כל־זמן אלע טאַנצן, און זיך אריבערכאפן אין אַן אנדער אָרט און דאָרט אומגעשטערט פארברענגען דעם רעשט ניי־יאָר־באל. ראַיאַ, האט, טאנצנדיק, זיך ארויסגעשלייכט מיט מאקסן און א טאַקסי האָט זיי פארפירט צום רוסישן קאבארעט „זאָלאָטאַיאַ ריבקא״, אויף מאָנפארנאס.

צוויי אויסגעסטראָיעטע ווייסגווארדיישע קאָזאַקן אין פולן מונדיר, ווי אין די גוטע צארישע צייטן, האבן ביי זיי אוועקגענומען די מאנטלען צו דער גארדעראָבע און זיי באגריסט לויט אלע כללים פון דער היכער פעטערבורגער געזעלשאפט, גערעדט צו זיי רוסיש און מיט גרויס מי פאר זיי אויסגעפונען אַן אָרט ביי א טישל פאר צוויי. ס׳איז דא געווען ענג, א געדרענג און פריילעך. די קעלנער, אין די שווארצע פראַקן און בלאנק־ווייסע ברוסטן

און קראַגנס, האָבן סערווירט פארשידענע מאכלים פון א רוסישן באָרשט מיט סמעטענע ביז דעם פיינסטן קאַוויאַר מיט אלטן זידנדיקן שאמפאניער. ארומגענומען מיט א געהיימען א־זשור ליכט און איינגעהילט אין געווייַן פון באלאלייקעס און קאזאקישע ראָמאנצן, האָט ראַיאַ זיך, פאר גרויס גליק, ניט געקענט מער באהערשן, ארומגענומען מאקסן, לאנג אים געהאלזט און געקושט אזש ס'האָט איר אָטעם פארפעלט, און געשעפטשעט צו אים אויף רוסיש, אז זי האט אים שטארק האָלד.

א בראזג פון שאמפאניער־גלעזער, פון האלב שיכורע, געוועזענע, רייכע רוסישע אפיצירן פון דער אמאליקער צארישער גווארדיע, האָט זיי אויפגעוועקט פון זייערע אינטימע שמועסן און באצאָלנדיק פארן עסן און טרינקען א סומע, פאר וועלכער מאקס האָט שפעטער געמוזט אפהאָרעווען ביי זיין פירמע גאנצע צוויי חדשים, האט ער צובאגלייט ראַיאַן צום האָטעל אירן, ניט ווייט פון לוקסעמבורגער גאָרטן.

דער פאריזער הימל האט זיך שוין געהאלטן ביים שפאלטן, דער פראָסטיקער בלאָער הימל־קאָליר האָט אָנגעזאָגט דעם קאַיאָר. מאקס האָט האסטיק צוריקגעהאלטן ראַיאַן ביי דער האַנט און, מיט א שטומען ווונק מיט די אויגן, איר אנגעוויזן אויף זינגער־מאנען מיט פיראן, וועלכע זענען געשטאנען ביים אריינגאַנג פון האָטעל און געקלאמערט צו זיך, געוואלט זיך אריינפרעסן איינס אין אנדערן, אזוי גרויס איז געווען זייער עקסטאז פון ליבע.

אין „טו ווא ביען"

יעסט מנאָגאָ דיעוואָטשעק פרילעסניך,
יעסט מנאָגאָ לאסקאוויך אימיאָן,
נאָ, אדנאָ, איז ניך טרעוואָזשיט,
אונאסיא פאָקאָי אי סאָן.
סערצע, מניע טאק כאָצעטסאָ פאקאָיאָ,

סערצע, קאק כאַראָשאָ נא סוויעטע זשיט,
סערצע, טאק טשטאָ־זשע טי טאקאָיע,
ספאסיבא סערצע טשטאָ טי אומיעיעש
טאק ליוביט. (1)

* * *

ביידע, ראַיאַ און מאקס, האבן זיך גיך אָפגעטראָגן אין א זייטיק געסל און מידע פון דער נאכט, פונעם ווייַן און מוזיק איז פאר זיי געבליבן, אדער ארומדרייען זיך און צוּוואַרטן ביז פּיראַ און זינגערמאַן וועלן זיך געזעגענען און באפרייען דעם אריינגאנג פון האָטעל, אדער ווידער זיך אריינכאַפּן ערגעצוווּ אין א קאפע און צוּוואַרטן ביז די מעטרא וועט אנהויבן קורסירן און דעמאלט וועט יעדער אהיימפארן צו זיך. מאקס האט גענומען ראַיאַן אונטערן אָרעם און אָן א וואָרט ארויסצורעדן האבן ביידע גענומען שטעלן גיכע טריט, כדי זיך אביסל צעווארעמען און ארויסיאָגן פון די ביינער די נאכטיקע קעלט, וואָס האָט גענומען קריכן אין אלע אברים און איינשלעפערן זיי. אזוי יאָגנדיק זיך, האָבן זיי אדורכגעשניטן דעם פלאץ סען־מישעל, אדורכגעשלייכט זיך צווישן הונדערטער בלומען־טעפּ מיט בלומען אויף א בריק איבער דער סען, נאָך וועלכער ס'האָבן זיך ארויסגעשיילט די טונקעלע קאנטורן פון דעם „סאראַ־בערנהארד־טעאַטער" אין דער רעכטער האנט, און פון „שאטלע

---

(1) פאַראַן אזויפיל מיידלעך געשמאקע
פאַראַן אזויפיל צערטלעכע נעמען,
נאָר איינער פון זיי צעטומלט מיך
צורויבנדיק מיר מיין רו און שלאָף.
הארץ, מיר ווילט זיך אזוי שטארק מנוחה,
הארץ, אַך ווי גוט ס'איז צו לעבן אויף דער וועלט,
הארץ, ווער־זשע ביסטו אזוינס ?
א דאנק דיר הארץ, וואס דו קענסט אזוי ליבן.

טעאַטער״ קעגנאיבער דעם סאַראַ־בערנהארד, און דורכשניידנדיק די „רי־דע־ריוואָלי״, האבן זיי אפגעשטעלט א טאקסי אויפן בולוואר סעבאסטאָפּאָל און צוגעפארן צום קאפע־רעסטאָראנט „טו וואַ ביען״, אויף בולוואר סען־דעני.

„טו־וואַ־ביען״, איז געווען א נאמען וואס האט אפילו א הונגעריקן אָנגעשטעקט מיט אפטימיזם און חשק צום לעבן. דער קאפע־רעסטאָראן איז געשטאנען אָפן א גאנצן מעת־לעת און אן אָנזאָג איז געגעבן געווארן פון די דירעקטאָרן פון דער פירמע צו אלע גארסאָנען, אז אויב א קליענט וועט עסן מער און אָנגעבן ווייניקער, זאָלן זיי אים גלייבן און רעכענען פאר וויפיל עס איז אָנגעגעבן געווארן דורכן קליענט. געגעסן און געטרונקען האָבן דאָרט, אין „טו וואַ ביען״, אי גאסן־פרויען, אי ארבעטער, רייכע טוריסטן און יונגע פארליבטע פּאָרלעך, אָקטיאָרן, זשורנאליסטן און רעדאקטאָרן פון די גרויסע פראנצייזישע טאָג־צייטונגען צוזאם מיט די דירעקטארן פון די דערנעבנדיקע נאכט־קלובן, טעאַטערן און קאבארעטן. פון דאָנען פלעגן די אלע באטייליקטע אין דער פרעסע אדער טעאַטער־וועלט זיך אריבערכאַפּן אין א קאפע אויפן מאָנפּארנאַס, אָדער די פון מאָנפּארנאס זענען געקומען אהערצו.

מאקס האָט דערפון געוווסט און אפילו געקענט אנווייזן אויף אייניקע גאָר גרויסע פערזענלעכקייטן פון דער פרעסע אדער טעאַטער־וועלט. ער אליין האט אויך געהאט עפּעס אין זכרון פון וואַכעדיקע נעכט אין דאָזיקן קאפע. דאס איז פאָר־געקומען אין טעג פון בענקעניש צוריק צום שטעטל, צו חברים און טאטע־מאמע. און אז ס׳האָט אים ווען אנגעיאָגט אַזאַ אומעט און בענקעניש, פלעגט ער זיך אהער ארייננכאפּן, אוועקזעצן זיך אין א ווינקל ביי א „סאלאַד פּאַנאשע״ מיט א גלאָז ביר און קוקן אויף זיינע אייגענע אומצאָליקע פנימער אין די געשליפענע שפיגל־ווענט פון אלע זייטן, טראכטן און צו גארניט זיך דער־טראכטן, ביז די אויגן האָבן זיך ביי אים גענומען שליסן.

ער האָט איצט איר דערציילט ווי אזוי אין איינעם אַזאַ שפעטן אָוונט האָט ער געהאַט איינגעדרימלט און מיט דער נאָז אריינגעקראָכן אין דעם הייסן טעפּעלע קאווע, וואס ער האט געהאט פאר זיך שטיין; ווי ער האָט זיך א דערשראקענער א הייב געטאָן מיט אַזאַ פּחדים־געשריי, אזש דער עולם ארום די טישלעך האט זיך צעלאכט ביז אין טאָג־אריין. ראַיאַ האט א זיפ געטאָן דאס הייסע טעפּעלע קאווע און זיך צוגעטוליעט צו מאקסן. זייער אינטימער שמועס איז געוואָרן נאָך אינטימער.

— איר ווייסט ראַיטשקאַ — האָט ער מיטאמאל געביטן דעם טאָן — מיר וואלטן גוט געטאָן ווען מיר, יעדער פון זיין זייט, וואָלטן אנגעשריבן א בריוול צו טאַטע מאַמע אז מיר זענען חתן און כלה און אז מיר האבן באשלאָסן נאָך היינטיקן ווינטער חתונה האָבן.

— שוין, אזוי גיך? — האָט ראַיאַ מיט א מידן שמייכל אריינגעוואָרפן די קורצע פראַגע. זי האט דערביי געכאפט אין געהיים א בליק אויף אירע פארהאָרוועטע און פון קארטאָפל שיילעכץ צעפּייניקטע הענטלעך.

מאקס האָט צוגעטראָגן אירע הענטלעך צו זיינע ליפּן און זיי געלאשטשעט און געקושט.

— ביי מיר, ראַיאַ, ראַאיטשקאַ, וועט אייך זיין גוט, איך וועל אייך האלטן פאר מיין פרינצעסן, איך וועל אייך ליבן אמתדיק און אייביק, איך...

ראַיאַ האָט ארויפגעלייגט אירע צוויי פינגער אויף מאקסעס ליפּן און אים מיט פארטרערטע אויגן געענטפערט:

— יע, איך וועל שרייבן צו טאַטע־מאַמען.

מאקס א גליקלעכער איז, אהיימקומענדיק צו זיך אין זיין וווינונג, ניט געגאנגען גלייך אין בעט אריין זיך אויסרוען, ער האט פאר גרויס פרייד אנגעצונדן דעם גאַז און אוועקגעשטעלט אויפקאָכן וואַסער פאר א פרישׁ טעפּעלע שוואַרצן קאווע מיט א סך רויטן צוקער, שטארק און זיס; פון זיך אראפגעוואָרפן די

בגדים און נאכן אפפרישן זיך דאס פנים מיט קאלטן וואַסער האט ער זיך אוועקגעזעצט ביים שרייב־טישל אנצוזאָגן „די גוטע בשורה" דער מאמען דארט אין פוילן, אז ער האט גראד אין איר „טריפנעם פאריז" געפונען זיין זיווג, וואס דער רבונו־של־עולם האָט אים צוגעשיקט דא אויפן אָרט. שרייבנדיק האָט ער זיך צעזונגען, געזונגען די ערשטע שורות פון א קאזאקישן ראמאנס, וואָס ראַיאַ האט באלד דארט אינעם קאבארעט „זאָלאָטאַיאַ ריבקא" אויפגעכאפט און פארצייכנט דעם ערשטן סטראָף מיטן רעפריין:

„...יעסט מנאָגאָ דיעוואָטשעק פריעלסניך..."

א שטימע צום זינגען האט ער געהאט און אזא טייער מיידעלע ווי ראַיאַ האט אים געררייצט און געמאכט זינגען ביז ער האט אין בריוו־אריין אויסגעזונגען:

„טייערע און אייביקע מאמע מיינע!

איך קום דיר אנזאָגן מזל־טוב, דיר און דעם ליבן פאָטער, אייך ביידע זאל זיין מיט מזל און מיר אויך. דער גאָט פון אונדזערע אבות, ליבע מאמע מיינע, האָט אויסגעהערט דיינע תחינות און אלץ, וואס האָסט ביי אים פאר מיינעטוועגן געבעטן האָט ער מיר צוגעשיקט. מיין כלה, זייט אכט שעה, איז א טייערע יידישע טאָכטער, אמת, נישט קיין רבס און ניט קיין רעביצנס א קינד, גראָד פון האָרעפּאשניקעס אזעלכע ווי מיר זענען דאָס אליין, אָבער א צירונג פון א יידיש מיידל. זי שטודירט דאָ אין פאריז, נאָר זי וועט אופגעבן דאס וויטערע לערנען אויפן אוניווערסיטעט און וועט גיין מיט מיר האנט אין האנט, פירן א כשרע קיך און ליכט צינדן יעדן שבת און יום־טוב. ווי נאָר זי וועט באקומען אן ענטפער פון אירע עלטערן, וואָס ווינען אין בעסאראביע, וועט מען באשטימען א זמן חתונה. שבע־ברכות וועלן מיר פראווען מיט אייך און ביי אייך אין פוילן. כ'וואָלט דיר מער געשריבן, נאר מיין גליק איז אזוי גרויס, אז עס פאר־פעלט מיר כוח צו שרייבן. זאָג דעם טייערן פאָטער, אז דאָס

וואָס איך שרייב דאָ איז צו אייך ביידע, נאָר איך אדרעסיר דעם בריוו צו דיר, ווייל דו האָסט מער טרערן פארגאָסן ביים ליכט־בענטשן ווי ער..."

צוקלעפנדיק דעם בריוו האט ער, א שטארק מידער, זיך א וואָרף געטאָן אויף דעם ניט אויפגעבעטן דיוואָן און, ניט אויסדרייענדיק אפילו דאָס ליכט, איז ער איינגעשלאָפן א טיפן שלאָף, נאָר דער רעפריין פון קאָזאַקישן ראָמאַנץ איז געבליבן שוועבן אויף זיינע ליפן:

„סערצע, קאַק כאַראָשאָ נא סוויעטע זשיט...

* * *

ראַיאַ האט געטראָפן איר חברטאָרן א פארשלאָפענע אין בעט. זי האט זיך גיך אויסגעטאָן און אויף די שפיץ פינגער, כדי ניט אויפצוּוועקן איר פון שלאָף, איז זי צוגעגאַנגען צום בעט. פירא האָט זי דערהערט און אַ פריילעכע ארויסגעבראָכן מיט א געלעכטער:

„וואָט נאַכאַל, זינגערמאַן...(2) ער האט זיך גאָר ניט געוואָלט אָפרייסן פון מיר. איל מ'עם...(3). אָנהייב פעברואר וועלן מיר נעמען א מעבלירט צימער צוזאמען... פירא האָט זיך איבערגעדרייט מיטן רוקן צו ראַיען און איז באלד ווידער פארזונקען געווארן אין חלומות זיסערע ווי דער שלאָף אליין. ראַיאַ האָט געשוויגן. זי האט מאקסן ניט געליבט, אבער זי האט אים געגומען שעצן צוליב זיינע מעלות און זיין ערלעכן צוגאנג צו איר. איר חברטאָרן, פירא'ן, האט זי ליב געהאט און אין הארצן איר מקנא־געווען, וואס זי וועט גיין וווינען מיט זינגער־מאנען און אפשר ניט דארפן מער ארבעטן אין רעסטאָראנטשיק... נאר מאקסן וויל זי זען א גליקלעכן מיט זיין אויסגעחלומטער

---

2) אָט א יונגאָטש זינגערמאַן. 3) „איל מ'עם" (אויף פראנצויזיש) ער האט מיך ליב.

פרינצעסין, וועלכע וועט אבער אין אים נישט זען איר פרינץ... און אפשר וועט זי אים שפעטער ליב באקומען און ליבן?...

ראַיאַ האָט ביי זיך באשלאסן צי שווייגן און גאָרניט צו דערציילן איר חברטארן וועגן דער געשעעניש אין „זאַלאַטאַיאַ ריבקא", וועגן געזעגענען זיך מיט מאקסן, נאָכן פארלאָזן „טו וואַ ביען", און וועגן איר צוזאָג צו ווערן זיין ווייב. איינגעשלאפן איז זי מיט א צוזאָג צו זיך אליין, אז זי וועט מאקסן געבן אזויפיל גליק וויפל נאָר זי וועט קענען; זי וועט אים ניט אנטוישן, ווייל אויב איז זי ביי אים א צירונג — זאָל ער מיט זיין צירונג מעגן שטאָלצירן. זי וועט אים ליבן ווי מען ליבט א נאָענטן און גוטן פריינט, ווייל ווי א געליבטן, האט זי דערוואייל געוווסט, וואָלט זי נאָר געקענט ליבן אַזאַ ווי זינגערמאַן...

די בשורה אין „הונגאריא"

אויב ליבע איז שטארק ווי דער טויט, איז קנאה נאך שטארקער.

דוכט זיך, אז אט ערשט נעכטן האבן יונגע, שיינע, צוויי מיידעלעך, מיט געפלאָכטענע צעפעלעך און מיט שיינע קאָס־טיומעלעך, זיך געטראָפן אויפן וועג צו דער שולע און פון דער שולע אויפן וועג צוריק אהיים; געשפילט זיך און געלערנט צוזאם, געגאַנגען טאנצן אויפן ערשטן דערלויבטן באל מיט אנדערע גימנאזיסטן אונטער דער השגחה פון די לערערס און עלטערן; אָנפארטרויעט זיך דעם ערשטן ציטער און ערשטן פלאַטער, ביי דער ערשטער נאָענטער ארומנעמעניש מיט א בחורל אין סטודענטישן אוניפאָרם, און איינצייטיק ארויסגעפאָרן אין דער גרויסער וועלט אריין צו לערנען, זי צו דעראָבערן מיט דער הילף פון אן אוניווערסיטעט־דיפלאם אין האנט. מישט דערווייל זיך אריין א ניי, רייף און סודותדיק געפיל און מאכט א סוף צו דער חברשאפט פון צוויי אמאָליקע זיסע און זינגענדיקע באשעפענישן. אמאָל געשעט עס אויפן מלחמה־פעלד פאר ברויט

און א סך אָפּטער אויפן מלחמה־פעלד פון ליבע. איידער וואָס־ווען, אוןביידע, ראיאַ און פּיראַ, האָבן פארלאָזן זייער בשותפות־דיק האָטעל־צימערל און זיך, ווי אויך זייער פריינטשאַפט פון יענע שיינע קינדעריאָרן, ווי פארגעסן, געלאָזט פאלן אין ים־אריין...

מאקס האָט אויך אלץ געטאָן ניט צו קומען אין א וועלכן־ניט־איז קאָנטאקט מיט זינגערמאנען. ליבהאָבנדיק גאָר שטארק זיין ראיען, האָט ער אָבער אין הארצן געפילט עפּעס א פארדראָס צו זינגערמאנען, וועלכער האָט אים גאָר געמיינט „אונטערצופירן" ראיען, ווייל ער האָט אלעמען געוואָלט אוועקהאלטן פון וועלן חברן זיך מיט פירען.

זענען זיך אוועק עטלעכע יאָר. פּיראַ האָט זיך דערוויילע באקענט מיט א סטודענט פון אַמעריקע און פארלאָזט זינגערמאנען מיט פּאריז צוזאַם און ראַיאַ האָט זיך דערוווסט פון אירע עלטערן, אז פּיראַ איז געוואָרן א גאָר רייכע אמעריקאנערין. עס האָט איר אפילו געגעבן א טיאָכק אין הארצן דער געדאנק, אז זינגערמאן איז געבליבן פריי, אָן אָפּגענארטער און פארלאָזענער און אז ער מוז זיך זיכער נייטיקן אין א שטיקל טרייסט... נאָר איר שכל האָט באלד באַהערשט אירע אמאָליקע און נאָך ניט אינגאנצן אויסגעלאָשענע געפילן. זי האָט רחמנות באקומען אויף מאקסן, וועלכער האָט זיך ביי איר פארדינט צו זיין געשעצט און זי האָט זיך געמאכט א ביטערן פאָרוווּף פארן פארראָטן אים אפילו אין דער מחשבה.

די צייט איז זיך געלאָפן מיט איר רעגלמעסיקן, און פון באַלעבאַטישע מענטשן אויסגערעכנטן, סדר. מאקס האָט שטארק מצליח געווען, ער האָט באקומען די פּראָנצויזישע בירגערשאַפט, געוואָרן א שותף צו אַ גאָר גוט געשעפט אין זיין בראנזשע און געלאָזט וויסן זיין פרינצעסין, אז עס בענקט זיך אים נאָך אַן אייגן קינד אין שטוב, אויף וואָס ראיאַ האָט, זיצנדיק אמאָל מיט אים אין אַ זונטיק אויפדערנאכט אין קאַפע „הונגאַריאַ" אויף

שאמזעליזיי, א צונטער־רויטע מיט אראָפּגעלאָזטע אויגן, מסכים געווען.

זייט יענעם זונטיק, פלעגן זיי, ראַיאַ און מאַקס, קומען יעדן מוצאי־שבת אין קאפע הונגאַריאַ די צימבאלן האָבן געצימבלט, די ציגיינערקעס האָבן געטאַנצט און געזונגען ציגיינערישע לידער, וואָס האבן זיך אריינגעוועבט אין גערויש פון ווינט, וואָס זייערע אומצאָליקע פארשיידנפארביקע סטענגעס, קאָלירטע שימערירנדיקע קליידלעך און רויטע שטיוועלעך, האָבן אָנגעיאָגט פון דער בינע ביז אויפן געדיכט באזעצטן פובליקום אינעם גאָלד־דעקאָרירטן און טונקל באלויכטענעם קאפע־זאַל. ראַיאַס באליבט ליד איז געוואָרן דער נאָר וואָס דערמאָלט פאפולער געוואָרענער ציגיינער־ראָמאנס „טרויעריקער זונטיק". דער אָרקעסטער פלעגט דאָס אויסשפּילן אויף פידלען, מיט שטילע טיפע טענער, די ציגיינער האָבן געזונגען און די פאַריזערקעס מיט זייערע חתנים האָבן אלעמאל ארויסגעלאָזט אַזאַ זיסן און טראגישן זיפץ, און ראַיאַ האָט דערביי פארגאָסן טייכן טרערן. מען האָט אפילו זיך נאָכדערציילט, אז דאָרט אין דער אונגארישער הויפּטשטאָט, אין בודאפּעשט, ווען די ציגיינער־אָרקעסטר־עס האבן גענומען זינגען און שפּילן דאָס דאָזיקע הארץ־באַגנדיקע און הארץ־פארכאפּנדיקע ליד, איז אָפט געשען, אז הייס־פארליבטע פּאָרלעך האָבן מיט דער הילף פון א רעוואָלווער געבּרענגט זיך א קרבן צום „עראָס", צום גאָט פון ליבע. אַנדערש האָט געווירקט דער „טרויעריקער זונטיק" אויף ראַיען, וועלכע האָט אין איינעם אַזאַ אָוונט, אונטערן קלאַנג פון צימבלען, אָנגעזאָגט מאַקסן די גוטע בשורה, אז זי ברענגט א נייעם קרבן צום „עראָס", נאָר א קרבן צום לעבן און צום כאָווען...

— — — — — — — —

די פרייד אין שטוב איז געשטיגן פון טאָג צו טאָג. ראַיע האָט ארויסגעוויזן סמנים פון אויפריכטיקער צופרידנקייט און

ביידע האָבן געשריבן בריוו צו טאַטע־מאַמע און אָנדערציילט וווּנדער וועגן דער גרויסער חכמה פון זייער ניי־געבוירענעם טעכטערל.

זיי האָבן דערציילט ווי אַזוי במשך דער גאַנצער צייט פון דערוואַרטונג זענען צווישן זיי פאָרגעקומען שפּעט־אָוונטיקע שמועסן, מען האָט זיך געאַמפּערט און געזוכט אַ שיינעם נאָמען פאַרן קינד. ביידע האָבן געהאָפט, אַז עס וועט געבוירן ווערן צוערשט אַ מיידעלע און ווי נאָר ס'האָט אויסגעשריען, אַז ס'איז דאָ, האָט מען איר אַ נאָמען געגעבן אירען, אַ ריין פראַנצויזישן נאָמען, אָבער אין שטוב איז דערפון באַלד געוואָרן אַ רוסישער נאָמען איראַ און פון איראַ איז ביי מאַקסן געוואָרן איראָטשקאַ. דאָס אַלץ איז ביי אים ניט געקומען אָן אַ סיבה. ער, מאַקס, האָט זיך די גאַנצע צייט, זינט דער ערשטער באַגעגעניש מיט ראַיען און פירען, באַמיט צו דערלערנען צוויי לשונות, פראַנצייז און רוסיש. לויט ס'איז דעמאָלט געווען אָנגענומען אין דער אימיגראַנטישער יידיש־אַרויפגעאַרבעטער געזעלשאַפט, האָט נאָר אַזאַ איינער געקענט פאַררעכנט ווערן פאַר אַ בכבודיקן יידישן אַריסטאָקראַט און אינטעליגענט אויב ער האָט גערעדט אויף ציוניסטישע באַנקעטן רוסיש, אָדער פראַנצויזיש מיט אַ רוסישן אַקצענט. מאַקס וועלכער האָט געליטן צוליב ראַיעס העכערן בילדונגס־גראַד, האָט דווקא געוואָלט געווינען ביי איר מער חשיבות דערמיט, וואָס אין איינעם אַן אָוונט וועט ער זיך פּלוצעם מיט איר באַווייזן אין קאַפע „סעלעקט", אויפן מאָנפּאַרנאַס, צווישן דער יידיש־רוסישער אינטעליגענץ און פון דער העלער הויט אָנהייבן רעדן מיט איר און צו די אַרומיקע אויף רוסיש, וואָס איז אַגב געווען ראַיעס מוטער־שפּראַך.

איינמאָל, אין אַ ערב יאָמטעווודיקן נאָכמיטיק, ווען מאַקס מיט זיין פּרינצעסין האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אויף אַ שפּאַציר איבער די גרויסע בולוואַרן און פירנדיק איראָטשקען ביי די הענטלעך אַ לאַכנדיקס און באַריידעווודיקס, אַלט זייענדיק קוים

צוויי יאר, האָט ראַיאַ — פארבייגייענדיק די טעראסע פון קאפע „לע קארדינאל" — דערשפירט שארפע בליקן אויף זיך. דער־קענענדיק זינגערמאנען, האט זי זיך געוואָלט נעבן אים אָפשטעלן מיט מאקסן און מיטן קינד, דאָסמאל, מיט דער איינציקער כוונה צו באווייזן זיך פאר אים א צופרידענע און גליקלעכע. האָבן זיך, מעשה שטן, מיטאַמאָל צערעוועט די שטאָלענע סירענעס אויף די פאריזער דעכער; א פאניק, א בהלה האָט באפאלן די טויזנטער שפאצירנדיקע און אלע זענען דערשראָקענע און מיט געפילדער ארונטערגעלאָפן אין די מעטראָ־סטאציעס און שוץ־קעלערס, כדי אויסצומיידן די ערשטע באָמבע, וואָס א שטאָלענער פויגל, באפליגלט מיט שווארץ־זילבערנע האקנקרייצן, האט ארונטער־געשליידערט פון די העל־בלאָע פאריזער הימלען.

מאקס האָט ניט געווארט ביז ער וועט גערופן ווערן אין דער ארמיי. זייענדיק צופרידן מיט דער פרייהייט, וואָס עס האָט אים געגעבן זיין ניי פאָטערלאנד, האָט ער אויס דאנקבארקייט געוואָלט ארויסווייזן זיין פאטריאָטישע פליכט און איז אוועק זיך מעלדן פרייוויליק צו גיין קעמפן קעגן דעם שונא פון „עגאליטע, פראטערניטע און ליבערטע". ער איז, ווי א פראנצויזישער בירגער, שפעטער אָפטראנספאָרטירט געוואָרן צו דער מאזשינאָ־ליניע ניט ווייט פון דער שטאָט קאָלמאר, אין עלזאס, און צו זיין גרויסער צופרידנקייט האָט ער מיטגעטיילט ראַיען, באלד אין ערשטן בריוו, אז זיין קאָמפאני־דאָקטאָר איז דער צוריק־געוואָרענער אלטער פריינט אין דער נויט — זינגערמאן.

ראַיאַ האָט שוין דעמדאָזיקן בריוו ניט מער באקומען; ער איז געבליבן ליגן ביי דער הויז־וועכטערן, ביי איר קאָנסי־ערזשקע. צוזאַם מיט צענדליקער טויזנטער צום טויט דער־שראָקענע פראנצייזן און יידן האָט ראַיאַ זיך געשלעפט אָן אויס־געמאַטערטע און הונגעריקע, שטופנדיק איראָטשקען אין איר קינדער־וועגעלע. פון ווייטן האָט מען געהערט דאָס וואָיען פון שראפנעלן און אויפרייס פון באָמבעס.

פון איין זייט שאָסיי האָבן זיך געשלעפּט טיילן פון דער צוריקלויפנדיקער ארמיי. עס האבן זיך געהערט ביטערע געוויינען פון פארוואונדעטע סאָלדאטן און מענטשן פון דער ציווילער באפעלקערונג וועמען עס האָבן געטראָפן די מאשין־געווער קוילן, וואָס דער שונא האָט געזייעט איבער אַלעמענס קעפּ.

מיטאַמאָל האָבן זיך אָנגעטראָגן גאנצע עסקאדרילן האקנ־קרייציקע מעסערשמידס. ראַיאַ האָט זיך גיך אָריענטירט און אַ שליידער געטאָן דאָס וועגעלע מיטן קינד אין א זייטיקער פּאַסע אויפן פעלד און מיט איין שפּרונג, ווי א פּאנטערע, זיך אַ וואָרף געטאָן מיטן גאנצן קערפּער איבערן קינד, זי צו באַשיצן פון שונא׳ס קוילן.

אין די קעלערס פון עקסיסטענציאליזם

דעצעמבער, 1956, ארום האלבע נאכט, האט זיך א געשטאלט געשלייכט איבערן פּלאס־אָדעאָן. א שנייאיק רעגנדל האט איינגעהילט די קארג־באלויכטענע גאסן און געסלעך און איז, ווי א זלידנע וואַנץ אין די פּאריזער האטעלעכלעך ארום דער געגנט פון סען־פּאָל און באסטי, געקראכן אין די ביינער אריין און באזיגט דעם וואנדערערס אויפגעשטעלטן קראַגן פון רעגנ־מאַנטל. אבער לויט דעם ניט איילנדיקן טראָט זיינעם האט מען געקענט טייטשן, אז ער האט הנאה פון דעם שלעכטן וועטער.

צוקומענדיק נעבן א טעראַסע פון אַ קאַפע מיט באלויכטענע שפּיגל־זיילן, האָט ער, יאקוב זינגערמאַן, זיך אויף א רגע אָפּגעשטעלט און געכאפּט א בליק אויף זיך אין דעם זילבער־געגלאָז, אפילו אָנגעקוואָלן פון זיינע ווייס־באזילבערטע גערדיכט־באהאָריקטע שלייפן; צו זיך עפּעס א צופרידענעם ברום געטאָן און ווייטער געגאַנגען מיט אָט דעם שלאבריקן טראָט ווי ביז אהער. ער האָט אריינגעטראַכט און מיט הנאה זיך דערמאָנט אין די אמאָליקע סטודענטישע צייטן, ווען ר׳האָט פּונקט אין אַזאַ שפּעטן ווינטערדיקן אָוונט ארומגעבלאָנקעט איבער די פּאריזער

גאַסן און בולווארן ניט האָבנדיק דעם שליסל פון זיין האָטעל־צימערל, ווייל דער האטעליע (באלעבאָס פון האטעל) האט אים פאַרבאָטן ארויפצוקומען שלאָפן ביז ער וועט ניט פריעראויס באַצאָלן פאר א שולדיק־געבליבענער וואָך דירה־געלט. איצט האָט ער זיך גערייצט מיט גאנץ פאַריז און מיט אלע האָטעליעס, פילנדיק ביי זיך אין בוזעם זיין אמעריקאנישן פאַס מיט א היפש ביכל פול מיט אמעריקאנער טרעוולער־טשעקס. לסוף האָט ער זיך דערנענטערט צו איינעם, פון זיינעם אמאל גאָר באליבטן, קאפע־קעלער צום „קלוב די וויע־קאָלאָמביעי״־(„צום אלטן טויבנשלאָג״).

שוין פון דרויסן האבן זיך געלאזט הערן די קולות פון דזשאז־מוזיק און אריינקומענדיק אינעם דאזיקן קעלער האט אים ארומגענומען א געדיכטע פארע, א ווארעמע, דורכגעווייקט מיט פריילעכקייט פון יונגע, טאַנצנדיקע און זינגענדיקע סטודענטן און סטודענטקעס באגלייט פונעם דזשעז־אָרקעסטער און א פלעסקעריי מיט הענט, טופעריי מיט פיס און אַ קלינגען פון וויין־קאווע־גלעזער און קאווע־לעפעלעך אויף די טישלעך. אין מיטן זאַל האָט געטאנצט א מיידעלע פון אַ יאר זיבעצן־אַכצן. איר שווארץ־פערדישער עק האט זיך געווארפן ארום איר קעפל, ארום פנים; די קליינע בריסטלעך, אונטער איר געשלאָסענעם ביזן האלדז פולאָווער, האָבן געמאכט פארצווייפלטע פרווון ארויס־צושפרינגען פון זייער באהעלטעניש און די פיסלעך, די היפטלעך ביז דער שמאָלער טאַליע אירער האבן זיך באוויגן אין זייערע ענג אפגעפרעסטע און אויסגעפילטע שמאָלע הייזלעך פון אַן אימיטאציע פון טיגער־פעל. זי האט זיך גראציעז באוויגן אָדער ווילד געשפרונגען, נאָר אזוי שטיל ווי זי וואלט געטאַנצט אויף א הימלשן ווייסן וואָלקן. זי האט אויסגעטאנצט מאנגאנא׳ס טאנץ אין „ביטער רייז״ לויט איר אייגענער אינטערפרעטאציע. זינגערמאנען איז אדורך א הייסער ברי איבערן לייב. עפעס האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז ער איז מיט צוואנציק יאָר יינגער

געוואָרן און אז ער וואָלט ווידעראמאָל געווען גרייט פארתכלעווען זיין גאנצן חודש־לוין מיט אָט אַזאַ לעבעדיק, קוועקזילבערדיק, באשעפענישל, אפילו פארן פרייז ניט צו האָבן צו באַצאָלן פארן האָטעל און מוזן ארומבלאָנקען א גאנצע נאכט אונטערן פאריזער הימל, אָדער איבערנעכטיקן ערגעץ צווישן צונויפגעשטעלטע טישלעך און בענקלעך אויף אַ טעראסע פון אַ געשלאסענעם קאפע.

ווען חברה האט זיך אביסל אפגעקילט, דער רעש פון דער מוזיק האט זיך איינגעשטילט איז ער צוגעגאַנגען צום טישל ווו די טענצערין האט זיך צוגעזעצט און געבעטן זי זאל מיט אים טרינקען א גלעזל קאָניאַק אלס אויסדרוק פון דאנק פאר איר שיינעם טאנצן. זי האט, א שטראַלנדיקע פון פרייד, א קוק געטאָן אויף דעם יונגערמאן מיט וועמען זי איז געזעסן, ווארטנדיק אויף זיין הסכמה. זינגערמאן, אליין אַן אַלטער פאריזער וואָלף, האָט זיך גיך אָריענטירט און געבעטן דערלויבעניש ביים יונגער־מאן; זיך פאר אים פאָרגעשטעלט און פאָרגעלייגט צאָלן אלעמען א טרונק. דערהערנדיק, אז דער אמעריקאנער איז א געוועזענער גראדואירטער פון פאריזער מעדיצינישן פאקולטעט, האבן זיי אים ארייגעכאפט צווישן זיך און די טענצערין מיט אלע אירע אנדערע חברטעס און חברים האבן מיט אים אָנגעקלאָפט גלעזער. זינגערמאן האט אבער ניט אראָפגעלאָזט זיינע בליקן פון דער טענצערין און זיך געוואונדערט, וואס אַזאַ שיינע יאפאנערין געפינט זיך אליין צווישן אזויפיל פראנצויזישע בחורים און מיידלעך. ער האט זיך ניט געקענט אליין קלאָר ווערן פארוואָס ער איז גלייכגילטיק צו אַנדערע שענערע מיידעלעך, וועלכע האָבן זיך אנגעהויבן אביסעלע ווארעמען ארום אים.

איר שמייכל האט זיך פארפיקסירט פאַר זיינע אויגן און דער קלוגער, פאַרשנדיקער בליק פון אירע לענגלעכע יאפאנעזישע אייגעלעך מיט קויל־שוואַרצע לאנגע ברעמען און שוואַרצע וויעס האָט אים ווי צעטומלט. ארויסגייענדיק פון קאפע א האלב בגילופנדיקער, א מידער, א שלעפעריקער, האָט ער זיך דערמאָנט,

אז ער האט אפילו פארגעסן זי צו פרעגן וויאזוי זי הייסט און וואָס זי שטודירט. אַן אָוונט שפּעטער אריינקומענדיק אין זעלביקן קאַפע, האט ער זיך נאָכגעפרעגט אויף איר. א מיידל וועלכע האָט אים דערקענט האט אים פאר א פּעקעלע קאמעל־ציגאַרעטן, אויסגעזאגט „בסוד סודות" ווו די קליינע טענצערין פארברענגט דעם היינטיקן אָוונט.

זינגערמאן האט אין די לעצטע יארן גאָר פיל געררייזט, זייענדיק איינגעלאַדן פון די גרעסטע אוניווערסיטעטן צו געבן פארלעזונגען וועגן זיינע גרויסע ענטדעקונגען אויפן פעלד פון מעדיצין און באַקטעריאָלאָגיע. און אומעטום, צי איז דאס געווען אין ניו־יארק גופא, צי אין ריאָ־דע־זשאַניירא, אין טאָקיאָ צי אין באָגאָטא, האט מען אים בעת יעדן קבלת־פּנים, אדער באַנקעט, געשטעלט גאָר טשיקאַווע פראַגן ווען מען האט זיך דערוווּסט, אז זיינע ערשטע קענטענישן אויפן געביט פון זיינע וויסנ־שאַפטלעכע פאָרשונגען האט ער זיך דערוואָרבן אין פאַריז, ווו ער האט געענדיקט דעם מעדיצינישן פאַקולטעט. גאָר רייכע דאַמען, פלעגן אים, צווישן איין טאַנגאָ און אַ צווייטן, בעטן ער זאָל זיי עפּעס דערציילן וועגן לייכטערע טעמעס ווי וועגן א מאָדנעם אַנטדעקטן ווירוס. ווי א פאַריזער, האָבן זיי געוואָלט פון אים הערן וועגן די נייע פילאָזאָפישע שטרעמונגען אין פראַנקרייכס הויפּטשטאָט און גאַנץ באַזונדער וועגן די קעלערן אין סען־זשערמען־דע־פּרע. זיי האבן געוואָלט ער זאָל זיי פאַרטייטשן די נייע פילאָזאָפיע, דעם עקסיסטענציאַליזם, און וויאזוי איר פאָרשטייער, זשאַן פּאָל סאַרטר, זעט אויס; צי איז דאס אמת, אז ער האט הונדערט יונגע געליבטע פון די שענסטע פאַריזער מיידלעך, וואס אלע זענען זיי שילערינס אויף פאַר־שידענע פאַקולטעטן און זענען ניט עלטער ווי צווישן זיבצן און צוואַנציק יאר. זיי האָבן פון אים געוואָלט דערגיין צי איז עס טאַקע אמת, אז זשוליעט, דאָס מיידעלע, וועלכע איז אלט געווען קוים 14 יאר, ווען די דייטשן האבן דעפּאָרטירט און

דערשאָסן אירע עלטערן, צי איז אָט זי, זינט נאָך דער מלחמה די גרעסטע פּאַריזער קאַבאַרעט־קינסטלערין, טאַקע פון יידיש שפּאַנישן אָפּשטאַם, געבוירן זינט צוועלף דורות אין באַרדאָ, און צי איז עס טאַקע אמת, אז ווען זי טרעט ארויס פארן פּובליקום טראָגט זי אויף דער ברוסט א גאָלדענעם מגן־דוד מיט די ווערטער „עם ישראל חי״, אויסגעזעצט מיט קאַראַטיקע בלאָ־ווייסע בריליאַנטן.

איצט גייענדיק צום „קאַפע דעי דע מאגאָ״ (קאַפע פון צוויי אוצרות), האט ער ארייַנגעטראַכט וועגן סאַרטערס פּילאָ־סאָפירנדיקער דעפיניציע וועגן עקסיסטענציאַליזם: „א מענטש איז דאָס וואָס ער טוט״... ער האָט זיך א ווײַלע אָפּגעשטעלט, פאַרויכערט א ציגאַרעט און אויסגעשריגן:

— נו, און דאָס וואָס אונדזערע חכמים האָבן שוין פריער דערקלערט, אז גאָט האט געגעבן דעם מענטשן די בחירה, צי איז דאס ניט קיין טיפערע דעפיניציע פון עקסיסטענציאַליזם ביי אונדז יידן?!...

פאַרבייגייערס האבן ניט פאַרשטאַנען זיין אויסגעשריי, און געקוקט אויף אים מיט רחמנותדיקע בליקן, ווי איינער זאָגט: נעביך, ניט ביים ריינעם שכל. זינגערמאַן האָט זיך נאָך העכער צעלאַכט און אין זיך א טראַכט געטאָן:

— שוטה, וויאַזוי קענסטו רעדן וועגן בחירה, אז אָט לויפסטו זוכן עפעס א יאַפּאַנערקע, ווייל אירע טיגערשע הייזלעך זענען דיר געפעלן געוואָרן...

אריינגעקומען אין קאַפע און באַנעצנדיק די ליפּן מיט א שווארצן קאַווע, האט ער זיך אויסגעציכטערט און גענומען באַטראַכטן דעם עולם ארום די טישלעך. זיין בליק האט זיך פאַרהאַלטן אויף א גרופּקע יונגעלייט און מיידלעך, אין מאָדנע מלבושים. ביי די מיידלעך די האָר צעפּלאָכטן, אדער מיט ארויפשטייענדיקע האָר־בערשטלעך, וואס זענען ארונטערגע־האַנגען ביז אויף די רוקנס ווי שיינ־צעקאַמטע פערדישע

שוואָנצלעך. פלעשלעך קאַקאַ־קאָלאַ זענען געשטאַנען אויף טישלעך פאַרלייגטע מיט ביכער, העפטן און אפילו ניט פאַר־ענדיקטע קאַנוועס פון יונגע מאָלערס; איבער אַלעמענס קעפּ האָט געשוועבט אַ געדיכטער וואָלקן פון ציגאַרעטן־רויך און אַ גערויש, אַ געפּילדערײַ האָט זיך געטראָגן פון זיי אַלעמען, ביז טויב צו ווערן. זיי האָבן זיך געהיצט, געדיסקוטירט, געלאַכט און באַלד ווידער געוואָרן טיף ערנסט. דער הויפּט רעדנער צווישן זיי איז געווען אַ יונגערמאַן פון אַ יאָר פיר־פינף־און־צוואַנציק. זײַן קאָפּ שוואַרץ, די האָר, קורץ פאַרשוירן זענען בײַ אים געשטאַנען ווי בײַ אַ יאָזש. אַ לענגלעך געזיכט מיט שטאַרקע קינבאַקן און די אויגן ברוינע, ערנסטע, פול מיט אינטעליגענטן, שאַרפן בליק, וואָס הערן ניט אויף צו טראַכטן. ער האָט אַלעמען געלאָזן אויסגעהערט, די געשרייען און שאַרפע באַמערקונגען פון זײַנע אָפּאָנענטן האָט ער געדולדיק און מיט קאָפּ אויפגענומען. מיט דער רעכטער האַנט האָט ער, אויף אַ בלאָקל, זיך געמאַכט נאָטיצן, באַמערקונגען, וואָס האָט באַוויזן ווי ערנסט ער הערט זיך צו צו אַלץ און אַלעמען אַרום די טישלעך, און מיט דער לינקער האַנט האָט ער געהאַלטן צו־געטוליעט צו זיך אָט יענע יאַפּאַנערין, וועלכע זיינגערמאַן האָט געזען טאַנצן „ביטער רייז״ און וואָס צוליב איר ווידעראַמאָל אַהערגעקומען.

ווי אַנדערש זי האָט איצט אויסגעזען אין אַ דזשערזי קליידעלע פון מושטאַרדע־קאָליר און מיט דעם גאָלדענעם האַלז־בענדל, וואָס מיט אַ מעדאַליאָן. זיינגערמאַן איז געבליבן אויסער זיך, ווען ער האָט זיך איבערצייגט, אַז די יאַפּאַנערין טראָגט ניט ווי די אַנדערע אַ צלמ׳ל, נאָר אַז דאָס איז גאָר אַ מזוזהלע. ער האָט זי גענומען אונטערן פײַער פון זײַנע בליקן, און ווען זיי האָבן זיך באַגעגנט מיט אירע, האָט ער ערשט דערזען דאָס יידישע פלעמל אין אירע אויגן און בײַ זיך אָפּגעמאַכט ניט אָוועקצוגיין פון דאָזיקן קאַפע ביז ער וועט זיך ניט האָבן

אדורכגערעדט מיט אַט דעם מערקווערדיקן מיידעלע און גענוי דערגיין ווער זי איז.

זשאַן־פּיער דעלאַקרוא

זינגערמאַן האָט זיך אונטערגערוקט נענטער צום טיש ווו דער יונגערמאַן מיט זיין יאַפּאַנערין זענען געזעסן און א פרעג געטאָן:

— צי וועט איר מיר דערלויבן אייך שטעלן א פראַגע?

— מע־ז־אוועק פלעזיר מ׳סיע(1) — האָט אים דער יונגערמאַן העפלעך געענטפערט און אויף אים אַנגעשטעלט צוויי נייגעריקע אויגן.

— דוכט מיר, מ׳סיע, אז מיר האָבן זיך שוין ערגעץ באַגעגנט?

— נעכטן אָוונט אין קלוב־די־וויע־קאָלאָמביעי — האָט אים זינגערמאַן צוגעגעבן.

זיי האָבן זיך ביידע צעשמייכלט, און דער יונגערמאַן האָט אים דערלאַנגט א האַנט און מיט צופרידנקייט זיך פאָרגעשטעלט:

— מיין נאָמען איז זשאַן, זשאַן־פּיער דעלאַקרוא. ער האָט א צי געטאָן די יאַפּאַנערין און זי געפרעגט: דערמאַנסטו זיך נעכטן באַנאַכט, ווען מיר זענען דורך דעם מ׳סיע, מ׳סיע...

— אָ, פּאַרדאָן, זינגערמאַן איז מיין נאָמען...

— זער אַנגענעם, דורך מ׳סיע זינגערמאַנען אהיימגעגאַנגען האַלב שיכורע?

— מאַכט באַקאַנטשאַפט, דאָס איז מיין כלה, מאַדמואַזעל אירען קאַלישמאַן, באַרימט אלס „איראָטשקאָ די טאַנצנדיקע סטודענטקע״...

— אַנשאַנטעי מאַדמואַזעל, כ׳בין זער צופרידן צו מאַכן מיט אייך און מיט אייער חתן, מ׳סיע דעלאַקרוא, באַקאַנטשאַפט,

---

1) אוודאי, מיט פאַרגעניגן מיין הער.

האט זינגערמאַן, ארויסזאגנדיק די ווערטער, איר דערלאנגט זיין האנט, געבליבן א רגע א צעטומלטער און דאס פנים זיינס איז געוואָרן קאלך־ווייס.

איראַטשקאַ האָט דערפילט ווי זיין האנט ציטערט אין אירער און האט צו אים קאָקעטיש א פינטל געטאָן מיט די אייגלעך און געפרעגט:

— אביסל דושנע דאָ אין קאפע, ניט אמת?

— ס׳מאכט ניט, איך האב זיך שוין צוגעוווינט צו דער פאריזער קאפע־לופט — האָט זינגערמאַן מיט א צופרידנעם שמייכל איר אפגעענטפערט, און דערפילנדיק זיך בעסער האָט ער מיט א לייכטן נייג מיטן קאָפּ צו זשאָן־פּיערן זיך ווי פאַר־ענטפערט:

— אַנטשולדיקט פאַרן שטערן אייך אין אייער גאַר אינטע־רעסאנטער דיסקוסיע.

— איר האָט געוואלט עפּעס פרעגן, מר. זינגערמאַן, ניט וואָר?

— יאָ. צוהערנדיק זיך, זינט א האלבע שעה שוין, צו אייער דיסקוסיע, האָב איך געוואָלט אייך פרעגן צי זענט איר ניט קיין נאכפאָלגער פון פּראָפעסאָר זשאַק מאַריטענ׳ס קריסטלעכן עקסיסטענציאַליזם?

— גאַנץ ריכטיק, מר. זינגערמאַן. איך בין ניט נאָר זיינער א נאָכפאָלגער. איך אליין בין לעקטאָר אויף דער סאָרבאָן פון מעטאפיזיק און ווי מ׳סיע מאַריטען, בין איך א שטאַרקער אָפּפרעגער פון דער אטעאיסטישער, אזוי גערופענער, פילאָסאָפיע, וואס עס האלט אין איין פרעדיקן און פראָפאגירן זשאַן פּאָל סאַרטר. אליין, וואָס איך באמי זיך צו באווייזן דאָ היינט מיינע פריינט איז, אז סארטר האָט פארקירצט און געפעלשט די אמתן פון דער פילאָסאָפיע פון עקסיסטענציאליזם, וואָס סט. טאָמאַ פון אקווינא האָט געפרעדיקט מיט א וועלכע זעקס הונדערט פופציק יאָר פאר אים.

זינגערמאַן האט זיך צוגעזעצט נאָך נענטער און געבעטן ממשיך־זיין די אינטערעסאַנטע דיסקוסיע, אָבער ניט אראָפּ־גענומען מער זיינע אויגן פון איראָטשקען, וועלכע האט צו אים אזוי היימיש געשמייכלט און גענומען זיך ארומשפילן מיט איר מזוהלע ארום האלדז. צי איז דאס געווען מיט א כוונה אדער אויס פארלעגנהייט, זענענדיק ווי דער פרעמדער לאָזט ניט אראפ פון איר קיין אויג, — איז שווער געווען צו זאָגן.

דער וויכוח האט זיך שוין ניט לאנג געצויגן, נאָר פאר זינגערמאַנען איז יעדע רגע געווען אן אייביקייט. זשאַן־פּיער האָט זיך א הייב געטאָן ווארפנדיק א בליק אויף זיין האנט־זייגערל, גענומען זיין אקטן־טעקע אין האנט אריין, גרייט מיט זיך מיטצונעמען זיין כלה. זינגערמאַן האט זיך אויך אויפגעשטעלט און א פרעג געטאָן:

מ׳סיע דעלאַקרוא, וואלט איר מיר אנגעטאָן דעם כבוד צו האבן מיט מיר, צוזאַם מיט אייער שיינער כלה, אוונט ברויט אין „קופאַל״, אויף מאנפארנאס? מיר וואלטן געקענט אזוי ארום האבן אן אינטערעסאַנטן המשך פון דעם, וואס איר האט אָקערשט אזוי ווערדיק פארטיידיקט? איך בעט אייך, און אויך אייך, מאַדמואַזעל, וויליקט איין, איך בין זיכער אז מיר וועלן פאר־ברענגען אן אינטערעסאַנטן אוונט...

זשאַן־פּיער האט פארשטאַנען איראָטשקעס בעטנדיקן בליק און צוגעזאגט אז ביידע וועלן זיי קומען צו דער באַשטימטער שעה האבן אָוונטברויט מיט זינגערמאַנען.

— — — — — —

אָנגעקומען אסך פריער פון פאר דער אָפּגערעדטער צייט, האט זינגערמאַן געמאכט א לענגערן שפּאציר איבערן מאָנפּארנאַס, זיך אוועקגעשטעלט פארן מאָנפּארנאסער וואָקזאַל פון וועלכן ער פלעגט אָפּפאָרן קיין ווערסייל מיט פירען און צוזאַם פאר־

ברענגען אין גאָרטן ווו דער קעניג לואי דער פערצנטער האט זיך ארומגעשפּילט מיט זיינע קורטיזאנקעס און ווו מאדאם דע פּאָמפּאדור האָט ארומשפּילנדיק זיך מיט קינסטלער און פּאָעטן אויך געשפּילט מיטן פּאָליטישן גורל פון פראנקרייך. ער איז ווי אין די אמאָליקע סטודענטישע צייטן, אריין אינעם דערבייִיקן קאפע דיפּאָן־מאָנפּארנאַס, ארונטערגעלאָפן מיט די טרעפּלעך אין קעלערל, ווו די גאלד־פישעלעך אינעם אקוואריום האבן זיך געשפּילט אין באהעלטעניש, און די קאנאריקלעך און פּאפּוגעלעך האָבן זיך אויסגעלערנט פון די יונגעלייט און זייערע מיידעלעך זיך צו האלזן און קושן. נאָכן אפּזיצן דאָ ביי א גלעזל ווייסן באָרדאָ א שטיקל צייט און נאָכטראכטנדיק וועגן פּירעס פּאראט, האָט ער זיך געלאזט גיין צו די דריי בארימטע קאפעס „לאַ ראָטאָנד", „לע דאָם" און צוריק צום קאפע „לאַ קופּאָל". דאָ האָט ער באלד פארגעסן אינעם צייט־אפּשניט, וואס האט אים אפּגעטיילט פון יענע גליקלעכע יארן פון לערנען, פון קאמף, פון האפענונגען און ליבע. ער האָט געזוכט אין געדאנק אָט יענע שרייבער און פּאָעטן פון „דאָם", די „גאונים־אנפאנגער" מיט זייערע אויסגעהאָנגענע אייל־בילדער און אקווארעלן אין קאפע „לאַ ראָטאָנד", און זיך ארומגעקוקט צי זיצט נישט אמאָל ביי זיין טישל דער שטאָלץ פון פראנצויזישן פילם — הארי באָר מיט זיינע שיינענדיקע פארערגערנס אריינשניידנדיק אין א געשמאקן, בלוט־רויט און ווייספלייַשיקן לאנגוסט, מיט גריגעם סאלאד און פרישן מאיאָנעז, האלטנדיק דערביי א קאלטע פלאָש שאמפּאניער נארוואָס ארויסגעשלעפּט פונעם פארזילבערטן איימערל פול מיט אייז. ער האט געזוכט אנדערע באקאַנטע פּנימער, אמאָליקע חברים און געקוקט אלעמען אזוי שארף אין פּנים אריין, אפשר וועט ער וועמען דערקענען?

דער צוגעקומענער גארסאָן מיט דער באשטעלטער קאָנסאָמאציע האָט אים ארויסגעריסן פון זיין ארומשפּאציר אין פארגאַנגענע צייטן און ער האָט צו זיך מעכאניש א מורמל געטאָן:

— טויט. אלץ האָט אָפּגעווישט דער טויט, און פאַר זיי געמאכט א קבר אין מיין זכרון!

דער אָנקום פון איראָטשקען מיט איר חתן זשאַן־פּיער האָט אים אויפגעמונטערט און אריינגעבראכט אין א פריילעכער שטימונג. דער כוח פון יוגנטלעכקייט האָט אויך אים דערפרישט און פאַריינגערט. ער האָט זיי ביידע מיט אַזאַ אָפענער פרייד אויפגענומען און געבעטן פאַרנעמען די רעזערווירטע פאַר זיי ערטער ארום טישל, אַז איראָטשקאָ האָט אים דערלאַנגענדיק איר הענטל, אַזש א קוש געטאָן אויף ביידע באַקן ווי אַן אייגענעם אלטן פריינט פון דער משפחה. זשאַן־פּיער האָט זיך דערביי געוויצלט און אים אָנגערופן „מאָן וויעי אָנקל״, (מיין אלטער פעטער).

נאָכן אויסטרינקען דעם ערשטן אפּעריטיוו האָט זיך דער שמועס צווישן אלע דריי צעוואַרעמט און ביזן אויפעסן דעם אָר־ד׳עוור האָט מען זיך שוין פאַרגעסן צו אירצן. זינגערמאַן האָט ניט מער געקענט צוריקהאלטן זיין בייגער און זיך אָפּגערופן:

— פון וואַנעט נעמט זיך צו דיר דער נאָמען איראָטשקאָ און פאַרוואָס טראָגסטו א יידישן טאַליזמאַן? איז דאָס ביי אייך אין טאָקיאָ אַזאַ מאָדע?

ס׳איז געוואָרן צווישן זיי א געלעכטער און זשאַן־פּיער האָט זיך אריינגעמישט:

— איראָטשקאָ איז ניט פון טאָקיאָ, זי איז געבוירן א פּאַריזערין און ווייל זי איז פון יידישן אָפּשטאַם טראָגט זי דאָס יידישע געזעץ אויף איר האַלדז. און איר מ׳סיע זינגערמאַן, צי זענט איר ניט פון דער יידישער ראַסע, איר אויך?

זינגערמאַן האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף יאָ און געוואָרט אַז דאָס ווייטערדיקע, וואָס ער האָט געוואָלט דערגיין זאָל קומען פון זיך אליין אָן שום פראַגן. און ס׳איז געקומען. ביים נעמען דעם שוואַרצן קאַווע מיט א קעלישיקל בענעדיקטין

האָט זינגערמאַן שוין געוווּסט א סך פּרטים פון איר לעבן, נאָר ער האָט נישט פאַראַטן זיין אַלטע באַקאַנשאַפט מיט אירע עלטערן און באַשלאָסן דאָס אָפּצולייגן אויף אַ פּאַסנדיקער געלעגנהייט. ער האָט מיט אַלע כּוחות זיך באַמיט ניט מער צו פרעגן קיין קשיות און דער שמועס איז אריבער אויף דער טעמע „עקסיסטענציאַליזם" און די נייע וועגן אין דער מוזיק, מאָלעריי, ליטעראַטור און וועגן די יונגע שרייבער און וואָרט־זאָגער וועמען דער ניי אויפגעקומענער נאָך־מלחמהדיקער דור גייט נאָך און הערט זיך צו צו זייער לעבנס־דאָקטרינע. זשאַן־פּיער האָט דערביי זיך אָפּגעשטעלט אויף דער ירידה פון דער יונגער פראַנצויזישער ליטעראַטור און ביטער קריטיקרט די פאַרלעגערישע סוחרישקייט, וועלכע האָט צוליב געלט פאַרביליקט דעם געשמאַק פון פראַנצויזישן לייענער און פאַרטשאַדעט אים דעם קאָפּ מיט אַזאַ דריטראַנגיקער ראָמאַנטישער ליטעראַטור ווי די סענסאַציאָנעלע ראָמאַנען פון פראַנסואַז סאַגאַן און איר קליקע, וואָס אַלע שטאַמען זיי פון קליינבירגערטום און וואָס האָבן זיך קיינמאָל אין פראַנקרייכס געשיכטע ניט דערהויבן צו קיין שום גרויסע מעשים פון זייט די צייטן פון מאָפּאַסאַן ביז מאַלראָ און סימאָן דע באָוואַר.

פאַרן געזעגענען זיך, האָט זינגערמאַן אויסגעדריקט זיין ווּנטש צו באַקענען זיך מיט איראָטשקעס מוטער. זשאַן־פּיער און איראָטשקאַ האָבן אים צוגעזאָגט אָנצורופן אין פאַרלויף פון די קומענדיקע טעג דורכן טעלעפאָן און אָפּשמועסן א טרעפונג מיט איר מוטער.

— — — — — — — —

ארום האַלבער נאַכט, בעת איראָטשקאַ האָט שטיל געעפנט די טיר און אויף שפּיץ פינגער זיך אריינגעקליבן אין עס־צימער, כּדי ניט צו שטערן איר מוטערס שלאָף, האָט זי, א פאַרוווּנדערטע,

דערזען אז די טיר פון שלאָף־צימער איז ברייט אָפן. ראַיא איז
ניט געשלאָפן, זי האָט א רוף געטאָן:

— אירען?

— שלאָפסט ניט מאמאן?

— זעסטאָך אז איך בין וואך און איך ווייס ניט פארוואָס
איך קען זיך ניט קאָנצענטרירן; איך קוק אין בוך, אָבער איך ווייס
ניט וואָס איך לייען. האָסט עפּעס אינטערעסאנטס צו דערציילן?
וויאזוי איז צוגעגאנגען ביים אָוונט־ברויט מיט דיין אמעריקאנער?

— מאמאן, מיר, זשאן־פּיער און איך, האָבן אים צוגעזאָגט
זיך צו טרעפן מיט אים און טאקע מיט דיר צוזאם; ער האָט
ארויסגעוויזן א סך סימפּאטיע צו אונדז און געבעטן צי וואָלטן
מיר איינגעוויליקט אויך דיך מיטצוברענגען, כדי צו פארברענגען
מיט אים דעם לעצטן אָוונט פאר זיין פארלאָזן פאריז...

— זאָג אירען, דער אמעריקאנער דיינער, וויאזוי זאָגסטו
איז דער נאָמען זיינער?

— זינ... זינגערמאן, איז דער נאָמען, מאמאן.

ראַיא האָט א צאפּל געטאָן און בלאס געוואָרן ווי קרייד
און אויסגעשריען:

— זינגערמאן, ז־י־נ־ג־ע־ר־מ־א־ן זאָגסטו?!!

איראָטשקאַ האָט זיך צוגערשט דערשראָקן, דערזעענדיק דאָס
ווייס געוואָרענע פּנים פון איר מוטער, זי האָט זי ארומגענומען,
כדי צו בארואיקן און ניט געוווּסט וואָס ווייטער צו טאָן.

ראַיא האָט זיך דערוויייל געהאט אביסעלע באהערשט,
צוזעענדיק ווי דערשראָקן איר טעכטערל איז געוואָרן און גענומען
שטאמלען:

— אירען, איראָטשקאַ, ווייסטו ווער דער מענטש איז?
ר'איז דאָך אונדזערס א פריינט, אונדזערס א פריינט נאָך פון
מיינע סטודענטישע טעג אין פאריז!

זי, איראָטשקאַ, איז אריין אין קיך אויפצוזידן קאַווע און
דערוויייל געלאָזט איר מוטער אליין, זאָל זי זיך אומגעשטערט

קענען אויסוויינען פון דער שטארקער עמאָציע וואָס די ידיעה וועגן ווידער זען זינגערמאַנען האָט אין איר ארויסגערופן.

אירען איז צוריקגעקומען מיט אָנגעגאָסענע טעפּעלעך ווייסן קאווע מיט אָנגעשניטענעם פּוטער־קוכן. זי האָט פון א זייט געוואָרפן א בליק אויף איר מוטער, וועלכע איז געווען פארנומען מיט פאַרווישן סימנים פון טרערן אונטער די אויגן.

מוטער און טאָכטער, ליגנדיק שוין ביידע אין בעט, האָבן זיך געהאלזט, און א קוואל פון פארטרויען האָט זיך אן עפן געטאָן פון מוטער צו טאָכטער. א גאַנצע נאכט האָט ראיא דערציילט איראָטשקען וועגן אירע מיידלשע יאָרן, וועגן חלומות פון ליבע, גליק, וועגן די יאָרן אויפן פאריזער אוניווערסיטעט און וועגן געראנגל מיט דער נויט און אנטוישונגען... מוטער און טאָכטער זענען זיך געוואָרן נאָך נענטער און ווען די ערשטע זונען שטראלן האָבן דורכגעשפּיזט די פיערהאַנגען אין פרי־מאָרגן זענען זיי ביידע איינגעשלאָפן. א לאנגדויערנדיק קלינגען פון טעלעפאָן האָט זיי אויפגעריסן פון טיפן שלאָף. דער זייגער איז שוין געווען צוויי נאָכמיטאָג. א האלב פארשלאָפענע האָט איראָטשקא געענטפערט און געבעטן זשאן־פּיערן אריבערצוקומען צום אָוונט־עסן כדי געבני צו באשמועסן מכוח דער נייער טרעפונג מיט זינגערמאַנען און אין טעלעגראַפן־סטיל אים איבערגעגעבן וועגן די פּאסירונגען פון איבערנאַכט.

דו האסט געזיגט — קארדינאל...

איראָטשקאָ, מיינסטו אז ער וועט מיך נאָך דערקענען?

— מע, סי מאַמאַן,*) זיכער וועט ער דיך דערקענען. זע זאָלסט אויסזען ניט טרויעריק און ניט איבערראשט און ניט נערוועז. זאלסט זיך האלטן קאלט און שטאָלץ, מאמאָן; מענער

---

*) אָבער זיכער מאַמעשי.

האָבן ליב ווען אַ דאַמע איז שטאָלץ און קאָקעט, אַפילו אין איר אומגליק...

ראַיאַ האָט אויסגעהערט איר טעכטערלס לעקציע מיט אַ שמייכל און ביי זיך געטראַכט אויפן קול:

— אוי, מיין טייער קינד, ווען דו וואָלסט געווען געקומען אַזוי ווי איך דאָ אַהער, קיין פּאַריז, און חלילה, דורכגעלעבט טעג פון זיצן און וויאַנען ביים שיילן קאַרטאָפל... נאָר בעסער ניט צו טראַכטן מער וועגן יענע יאָרן און זאָל דיך גאָט באַשיצן, מיין איינציקע טרייסט...

ראַיאַ האָט, פאַרן נעמען אירע קוליעס אונטער די אָרעמס, נאָכאַמאָל געכאַפּט אַ בליק אין שפּיגל, פאַרגלעט אַ העל זילבערנעם לאָק פון דער זייט פון איר פּנים און זיך געהייסן אַראָפּפירן פון צווייטן שטאָק. זשאַן־פּיער און אירע האָבן זי נאָכבאַגלייט און אויף איר אַכטונג געטאָן, אַז זי זאָל פאַר גרויס איבעראַשונג חלילה ניט איבערהיפּן אַ טרעפּל און אַלע דריי האָבן זיך אַריינגעזעצט אינעם פעזשאָ, וואָס זשאַן־פּיער האָט איר געהאַט געשענקט אין טאָג ווען זי האָט צוגעשטימט אַז אירען זאָל ווערן זיין כלה.

— איר זאָלט ניט גלייך פאַרפאָרן צום קאַפע, האָט ראַיאַ זיך געבעטן ביי זשאַן־פּיערן, מיר װעלן צוערשט פאַרבייפאָרן און זען צו איז ער שוין דאָרטן דאָ, און איך וויל זען וויאַזוי ער האָט זיך פאַרענדערט און איך וויל געניטי זיך דערמאָנען יענעם זונטיק, ווען פּאַפּאַ, דו איראָטשקאַ און איך, ווען מיר אַלע דריי האָבן זיך דערנענטערט צו אים. און ווען ניט די סירענעס...

— קאָלם טואַ מאַ פּעטיט מאַמאַן**) האָט זי אירא איינגענומען, אַז זי זאָל זיך ניט דענערווירן, און זיך באַהערשן.

**) באַרויִק דיך, מאַמעשי.

אריינגעקומען אין קאפע „לע קארדינאל“, איז זיי זינגערמאַן אקעגנגעלאָפן און ארומגענומען ראַיען, וועלכע האָט באלד געהאט פארגעסן די לעקציע פון האלטן זיך מוטיק און שטאָלץ. זי האָט זיך אינגאנצן ווי פארלוירן, און ניט געוווּסט אפילו, אז זי ליגט מיטן גאנצן געוויכט פון איר גוף אין זינגערמאַנס אָרעמס און האָט ניט געהערט דעם ליארם, וואָס אירע צוויי קוליעס האָבן געמאכט בעת זיי זענען איר ארויסגעפאלן פון אונטער די אָרעמס און זיך אָנגעשלאָגן אין דערנעבנדיקע טישלעך, ווו עס זענען געזעסן מענטשן מיט טרערן אין די אויגן, צוזעענדיק די דאָזיקע סצענע.

זינגערמאַן האָט אוועקגעזעצט ראַיען נעבן זיך און איר געמאכט אַן אויפריכטיקן קאָמפּלימענט, פארזיכערט איר, אז צוזאמען מיט זיין זילבערנעם קאָפּ איז פון זיי נאָר צו מאָלן א פּאָרטרעט, וואָס ווען א גרויסער מייסטער זאָל דאָס טאָן וואָלט ער זיך מיט זיין ווערק געמאכט אומשטערבלעך. אַ קליינער אונטערשיד נאָר, ווייל אויב זינגערמאַן איז גראָ געוואָרן פון לערנען גאָר א סך, איז זי ראַיאַ, גראָ געוואָרן פון די טראַגישע איבערלעבענישן, אָפּליגנדיק, מיטן קינד ביי איר זייט, חדשים לאנג, ערגעץ אין א פארוואלגערט שטעטל אין די פראנצויזישע פירענעען און געהאָפט, אז אירע צעלעכערטע פיס, פון די קוילן פון א דייטשישן מעסערשמידט, זאָלן זיך פארהיילן און אריינ־געטראכט, אז ווען איר טעכטערל וועט אויפוואַקסן צי וועט זי פארשטיין דעם קרבן, וואָס זי האָט צוליב איר געבראכט יענעם טראַגישן טאָג, דאָרט אויף דער זייט פון פעלד אונטערן פרייען הימל, אונטער דער פרייער זון?...

זי האָט געבעטן ביידע, זשאַן־פּיער און מיט איראָטשקען, ניט צו פארגעסן צו קומען זי אהיימנעמען צו א באשטימטער שעה און דערמיט אליין זיי געגעבן אַן אָנצוהערעניש, אז זי וויל האָבן

מיט זינגערמאנען א שמועס ביי וועלכן זיי דארפן ניט זיין קיין עדות.

— — — — — —

ראַיאַ האָט ארויסגענומען פון האנט־בייטל איר מאנס לעצטן בריוו, וואָס די קאָנסיערזשקע (הויז־היטערין) האָט איר געגעבן, ווען זי איז, נאָך דער באפרייונג פון פאריז, צוריק געקומען אין איר וווינונג. זי האָט זיך אַנטשולדיקט, וואָס זי פירט אריין אָט אַזאַ טרויעריקן מאָמענט באלד ביי דער ערשטער באגעגעניש זייערער, נאָך אזויפיל יאָרן צעשייד. זי האָט געוואָלט דערגיין מער פרטים וועגן איר ניט צוריקגעקומענעם מאן און פאָטער פון איר איינציק קינד, פון איראָטשקען. זי האָט אים צוערשט געגעבן געשילדערט יענעם טאָג, ווען זי האָט אים פונדערווייטנס דערבליקט אויף דער טעראסע פון „קאַפע לע־קארדינאל" און אָט דערפאר טאקע האָט זי געהאלטן פאר געוווּנטשן אָנצוקניפן יענעם ניט פאָרגעקומענעם שמועס מיט גאנצע זיבעצן יאָר צוריק אויפן זעלביקן אָרט.

נאָך קיינמאל ניט האָט א פרוי געשמועסט אזוי אויפריכטיק און פריי צו א מאן, ווי דאָס איז איצט געווען דער פאַל. זי האָט אים אפילו דערציילט ווי שטיל פארליבט זי איז געווען אין אים און וויאזוי זיצנדיק מיט איר מאקסן אין „טו וואַ ביען" האָט זי פארגאָסן ביטערע טרערן און שטארק מקנא־געווען פירען, וועלכע איז יענעם אָוונט נאָך געשטאַנען ביים ארייַנגאנג פון איר האָטעל און געפילט אויף זיך אַזאַ שיינעם און פיבערדיק־פארליבטן בחור, ווי ער זינגערמאַן איז דאָס דעמאָלט געווען. זינגערמאַן האָט א טרויעריקער צוגעשמייכלט און דערפילט, אז די געשעע־נישן פון אַזאַ צייט־אָפשניט האָבן פארווישט דעם אמאָליקן סטודענטישן הפקר, האָפערדיקייט און אראָגאַנץ. ער האָט ראַיען דערציילט וועגן זיין באגעגעניש מיט מאקסן אין דער מאזשינאָ־ליניע, וויאזוי מען האָט אים אריינגעבראכט צו אים דעם

קאַמפּאַני־דאָקטאָר, אַז ער זאָל אים אונטערזוכן און זען צי זענען זיינע פיס טאַקע אָפּגעפרוירן געוואָרן בעת ער איז געשטאַנען ביז איבער די קני אין נעץ און אין פראָסט, אויף וואַך. ער האָט געזוכט אַ וועג וויאַזוי איר, ראיען צו שילדערן איר מאַנס אומקום אין געפאַנגענעם לאַגער, ניט ווייט פון קאַרלסרוהע:

— אַ שטאָק־פינצטערע נאַכט איז עס געווען. ווי אָפּגעשמועסט, האָבן זיך געהאַט אָרגאַניזירט אין געהיים, בסוד סודות, פיר גרופּן אָפּיצערן אין צווישן זיי נאָר צוויי געוויינלעכע סאָלדאַטן. זיי האָבן געהאַט אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן צו אַנטלויפן פונעם לאַגער. מאַקס איז געווען אומרואיק און די גאַנצע צייט ניט אויפגעהערט צו קלערן וועגן גורל, וואָס האָט געקאָנט טרעפן איר, ראיען, מיטן קינד. ס'איז געווען אַ פראַגע וועלכע גרופּע זאָל אויף זיך נעמען דעם אויפגאַב אָפּצוציען די אויפמערקזאַמקייט פון דער לאַגער־וואַך, בעת די אַנדערע גרופּן וועלן זיך אַריינלאָזן אין אַ געגראָבענעם טונעל, וואָס האָט געפירט פון דער אָפיצערן באַראַקע אַרויס פון אונטער די שטעכל־דראָטן. ווען מאַקס מיט זיינע מענטשן האָבן זיך דערנענטערט צו דער שטעכל־צוים האָט זיך דערהערט אַ געבילערייַ פון הינט פון דער פעלד־פּאָליציי און צוזאַם מיטן פראָזשעקטאָרן־ליכט האָט אָפּגעהילעכט אַ לאַנגע סאַלווע פון מאַשינען געווער, פון די וואַך־טורעמלעך. מאַקס איז, צוזאַם מיט נאָך עטלעכע, געבליבן הענגען אַ דורכגעלעכערטער צווישן די ניט דורכגעשניטענע שטעכל־דראָטן. ער זינגערמאַן, מיט זיין גרופּע האָבן זיך דעמאָלט שוין געפונען צווישן קוסטעס אויסערהאַלב דעם לאַגער. דייטשע יונגע פויערטעס האָבן זיי אויסבאַהאַלטן איבער דריי חדשים מיט דער האָפענונג, אַז אויב זייערע יונגע מענער וועלן טוען דאָס זעלביקע ערגעץ ווייט אין די אוקראַיניש פאַרשנייטע סטעפּעס, וועט זיי „דער הער גאָט" אויך באַשיצן...

ראיאַ האָט די גאַנצע צייט צוגעהאַלטן אירע אויגן און ניט געהערט מער די ווייטערדיקע פרטים פון זינגערמאַנס וואַנדע־

רונגען ביז ער האָט זיך דערשלאָגן קיין שפּאַניע, ווו ער האָט זיך אָנגעשלאָסן אין א גרופּע פון גענעראל דע־גאָלס מיטקעמפּער, וואָס האָט אים געבראכט אזש ביז קאזאבלאנקאָ און פון דאָרטן אין א מיליטערישער שליחות קיין אמעריקע.

האלב־דיסקרעטע, אָבער נייגעריקע בליקן פון זייטיקע טישלעך, האָבן ראיען דערמאנט אז זי מוז זיך אביסל מער קאָנטראָלירן און באהערשן. זי האָט מיט א טיכעלע אָפּגעווישט פון ארונטער די אויגן און מיט א האלבן שמייכל זיך אָפּגערופן צו זינגערמאנען:

— אָט אזוי, ליבער פריינט, דאָס לעבן פארלאנגט אריבער־צוגיין צו דער טאָגטעגלעכקייט, וואָס יאָגט ווי א שטורעם. וויל מען ווייטער לעבן מוז מען זיך שטארקן און פארגעסן דאָס געשעענע, אנדערש איז צו פארצווייפלען...

זי האָט זינגערמאנען ווייטער געשילדערט איר צוריק קומען אין פאריז. וויאזוי קיינער האָט זיך ניט פאראינטערעסירט צי האָט זי א דאך איבערן קאָפּ און פון וואנען זי וועט האָבן צו קענען זיך און איר קינד דערנערן. וויאזוי זי האָט דאָס אלץ איבערוואונדן, גענומען זיך צו איר מאנס מסחרים פון וועלכע זי האָט גאָר ווייניק געוווּסט און פארשטאנען. אָנגעהויבן מיט ליידיקע הענט און איר מאנס אַמאָליקע קליענטקעס, פראנצייזיב־קעס פון פאר די מלחמה יאָרן, האָבן ביי איר געמאכט באשטעלונ־גען און איר פאָרגעלייגט דאָס געלט אין פאָרויס. זי האָט זיך אריינגעלאָזט אין א כמעט פּרטימדיקער שילדערונג וועגן איראָטשקעס קינדער־יאָרן; וויאזוי ס'איז איר אָנגעקומען שווער זי צו דערציען אין אָרעמקייט. אפילו ניט פארפעלט אים צו שילדערן וויאזוי זיצנדיק אמאָל מיט איר אויף א טעראסע ביי א בארימטן קאפעהויז אין שכינות פון דער אָפּערא האָט פון קעגנאיבערדיקן טישל צו איר אריבערגערעדט א רייכער אראבישער פּעטראָל־מאגנאט און איר פאָרגעלייגט אָפּצוקויפן ביי איר דאָס קינד, וואָס איז שוין דעמאָלט אלט געווען עלף

יאָר, פאַר צוויי מיליאָן פראַנק און זי דערציִען אויף זיינע קאָסטן און פון איר מאַכן אַן אַראַבישע פּרינצעסן... ביסלעכווייז האָט זי גובר־געווען אַלע מאַטעריעלע און פיזישע שטרויכלונגען און איראַטשקאַ האָט זיך געכוואַליעט, געלערנט און געוואָרן איר אינטימסטע פריינדין, דאָס הייסט ווי באַלד זי האָט אָנגעהויבן פאַרשטיין וואָס מיט זיי ביידן איז פאָרגעקומען בעת די מוראדיקע מלחמה־יאָרן. מיט גאָר באַזונדערן נחת און אין שיינענדיקע קאָלירן האָט זי גענומען שילדערן איר טעכטערלס גיין אויפן אוניווערסיטעט, וועגן אירע עקזאַמענעס פון עסטעטיק און איר קאַריערע ווי אַ טענצערן און וועגן די גרויסע האָנאָראַרן וואָס זי באַקומט פאַר אירע אַרויסטריטן און אַז פון דעם געלט גייט פאַר צו העלפן אָרעמע סטודענטן. צום סוף, אָנהייבנדיק דערציילן וועגן דעם, אַז זי גרייט זיך שוין מיט מזל צו דער חתונה פון איר איינציקער טרייסט מיט דעם יונגן געלערטן, מיט זשאַן־פּיערן — האָט זינגערמאַן מיטמאָל איבערגעריסן ראַיאַס ווערטער־אויסגוס און אָן שום קווענקלעניש אַ פרעג געטאָן:

— אַרט עס דיר ניט, וואָס מאַקסעס טאָכטער גייט חתונה־האָבן מיט אַ, אַ,

— אַ גוי — האָט אים ראַיאַ אַרויסגעהאָלפן — מאַקס וואָלט זיכער זיך געווערט קעגן דעם, אָבער ווען ער וואָלט געווען אויף מיין אָרט און מיטגעמאַכט דאָס וואָס מיר ביידע, איך און מיין קינד, האָבן געהאַט אויסצושטיין פון יידישע טאַטעס, וועלכע ווילן אַז איך זאָל כאָטש צוצאָלן זייערע פוסטע זינדעלעך מיליאָנען, כדי זיי זאָלן האָבן מיט וואָס צו לומפּן מיט זייערע שיקסלעך, און ווען ער וואָלט געזען זייערע מאַמעס, יידישע יאַכנעס מיט די געשוואָלענע באַבריליאַנטענע פינגער — וואָלט ער זיכער מיר צוגעגעבן גערעכט.

— נו, און דער פראַנצויזישער יונגערמאַן וויל ניט קיין מיליאָנען? — האָט זינגערמאַן אַ בייגעריקער ווייטער געפרעגט.

— ער האָט נאָך וועגן אזוינע זאכן ניט געחלומט זינט ער לעבט. ווען ער האָט זיך ס׳ערשטע מאָל געטראָפן מיט איראָטשקען אויף דער ריוויערע האָט ער זיך אין איר פארליבט ביז איבער ד׳אוירן; האָב איך אים אויסגעזאָגט א סוד, אז אירא איז מיין טאָכטער, דאָס מיינט צו זאָגן אז זי איז א יידישקינד. א טאָג שפּעטער איז ער געקומען צוזאַם מיט זיינע עלטערן און מיט דער גאנצער משפחה, צוויי ברידער און א שוועסטער, אונדז פאַרבעטן צו האָבן מיט זיי אָוונט־ברויט אין קאסינאָ אין קאַן. די עלטערן האָבן געבעטן, אז איך זאָל ניט צעברעכן אַזאָ יונג פארליבט פּאָרל און געשווירן, אז אירא איז זיי נאָך טייערער ווי זייער גאָר געראָטענער זון. פאַרוואָס־זשע זאָל איך צעברעכן מיין איראָטשקעס לעבן? צוליב וועמען, צוליב א הויזנ־פאבריקאנטס א פּוסטע זינדל און נאָר דערפאר ווייל זיין טאטע־מאמע הייסן אים נעמען א גרויסן נדן מיט א צולאָג פון א יידישער טאָכטער?

זינגערמאן האָט פארשטאנען ראיאס פארביטערונג. ער האָט צו גוט געקענט דעם פאריזער יידישן פארוועני...

א טרובעריי פון אן אויטאָ האָט איבערגעהאקט זייער ווייטערדיקן שמועס. זשאַן־פּיער און איראָטשקאָ זענען געקומען אהיימנעמען די מאַמאַן.

די לעצטע פיר, זענען זיי ארויס פון קאפע. די גארסאָנען האָבן הויך געגענעצט, נאָר דער קארדינאַל רישעליע — אנגעטאָן אין זיין פורפורענעם קארדינאל־מאנטל מיט דער קליינער יארמעלקע אויפן שפּיץ קאָפּ — האָט זיי נאָכגעקוקט פון דער וואנט אראָפּ און ארייגעשמייכלט אין זיין שיינעם בערדל. די קלוגע אויגן זיינע האָבן נאָכגעוווּנקען:

נו, ווער האָט געזיגט, היטלער צי די קירך?...

די שוואַרצע טיר אין סאַראַגאָסע

דער צוג פון באַרצעלאָנע האָט זיך געשלעפּט א מידער, א צעיאַכמעטער פון דער הייסער, שפּאַנישער, סעפּטעמבער זון. די ברייטע וואַגאָנען, מיט האַרטע, הילצערנע בענק האָבן געהאַקט אין געזעס אַריין און דענערווירט די יידישע פּליטים, וואָס האָבן מיט ווייב און קינד, אָדער מיט סתם באַקענטע, פאַרלאָזט די בלויע וואַסערן צווישן ניצע און מאָנטע־קאַרלאָ. עס זאָגט זיך

נאָר אזוי — פארלאָזט. אין דער אמתן האָבן זיי זיך אין גרויס בהלה, מיט פאלשע פאפירן אויף פרעמדע נישט יידישע נעמען, אריבערגעפעקלט צו דער פראנצויזישער גרענעץ־שטאָט פער־פינאַן, נישט ווייט פון די פראַנצויזיש־שפאַנישע פירענעען־בערג.

איצט זענען זיי געזעסן, די מענער נאָר, ענג געפאַקט אין די וואגאָנען, מיט קייטלעך ווי פארברעכער געקאָוועט צו צוויי, אונטער א שטרענגער שמירה פון שפאַנישע זשאַנדאַרן.

די זשאנדארן מיט זייערע פעלד־גראָע אוניפאָרמען, מאַראַנץ־פארביקע רימענס און גירטלען, מיט אראָפּגעהאנגענע, שווארצ־לאקירטע רעוואָלווער־טאשן מיט אָנגעלאָדענע רעוואָלווערס און מיט שווארץ־בלישטשענדיקע היטלעך אין האָמענטאַש־פאָרם, האָבן געוועקט די פאַנטאַזיע און דערמאָנט אין צייטן פון אינ־קוויזיציע און אויטאָ־דאַ־פע.

די פליטים זענען געווען פארמאטערט, די אויגן ביי זיי רויט־ברענענדיקע, ווי מיט פריסיק אָנגעשיט. ס'איז קיין חידוש נישט; שוין פון דער דריטער תפיסה ווי מען האָט זיי געפירט. די לעצטע איז געווען, דוכט זיך, גאָר אן אָפּקומעניש: דריי מעת־לעת אין ענגע צעלעס אין באַרצעלאָנער טורמע, כמעט אָן עסן און נישט געשלאָפן דורך די נעכט. עפעס ווי די וואַנצן דאָרט וואָלטן געווען אויסדרעסירטע אַקראָבאַטן. א גאנצן טאָג גאָרנישט, נישט געהערט און נישט געזען זיי. איז אָבער געקומען חצות, און, צו אַכט, האָט מען אין ענגעניש געוואָלט א ביסל איינדרימלען, ערשט דעמאָלט האָבן די וואנצן זיך אויפגעכאפּט פון טאָגיקן שלאָף און גענומען באווייזן זייערע קונצן: זיך מיטאמאָל א לאָז געטאָן גלייך פונעם סופיט און געבליבן שטיין אויפן שטערן, אָדער שפּיץ־נאָז. אן עקלדיקער, קאַלטער, דרעשטש איז אדורך איבער אלע אברים און אויפן פנים איז דער וואַנץ געלעגן א צעריבענער און געשטונקען.

איינער א ייד האָט אין זיין פרייער האנט געהאלטן א שפאַניש לערנביכל און מורמלענדיק מיט די ליפּן, ווי ביי שטילער

שמונה־עשרה, איינגעחזרט ווערטער. דערזעענדיק די גוטמוטיקע, נייגיריקע, בליקן פון א זשאַנדאַר, האָט ער, דער ייד, זיך אָנגעגורט מיט דרייסטקייט און גענומען אויספּרווון אויפן דאָזיקן זשאַנדאַר זיינע ידיעות אין שפּאַניש.

דער זכות פונעם לערנביכל איז דאָס מאָל אלעמען ביי־געשטאנען. דער זשאַנדאַר האָט זיך אפילו נישט אָפּגעזאָגט פון אן אָנגעבאָטענעם פּאַפּיראָס. דער כוח פון געב־און־נעם האָט א ביסל ווייכער געמאכט זיין הארץ און דערנענטערט דעם היטער פון פראַנקאָס געזעץ מיט די לעצטע אַנטלאָפענע פון היטלערס נעגל.

אלעמאָל האָט אן אנדערער פון די פליטים א טאָרע געטאָן דעם ייד מיטן לערנביכל:

— זייט אזוי גוט און פרעגט אים ווהין מיר פאָרן?

א צווייטער ווידער:

—פרעגט אים, כ'בעט אייך, אפשר ווייסט ער ווען מיר'ן ווערן באפרייט און קענען זיך זען מיטן „קאַנאַדער" קאָנסול אין מאַדריד?

דער ייד האָט אלעמען צוליב געטאָן, געפרעגט. און אויף יעטוועדער שאלה האָט דער זשאַנדאַר, גוטמוטיק און לאַקאָניש, געענטפערט: „מאַניאַנאַ"*).

שפּעט אין אָוונט, נישט ווייסנדיק ווו מען געפינט זיך, אויסגעמאָטערטע פון שלעפעניש איבערן שפּאַנישן שטח, האָט זיך דער צוג אָפּגעשטעלט אויף א גרויסן וואָקזאַל. זשאַנדארן, א שטיק עטלעכע און צוואנציק, האָבן דאָ געוואַרט איבערצו־נעמען דעם אָנגעבראַכטן עולם, זיי געהייסן זיך אויסשטעלן צו צוויי און אייניקע מאָל, מיט ליסטעס אין האנט, איבערגעציילט

*) „מאַניאַנאַ" הייסט אויף שפּאניש: מאָרגן. עס איז א ציגישער ענטפער וואָס מיינט צו זאָגן, אז קיינמאָל נישט.

און ווידער געציילט, טאָמער איז ווער נעלם געוואָרן. אין דרויסן, ארויסגעקומענדיק פון וואָקזאַל, האָט א דראָבנער רעגנדל באַנעצט די רוישנדיקע גאסן פון סאַראַגאָסע.

מידע, מיט וואליזקעס און קלומיקעס אָנגעהאָנגענע איבערביידע זייטן אקסעל און א געקלומפּער פון קייטלעך, וואָס האָבן געקלאַמערט די פאָרלעך האַנט־צו־האַנט, באַגלייט און באַוואַכט מיט „קאַראַביניעראָס“ פון אַלע זייטן, האָט זיך דער קאַראַוואַן געשלעפּט, טריט־בא־טריט, דורך חושכדיקע הינטערגאַסן און געסלעך ביז זיי זענען צוגעקומען צו א גרויסן בנין, וואָס האָט אויסערלעך געמאַכט דעם איינדרוק פון א לערן־אַנשטאַלט. באַלד האָבן זיך אָן עפן געטאָן די שווערע, אייזערנע, ריגל־טירן און עס האָט גלייך אין פנים אַריין א זעץ געטאָן א וואַרימער, ביטער־שווייסיקער, גערוך פון א לעבעדיקן בית־הקברות, געמישט מיטן ריח פון א געיוירענער קאַרטאָפל־מאַסע וואָס אין א גראַלניע *). די אייזערנע טויערן האָבן זיך צוגעשלאָסן און דער פּליטים־קאַראַוואַן איז פארשלונגען געוואָרן אין סאַראַ־גאָסער טורמע־פּיסק. דער האָל פון דער דאָזיקער טורמע האָט אויסגעזען נאָך גרעסער ווי ער איז געווען. אין מיטן אָן אַלטאַנע, ווי אין א שטאָטישן פּאַרק. נאָר דאָרט, אין פּאַרק, שפּילט געוויינלעך אָן אָרקעסטער און דאָ האָט זי געדינט פאר איבער־נעמען די געמשפּטע. נאָכן איבערזוכן און דורכנישטערן, צום ווייפּלטן מאָל, די נאָר וואָס אָנגעקומענע, וואָס האָבן געמוזט שטיין מיט אויפגעהויבענע אָרעמס אויף וועלכע עס האָבן זיך שפּאָרעוודיק אָנגעזען רויטע רינגען פון די אַרונטערגענומענע קייטעלעך, זענען די פּליטים געבליבן אונטער א שמירה פון אַרעסטאַנטן וואָס האָבן דאָ, אָפּזייענדיק שוין יאָרן, געהאַט די פּריווילעגיע צו טאָן געוויסע אַרבעט; ווי באַטאַפּן אַלעמען די

*) א בראָנפן־ברענעריי.

קעשענעס, אוועקנעמען פאַר זיך, אויב עס האָט ווער געהאַט „צופּיל" צום רייכערן, אָדער ראַזיר־קלינגלעך און אַפילו אַן „איבעריק" שטיקעלע פּאַרדאַרט ברויט.

אויפן צעמענטענעם דיל אַרום דער אַלטאַנע זיינען געלעגן אַרעסטאַנטן ענג געפּאַקט, אויף מאָגערע שטרוי־זעקלעך, איינ־געהילט אין ברודיקע, געלאַטעטע קאָצן. אייניקע פון זיי האָבן אַפילו פאַרמאָגט אַ שטרויען קישעלע צוקאָפּנס. אַזאַ איינער האָט געמוזט זיין אַ גרויסער אָפּטימיסט און שטאַרק ליב האָבן דאָס לעבן... ס'רוב פון די אַלע אַרעסטאַנטן זיינען נישט געווען צופרידן מיט די ניי־אָנגעקומענע, וואָס האָבן זיי פאַרשטערט דעם ערשטן דרימל אין די שפּעטע אָוונט־שעהן. געלעגן זיינען זיי ווי געפאַלענע זעלנער אויף אַ מיליטערישן בית־הקברות. זייערע געלעגערס האָבן אויסגעזען ווי קברים פון וועלכע דער רעגן האָט אוועקגעשווענקט דאָס בערגל אויפגעשאָטענע ערד. ווען נישט דאָס, וואָס כמעט פון אַלע זייטן האָט זיך אַלעמאָל אַן אַנדערער צעהוסט מיט אַ הוסט, נאָך וועלכן מען שפּייט אויס שטיקער לונג — וואָלט קיינעם נישט געקענט קומען אויפן זינען, אַז דאָס זיינען לעבעדיקע.

מיט אַמאָל האָט זיך איינער אַרויסגעשאַרט פון זיין קבר און דערנענטערט צו אַ יידישן יונגנמאַן, איינעם פון די אָנ־געקומענע פּליטים, און אָפּגערופן זיך בלחש:

„דע קעל קאָטע, דע לאַ פראַנס וועגע ווו?" (פון וועלכן געגנט פראַנקרייך קומט איר?). דער פּליט האָט גלייך געענטפערט דעם פראַנצויז אין דער זעלביקער שפּראַך.

דער שמועס האָט געדויערט געציילטע מינוטן.

— זעסט עפּעס דאָרט? — האָט דער פראַנצויז ווייטער געפרעגט און מיט די אויגן, אָנגעוויזן אויף אַ ווינקל אין דער טיפקייט פון האָל. דער צוגאַנג צום דאָזיקן ווינקל איז געווען פריי.

דער יונגערמאַן האָט אָנגעשטעלט זיין בליק אין דער

אָנגעוויזענער ריכטונג. ער האָט באמערקט א שווארצן, מאטן, פלעק אין דער מויער.

דאָס איז די שווארצע טיר אין סאראגאָסע, זאָלסט זי נישט פארגעסן! — האָט דער פראנצויז, שטיקנדיק זיין הוסט, ארייג־געשריען דעם פליט אין פנים אריין.

— אז וועסט הערן שיסן זאָלסטו זיך נישט דערשרעקן. דאָס שיסט מען נאָר די פאָליטישע. איצט נאָ, נעם דעם בריוו, זאָלסט אים היינט נאָך איבערלייענען און אראָפלאָזן מיטן וואסער־קראַן אין ווינקל פון דיין צעלע. געדענק דעם אדרעס פון מיין פרוי און מיין איינציק יינגעלע. זע, דו טאָרסט נישט פארגעסן...

דער שמועס איז געווען פארענדיקט און דער לעבעדיקער מת האָט זיך שטיל און פלינק ארייגגערוקט אין זיין קבר...

ארום האלבער נאכט זיינען די ענגע צעלעס אויפן ערשטן שטאָק געווען געפאקט מיט פליטים, וואס האָבן האלב זיצנדיק און האלב שטייענדיק געשלעפט מיט די פינגער א קאלטע אָנגעגאָסענע לעמישקע פון צעריבענע קארטאָפל מיט מייערן, אין א פארזשאַווערטער אלטער שיסל. דער הונגער האָט אָפגעטויט דעם חוש־הריח ביי אלעמען. ס׳האָט קיינעם נישט געקימערט דער צואה־געשטאנק, וואס האָט געזעצט פון דער דאַזיקער לעמישקע.

מינוטן שפעטער, ווען א געדיכטע פינצטערניש האָט אלעמען הארט און ענג אויסגעלייגט אויפן שטיינערנעם דיל צום שלאָף, האָט דער פליט אויפגעריסן דעם קראַגן פון זיין העמד און איינגענייט דעם אָנפאַרטרויטן בריוו. א מידקייט האָט פארוואָרפן זיין קאָפּ אויף דער ברוסט פון זיין שכן און ער איז הארט איינגעשלאָפן.

מיט א בייזער געשווינדיקייט איז א חלום־פילם געלאָפן איבער זיין געהירן, זיינע אויגן האָבן אלץ אויפגעכאפט און א פיינלעך־טראגישן מאָמענט האָט ער איצט איבערגעלעבט. עס

האָט זיך אים אויסגעדוכט, אז ער איז צווישן א גרופע שפאנישע, אנטי־פאשיסטישע קעמפערס. אויף זיין לינקער ברוסט איז צוגעטשעפעט א טאָוועלע, דאָס זעלביקע וואָס ביים פראנצויזישן בחור. אויפן טאָוועלע איז אויפגעשריבן זיין ארעסטאנטישער נומער און דער טויט אורטייל „דרייסיק יאָר מיט א טאָג". באלד האָט ער דערפילט ווי דער פראנצויז און אנדערע כאפן אים ביי דער האַנט, פרייען זיך מיט אים און מיט שטאָלצע טריט גייען זיי אלע צו דער שווארצער טיר זינגענדיק די „מאַרסעליעז". פלוצים נעמט אים שווינדלען פאר די אויגן און ער פאלט אריין אין א טיפעניש אָן אַן אָנשפאר... ער הויבט אָן מוראדיק שרייען...

— — — — — —

א סאַלווע פון צוואנציק קאַראַבין־שאָסן האָט אים אויפ־געטרייסלט פון זיין וויסטן חלום. אן עכאָ פון דער סאַלווע האָט זיך אָפגעשלאָגן אין די ווענט פון דער תפיסה. ער האָט אָנגעריבן א שוועבעלע, דער זייגער אויף זיין האנט האָט געוויזן — דריי...

דער צדיק פון מיראנדא

מיין מאמע, אין ליכטיקן גן־עדן איז זי, האט מיך שטארק ליב געהאט און נאך קליינערהייט פלעגט זי מיר אָנזאָגן, אז איך זאָל לערנען מיט התמדה, ווייל זי איז זיכער, אז מיין תורה־לערנען וועט דינען דעם פאָלק ישראל. און נאָך האָט זי צו מיר געטענהט:

...„זון מיינער, זאָלסט וויסן זיין, אז א רב בישראל דארף

זיין א גרויסער בן־תורה, ווייל אויב א רב קען ניט לערנען, זאָגט׳ן אויף אים „ר׳איז א גוי גמור״; אויב א רבי קען נישט לערנען, זאָגט מען אויף אים: „ר׳איז פּאַרט א גוטער־ייד״.

איך אָבער, האָב ניט געוואָלט זיין סתם „א גוטער־ייד״ און צו זעכצן יאָר האָט מען מיך שוין גערופן „דער גייענדיקער ש״ס״.

מיט די ווערטער האָט הרב שלום שכנא אנגעהויבן זיין שמועס מיט זיין מיטווינער אינעם ד׳ על ד׳־קעמערל אין באראַק נומער דריי, אינעם שפּאנישן קאָנצענטראַציע לאָגער פון מיראנדא. שלום־שכנא, א נידעריקער מיט א ליכטיק פּנים, העלע, שיינענ־דיקע אויגן און א ציכטיקע אקאַזשו טונקעלע באָרד, האָט גערעדט ווייניק, נאָר אין מינוטן פון אינערלעכן צער, אָדער צאָרן, פלעגט זיך ביי אים עפענען א קוואַל פון ווערלכן עס האָט ארויסגעשטראָמט א שפע מיט געדאנקען און זיכרונות פון די חדר־און־בית־מדרש־יאָרן. אויך די הערשער אינעם לאגער האָבן געוווּסט וועגן זיין גרויסער תורה־קענטעניש און דער לאגער־קאָמענדאנט מיט זיין סארכענטאָ*) האָבן אים אָפּגעגעבן א באזונדערן כבוד, אים טיטולירט, מיט שפּאנישן ריטערלעכן זשעסט, על קארדינאַל דע לאָס העברעאָס**). דער סארכענטאָ פון לאגער האָט זיך פאר אים אפילו פאַרטרויעט, אז ער אליין שטאַמט פון די מאראנאָס, און יעדן שבת פאַרן דאַווענען איז ער אים געקומען באגריסן און געקושט דעם ראַנד פון זיין טלית.

אָנגעקומען דאָ אהער אין לאגער אריין איז ער, דער רב־רבי, אין סאָמע שמחת־תורה, נאָכדעם ווי די שפּאנישע קאראַביני־עראָס, די פעלד־זשאנדארן, האָבן אים, מיטן וויַיב און צוויי קינדערלעך, געכאַפּט אין די בערג. פאַרן ניט לעגאלן אריבערגיין דעם גרענעץ האָט מען אים ארומגעפירט פון איין תפיסה אין א

---

*) סאַרדזשענט.

**) דער קארדינאַל פון די העברייער.

צווייטער, א דריטער, ביז זיי האָבן אים ארייַנגעוואָרפן דאָ אינעם דאָזיקן קאָנצענטראַציע לאַגער.

יידן, מאמינים־בני־מאמינים אין לאַגער, האָבן זיך געגריבלט דעם מוח און געוואָלט דערגיין צי איז דער רבי אהערגעשיקט געוואָרן על־פּי־הדיבור, דערפאַר ווייל דער רבונו־של־עולם האָט ניט געוואָלט לאָזן זיינע פאַרוואָגלטע שעפּעלעך אָן אַ פּאַסטעך, אָדער דערפאַר ווייל ר׳ שלום־שכנא האָט ניט געהאַט קיין קרוב און גואל ערגעצוו אין די אַמעריקעס. אַלנפאַלס, פאַר דעם רבינס שכן אין קעמערל איז געווען קלאָר, אז דעם רבין זיינעם איז די גאַנצע שליחות שטאַרק ניט ניחא און אז עס וואָלט דעם רבין לחלוטין ניט געאַרט אויב דער גאָט פון די הייליקע אבות, אברהם יצחק ויעקב, וואָלט זיך אליין אהער מטריח־געווען און אים ניט איבערגעגעבן אַזאַ גרויסן כבוד און אַזאַ ניט באַקוועמע שליחות. דער רבי האָט דאָס, מיט גאָר א סך טרערן, ניט איינמאָל ארויסגעזאָגט דעם רבונו־של־עולם גלייך אין פּנים אריין, שטייענדיק איינגעהילט אין זיין גרויסן טערקישן טלית מיט דער ברייטער זילבערנער עטרה און ברייטן זילבערנעם גאַרטל מיט א גאָר גרויסן און שווערן של־ראָש איבערן שטערן.

דערווייל האָבן יידן דערשפּירט דעם הייליקן פּאַסטעך אין לאַגער און דערהערנדיק, אז ער עסט כמעט ניט, מחמת כשרות, האָט מען גענומען אָפּשפּאָרן פונעם אייגענעם שטיקל ברויט פון מויל און מען האָט ניט נאָר געפּראַוועט א שלוש סעודות שבת פאַרנאַכט, נאָר אויך א סעודת ראש־חודש מיט געפּרעגלטע גרויסע שפּאַנישע ציבעלעס און הייסע קאַרטאָפּלעס.

יידן און להבדיל ניט יידן האָבן גענומען דערלאַנגען קוויטלעך מיט פדיונות. האָבן זיך באַוויזן צוויי ברידער און מיט טרערן זיך אראָפּגערעדט פון הארצן פאַרן רבין. ביי אים געבעטן אַן עצה ווי אזוי פּטור צו ווערן פון זייערע גוישע ווייבער, כדי צו קענען נאָך דער באַפרייונג פון לאַגער פאַרלאָזן מאַדריד און

אָנהויבן א נײַ לעבן פון יידן מיט יידישע ווײַבער און, אז השי״ת וועט געבן, מיט יידישע קינדערלעך.

א פוילישער שלאכציץ, דערהערנדיק אז אין לאַגער איז דאָ א „צודאָטוורצא״, א בעל מופת, איז ער געקומען בסוד־סודות צום יידישן רבין אראָפּגעלאָזט זיך אויף די קני, מיט גרויס ערפורכט א קוש געטאָן דעם רבינס האנט און אים געבעטן, אז ער זאָל אים זאָגן צי לעבט נאָך זײַן שיינע יונגע פרוי און זײַנע צוויי קינדער אין דער חרובער ווארשע. א שיינענדיקער איז ער ארויסגעגאַנגען פון אונטערן רבינס הענט, וועלכע האָבן אים געבענטשט, און צו זיך געמורמלט א גליקלעכער: „דראָגאַ מאַיאַ העלענאַ זשיע״*)... און דער רבי איז אוודאי גערעכט געווען, ווייל העלענא מיט אירע קינדער זענען דאָך ניט פארשיקט געוואָרן מיט די יידן אינעם ווארשעווער געטאָ.

האָבן זיך באלד פארשפרייט ידיעות, אז דער יידישער בעל־מופת האָט געטוי געשילדערט פאר א פוילישן אָפיצער וויאַזוי זײַן פרוי און קינדער לעבן אין ווארשע און ווארטן אויפן טאטנס צוריקקער.

קיינער, א חוץ איינעם, האָט ניט באמערק ווי דעם רבינס שווערער בויך ווערט פון וואָך צו וואָך אָפּגעפאלענער, און ווען אלע זענען שוין געשלאָפן און עס האָט אויסגעזען ווי דעם רבינס שכן איז שוין אויך פארזונקען אין טיפן שלאָף, האָט דער רבי, אָן א שאָרך צו טאָן, אָנגעצונדן א שטיקל חלבנע ליכטל און ביים בלאַסן שײַן איבערגעשטעלט די קנעפּלעך פון זײַנע הויזן, אז זיי זאָלן זיך אים אזוי שטארק ניט נאָכטאלעפּען בעת ער גייט זיך איבער אויף שפאציר אין לאַגער.

איינמאָל, ארום חצות איז דאָס געווען, און א שמועס האָט זיך גענומען פלאָנטערן צווישן רבין און זײַן שכן, וועלכער איז

---

*) מײַן טײַערע העלענא לעבט.

געלעגן אויסגעצויגן מיטן בויך אראָפּ צום שטרויזאק און אָנגעשפּארט אויפן לינקן עלנבויגן, האָט ער מיט דער רעכטער האנט ארייגעשריבן אין א דיקן העפט לאנגע יידישע שורות אין וועלכע עס איז געוואָרן דערציילט וויאזוי מענטשן פון פארשידענע פעלקער, ראסן און קולטורן לעבן זיך אויס אין צייטן פון מלחמות און סכנות און וועגן וואָס יעדער פון זיי טראכט בשעת מעשה.

— מ׳זאָגט אויף אייך, אז איר זענט דאָס איינער פון יענע יידן, וואס שרייבן יידישע מעשה־ביכלעך, איז דאס אמת?

— עפּעס מוז אפנים אמת זיין, האָט דער שכן אָפּגעענטפערט, און, ניט ענדערנדיק זיין פּאָזיציע אויפן שטרויזאק, ווייטער געשריבן.

האָט זיך אין עטלעכע מינוטן ווידער דערהערט די מעלאָדישע און טיפע הארצשטימע פון רבין:

— מיין מאמע, אין גן עדן איז זי, האָט מיר יינגלוויז דערציילט וועגן אַזאַ מעשה־דערציילער, א ר׳ מענדעלי מוכר ספרים, און וויאזוי נאָך מיידלוויז, זי פלעגט מיט אומגעדולד זיך קוים דערווארטן, אז טאַטע־מאַמע זאָלן שבת נאָכן טשאָלנט זיך ארייגגיין צולייגן צו זיך אין חדר, און ערשט דאן זענען צו איר אריינגעקומען אירע חברטאָרינס און זי פלעגט פאר זיי פיער־לייענען פון זיינע מעשה־ביכלעך. ביז איינמאל, און לייענענדיק זיינע א מעשה וועגן עפּעס א יידישער יתומה האָט יענערס ביטע־רער גורל זיי אזש פארקלעמט ביים הארצן און זיי האָבן זיך צע־וויינט אויף א קול. נו, טאַטע־מאמע האָבן זיך אויפגעכאפּט דער־שראָקענע פון שלאָף, אריין צו די מיידלעך מיינענדיק אפשר חלילה א שריפה אין שטאָט. פארשטייט זיך, אז באלד נאָך הבדלה האָט דער טאַטע אירער ארייגערוקט דאָס אפּיקורסישע מעשה־ביכל אין הרובע. מיין מאמע האט אָבער קיינמאָל ניט אויפגעהערט נאָכצוקלערן און געוואָלט דערגיין דעם סוף פון דער מעשה. שטעלט אייך פאָר, אז ערשט ווען זי איז, פאר קיין שום יידישער טאָכטער געדאַכט, געוואָרן אן אלמנה, האָט זי ביי א פאקנטרעגער

אין אונדזער בית־מדרש דערזען אַט יענע מעשה און יעדן מוצאי־שבת ווען איך פלעג זיך אוועקזעצן ביים ווארעמען אויוון אריינקוקן אין א ספר, האָב איך צוגעזען ווי זי לייענט דאָס מעשה־ביכל און פארגיסט דערביי טרערן ווי להבדיל ביי א תחינה, אָדער זי פלעגט אין זיך אזוי הארציק שמייכלען ווי א שטייגער מיין דבורהלע, לאנג לעבן זאָל זי...

א לייכטער קלאפ אין ביישטידל פונעם פארהאַנגענעם אריינגאַנג האָט איבערגעריסן דעם רבינס שטילע רייד און א מאן האָט אריינגעשטופט זיין רויטן קאָפ און מיט א ליטווישער אויסשפראכע שטילערהייט געפרעגט:

— מעג מען אריינקומען? דערהערט דעם נאָמען מענדעלי מוכר ספרים האָט עס מיך אַ הויב געטאָן פון שטרויזאַק — — —

— אדרבא, קומט אריין — האָבן זיך ביידע, דער רבי און דער שרייבער, דערפרייט מיטן נייעם שכן.

— עס וואָלט אפשר געווען א שטיקל אויפטו ווען מיר זאָלן מיט עפעס זיך דערכאפן ס׳הארץ, האָט זיך דעם רבינס מיטקווארטיראנט, דער שרייבער, אָנגערופן און געוואָלט הערן וואָס דער רבי וועט ענטפערן.

— איך האָב ביי זיך אונטערן קישן א שאכטל סארדינקעס, האָט דער אָקערשט אריינגעקומענער זיך אָנגערופן און באלד פארשוווּנדן. ער איז, ווי א קאַץ, פלינק און שטיל ארויפגעקראָכן אויפן ערשטן שטאָק, וואָס איבערן רבינס קעמערל און צוריק־געקומען א פריילעכער מיט די סארדינקעס.

דער שרייבער האָט אפירגעשלעפט פון א באהעלטעניש, פון אונטער זיין שטרוי־זאק, א ברייטל, וואָס ער האָט געהאט אָפגעקויפט בגניבה פון אַ שפאנישן זעלנער, פאר צוויי אמעריקאנער דאָלער, און דאָס אוועקגעלייגט אויפן רבינס בעטל.

— נו, אז ברויט איז אויך שוין דאָ, וועט מען זיך וואשן דערצו און מיר׳ן בענטשן מיט מזומן, האָט דער רבי ווי אויפ־

געלעבט און מיט זיינע ווייכע, וואקסענע, פינגער געצערטלט דאָס שאכטעלע מיט סארדינקעס.

בעתן ארויסשלעפן שטיקלעך סארדינקעס מיט די פינגער צום מויל האָט זיך דער דריטער, דער ניי צוגעקומענער גאַסט, אביסעלע צעווארעמט, זיינע קליינע בלויע־אויגן אונטער שווערע בלאנדע ברעמען האָבן געשמייכלט און געפייערט מיט צופרידנ־קייט. ער האָט שטיל א זאָג געטאָן:

— איר מיינט, אז זיי וועלן טאקע אדורכקומען?

דער רבי האָט אזש אויפגעציטערט און אנגעהויבן שטאמלען:

— וואָסזשע, טאקע שוין פארטיק געמאכט א צווייטן טונעל?

מער האט מען ניט גערעדט א וואָרט וועגן דעם, און דער שרייבער האָט א פרעג געטאָן גאָר פאָרזיכטיק:

— ווער־זשע א שטייגער זענט איר?

— מיין נאָמען איז אייזענמאַן, דר. גרשון אייזענמאַן. געווען שפּיטאָל־שעף אין אנגולעם*) נאָר, האָט ער א פארצווייפלטן פיר געטאָן מיט דער האנט און אויסגעצאָרנט מיט א סך ווייטיק, באקומען א בריוו פון מיינעם אַ פראנצייזישן פריינט, אז־מיין פרוי און קינדעלע זענען דורך די דייטשע ממזרים פארשלעפט געוואָרן קיין...

טרערן האָבן אים גענומען רינען פון די אויגן און דער ביסן האָט זיך אים געשטעלט אין גאָרגל. ער האָט זיך אָבער גיך באהערשט און נאָך אייניקע רגעס שטילשווייגן האָט ער גענומען דערקייען זיין כזית־ברויט און אָפּגערופן זיך צום שרייבער:

— ווען דער רבי וואָלט אייך געווען געהערט יענע וואָך אין באראק נומער אכט, וואָלט ער זיכער אייך ניט געפרעגט אַזאַ נאַיווע שאלה ווער דאָס איז אזוינס דער מענדעלע מוכר

---

*) אַנגולעם — א שטאָט אין פראנקרייך.

ספרים. איך האָב אייך באַוווּנדערט. וויאַזוי האָט איר געהאַט כוח צו ריידן צוויי שעה צייט וועגן יידישער ליטעראַטור ניט האַבנדיק די געהעריקע ביכער זיך צוצוגרייטן צו אַזאַ רעפעראַט? און צוזאַם מיט אַלע פאַרזאַמלטע יידן אין באַראַק האָב איך אייך געדריקט די האַנט און איר האָט אַ צופרידענער געשמייכלט, ווי נאָך אַ גוטן אָוונטברויט מיט אַ פלאַש רויטן באָרדאָ. מיינט איר אַז ווען מיר'ן ארויסקומען פון לאַגער וועט נאָך זיין פאַר וועמען צו האַלטן לעקציעס וועגן יידישער ליטעראַטור, וועגן יידישע קלאַסיקערס?

— פאַרגעסט ניט מיין ליבער דאָקטער, האָט דער שרייבער אים געפּרוּווט קלאָר מאַכן, אַז דאָס, וואָס אונדזערע חכמים האָבן באַגרונדפעסטיקט מיט זייער טעאָריע, אַז „צדקה עשה הקב"ה עם ישראל שפיזרם בין העכו"ם" איז אַ נביאישער קוק אויף אונדזער יידישן, געשיכטלעכן, גורל. נאָכאַלעם, וועלן דאָך בלייבן אונדזערע מיליאָנען יידן אין די אַמעריקעס. איז צוזאַם מיט זיי, וועט ווייטער אָנהאַלטן און זיך אַנטוויקלען די יידישע שפּראַך און די יידישע גייסטיקייט אונדזערע...

— וואָס־זשע איז דאָס אַזעלכעס די יידישע ליטעראַטור? האָט זיך אַריינגעמישט דער רבי; מיינט איר צו זאָגן אַז זי וועט ירשענען דאָס אָרט פון תורה־לערנען ביי יידן אין אַמעריקע? כ'האָב אַמאָל זיך צוגעכאַפּט, יינגלווייז, צו די כתבים פון שלום־עליכם; געהערט אַז ער איז דאָס דער גרעסטער לץ ביי יידן, האָב איך געוואָלט זען וואָס ער שרייבט. כ'על זיך מודה־זיין, אַז בעתן לייענען זיין „טביה דער מילכיקער" האָב איך געהאַט דערפון אַ שטיקל תענוג. זיינע איינפאַלן און פאַרטייטשונגען פון אַ פסוק חומש מיט רש"י, אָדער אַ יום־כפּורדיקן פּזמון איז שיער ניט פון אַ גאון, נאָר ער קאָן אַ פאַלק לעבן און האָבן אמונה אין בורא־עולם ווען מען איז מבלה־הזמן מיט לייענען אָט יענע לצנות? אַלע אין בעלגיע, אין בריסל, וווּ איך האָב געלעבט די לעצטע יאָרן, האָבן מיך געהאַלטן ניט פאַר קיין

פאנאַטישן רבין און גלייבט מיר אז איך זע די וועלט מיט קלאָרע אויגן, א דאנק זיין ליבן נאָמען, אָבער איך פארשטיי פאָרט ניט וויאזוי מען קאָן דינען דעם רבונו של עולם מיט לייענען זשארגאָנישע מעשה ביכלעך פון אָט אַזאַ מענדעלע, צי פון, ווי האָט ער דאָס געהייסן דער פוילישער ייד אָנעם היטל און מיט צוויי שווערע וואָנצעס פון א פוילישן שלאכציץ...?

— יצחק לייביש פרץ, רבי.

— יאָ דער דאָרט, האָט דער רבי ווייטער גערעדט בניחותא וואָרט נאָך וואָרט, צי קאָן אַזאַ איינער ברענגען די גאולה פארן פאָלק ישראל?

— רבי, האָט זיך דער דאָקטער א ריס געטאָן פון אָרט אויפן שטרויזאַק, די גאולה קומט איצט פון דאָרט, פון מאָסקווע. די רויטע ארמיי ברענגט איצט די גאולה. וואָלטן יידן געווען זיך צוגעהערט צו די נייע יידישע קולטור־טרעגערס, טאקע צו דעם וועמען איר רופט אָן „לץ", צו שלום־עליכמען, צו דעם מיט די שווערע וואָנצעס, צו זיי און ניט צו די פארדבקהטע יידן, וועלכע האָבן זיך ניט אראָפּגעלאָזט אינעם קוילער־און יאטקע־געסל פון דער שרייענדיקער יידישער אָרעמקייט און נויט, איבער וועמען עס האָט געהערשט דער פינצטערער יידישער פאנאַטיזם, דער בעל־מופת און פון צווייטן צד — דער צבועק, וועלכער האָט זיך דערנערט פון זנות און דאָס פארשטעלט מיט א פרוכת; ווען אָט דאָס פאָלק וואָלט זיך געווען צוגעהערט צום אויסגעשריי אין דער „שחיטה־שטאָט" — וואָלטן מיר געווען פראָגרעסירט, געגאַנגען פאָראויס און ניט דערגאַנגען צו דעם מוראדיקן בלוט מבול אין וועלכן עס איז דערשטיקט געוואָרן מיין פרוי, מיין קינד און מיט זיי אזויפיל אנדערע אומשולדיקע מענטשן.

דער רבי איז גרין און געל געוואָרן פון פחד פאר די רייד וואָס האָבן זיך אַ ריס־ארויס געטאָן אזויווי פון אַ ווולקאן, וואָס האָט געשפריצט מיט א פייער־געמיש פון צאָרן און ווייטיק. ער האָט

אַנגעהויבן צו שטאַמלען און מאַכן פאַרצווייפלטע תנועות און העוויות און ניט געקענט אַרויסברענגען דאָס וואָרט „גאָט״ אויף זיינע לעפצן.

עס האָבן זיך דערהערט קללות פון אַ שכנותדיקן קעמערל, קענטיק אַז דר. אייזענמאַנס אויסברוך האָט זיי איבערגעריסן דעם שלאָף, דאָ האָט זיך ערשט אַריינגעמישט דער שרייבער און אָפּגערופן צו ביידע:

— מיר׳ן זיך אַריינלאָזן אין אַ הייסן וויכוח און פאַרגעסן, אַז דער רבי וויל בענטשן מיט מזומן.

דער דאָקטער האָט אים אָנגעקוקט ווי מען קוקט אויף אַ חסר־דעה, נאָר דערזעענדיק דאָס בלייכע פּנים פון רבין האָט זיך זיין וויטיק איינגעשטילט און ער האָט צוגעגעבן:

— זייט מוחל רבי, ס׳טוט אַזוי ווי אויפן האַרצן, לאָמיר טאַקע צוערשט בענטשן.

דער שרייבער האָט זיך צוגעקוקט וויאַזוי דער רבי עסט ס׳שטיקל ברויט מיט סאַרדינקעס און בשום אופן ניט געקענט פאַרשטיין פונוואַנעט עס נעמט זיך צו אָט דעם יידן אַזויפיל גשמיות. ער האָט געמערקט ווי דער רבי פירט מיט זיך אַ גאַר שווערן קאַמף; צי זאָל ער יאָ אָפּירנעמען פון זיין אייגן ברויט און דערמיט ענדיקן זיין חלק סאַרדינקעס — צי ניט, און געבליבן איז ביי אים, ווי אַלע מאָל, אויף ניט. זיין קאַרגשאַפט פלעגט דער רבי טיילמאָל פאַרענטפערן דערמיט, וואָס די אַנדערע יידן אין לאַגער, אפילו זיינע חסידים דאָ, עסן די זופּ, וואָס זיי באַקומען פון דער לאַגער־קיך, אָבער ער, וואָס עסט דאָס ניט, מוז האָבן אַ זאַפּאַס ברויט מיט סאַרדינקעס, מיט ציבעלעס און פון צייט צו צייט אייער. אפילו, אַז עס פלעגן זיך באַווייזן ניי־אָנגעקומענע פּליטים אין לאַגער און מייסטנס פלעגן זיי אַריינגעוואָרפן ווערן אין די באַראַקן שפּעט נאָך האַלבער נאַכט, אויסגעהונגערטע און אויסגעמאַטערטע פון וועג, איז אפילו דעמאָלט האָט דער רבי ניט געקענט ביי זיך פועלן אַז ער זאָל

אַזאַ איינעם שענקען א שטיקל טרוקן ברויט פון זיין פאַרבאַר־גענעם שפּייכלער.

אויך האָט דער שרייבער ניט געקענט אויסנוצן דעם מאָמענט צו ענטפערן דעם רבין אויף זיינע שאלות וועגן דער שליחות פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור, ווייל ער האָט געגוי געוווּסט, אז גראָד אין דער שעה, ווען זיי זיצן דאָ און פאַסמאַ־קעווען זיך מיט ברויט און סאַרדינקעס, איז דאָס לעבן פון העכער פיר מינינים מענטשן, הגם לרוב ניט יידישע, אין קאַן. ער, און ניט דער רבי, האָט דאָך וואָכן לאַנג געהאָלפן אין געהיים, אונטער גרויסער סכנה, גראָבן דעם טונעל, וואָס האָט געזאָלט זיין דער אָנהויב פון אליינ־באַפרייוּנג פון אָט דעם מין לעבן אין א לאַגער, ווו דער מענטש ווערט בהדרגהדיק דעגראַדירט, חיהש און הפקר.

אַלעמאָל, אַז ער איז צוריקגעקומען פון זיין אַרבעט מיט פולע קעשענעס ערד, האָט ער זיך געפילט אזוי גליקלעך און נאָר געזוכט א ווינקל ווו צוצעוואַרפן די אָנגעגראָבענע ערד, אז עס זאָל ניט פאַראָטן און מען זאָל ניט דערגיין פון וואַנעט ער ברענגט ערד, זאָמד און טיילמאָל אויך שטיינער. זיצנדיק איצט דאָ, זאַלבעדריט, אָנגעשטערנגט און פול מיט פחדים, האָט מיטאמאָל זיך אַראָפּגעלאָזט א האָגל מיט קוילן, א שיסערייַ איבערן גאַנצן לאַגער. ס'איז געוואָרן ליכטיק איבער די דעכער און ווילדע קולות פון דער לאַגער־וואַך האָבן גענומען רעווען „אַלערטא“,*) „אַלערטא“, אַלערטא־אַ־אַ!!!“ און עס האָבן זיך דערהערט ביטערע און פאַרצווייפלטע געשרייען פון מענטשן, בעת די קאַראַביניעראָס, מיטן לאַגער־קאָמאַנדאַנט בראש, האָבן גענומען אַריינשיסן פון ביידע זייטן טונעל, און די געפאַנגענע

---

*) דאס איז געווען דער רוף פון דער שפּאַנישער לאַגער־וואַך, צו זיין גרייט.

אין טונעל האָבן ניט געקענט מער גיין פאָרויס, אָדער אויף צוריק.

האָבן זיך אלע אין די באראקן געוואָרפן צו דער ערד. דער רבי, א צום טויט דערשראָקענער, האָט גענומען זאָגן ווידוי און קלאפן זיך אין הארצן. דער שרייבער האָט זיך בשעת מעשה אפילו צעלאכט. פאראַן מאָמענטן ווען גראָד בשעת סכנה, נעמט איר לאכן און אלץ וואָס דער פארצווייפלטער פחדן טוט זעט אייך אויס אזוי טראגי־קאָמיש. ער האָט איינגענומען דעם רבין, אים קלאָר געמאכט, אז עס האָט געמוזט זיין א פארעטער צווישן די מענטשן אין דער ערשטער גרופע אין טונעל. דער רבי האָט אויף אים געקוקט מיט ווילדע בליקן און אויסגעשריגן:

— „רבונו של עולם, פארוואָס דווקא מיך? פארוואָס האָסטו אזויפיל פושעים געגעבן געלט און וויזעס קיין אמעריקע און מיך פאריאָגט דאָ אהער אין שאול תחתיה אריין?"

דער רבי, האט פארגעסן ווער ער איז און זיך ביטער צעוויינט. אינצווישן איז מען געקומען און אוועקגערופן דעם דאָקטער און אים אונטער א שמירה פון קאראביניעראָס, צוזאַם מיט נאך דאָקטוירים אין לאגער אוועקגעפירט צום אָרט פון דער שיסעריי, צום טונעל.

נאָכדעם ווי די בהלה אין לאגער האָט זיך אביסעלע איינגעשטילט, האָט דער רבי ערשט אויף דאָס ניי גענומען קרעכצן און אויסטענהן זיך מיטן גאָט פון זיינע הייליקע זיידעס און עלטער־זיידעס, די צדיקים פון וועמענס גזע ער שטאמט און געפרווט צו דערמאָנען דעם באשעפער אז ס'איז שוין צייט ער זאָל זיך אויף אים מרחם־זיין, אים ווי צומגיכסטן ארויסהעלפן און טאקע באצייטנס זען, אז ער דער געטרייער דינער און שומר פון זיינע תרי"ג, זאָל חלילה ניט געפרווט ווערן מיטן טעם פון דארפן האלטן פסח אין לאגער. ער, שלום־שכנא, האָט זיך אפילו איצט אויך ניט געקימערט וועגן דעם גורל פון די, וועלכע מען

האָט, טיילווייז באַגאָסענע אין בלוט, ארויסגעשלעפּט פון דעם ענגן טונעל.

דער שרייבער האָט אנגענומען דעם רבין ביים אָרעם, אים צוגעפירט צום קליינינקן פארקראַטעוועטן קוקערל אין זייער צעלע און זיך אָפּגערופן:

—בלייבט, רבי, דאָ שטיין און קוקט זיך פּאַמעלעך צו צום הימל און צו אלץ, וואָס איר וועט קענען זען, ווי נאָר עס וועט אריינברעכן דער קאַיאָר. איר זאָלט קוקן אויף די בערג, וואָס קעגנאיבער, אויפן הימל ווען ער וועט פּלוצעם זיך שפּאַלטן און די אָדלערס, די שפּאַנישע גאָלדענע אָדלערס, וועלן דאָרט ארומקרייזן און באַגריסן דער זונס רויטע שטראַלן וואָס גיסן זיך ווי טייכן קאָכעדיק בלוט אויף אָט די בערג און מאכן זיי צונטער רויט.

— טאָ וואָס־זשע וועט דאָס מיר העלפן? האָט דער רבי א מבולבלדיקער ארויסגעשטאָמלט.

— נאָכדעם ווי איר וועט דאָס אַלץ האָבן געזען, האָט דער שרייבער אים געענטפערט, וועל איך אייך דערציילן א מעשה. זי הייסט „סעמאַנא סאַנטאַ".

ס'איז געווען אין דער וואָך פאר פורים. די נעכט אין לאַגער זענען נאָך געווען קאַלטע. דער רבי אַ דענערוווירטער, אַן איבער־געשראָקענער פון די איבערגעלעבטע לעצטע עטלעכע שעה, דערצו נאָך אויפגעוועקט די גאַנצע נאכט, האָט געגנומען ציטערן פאר מידקייט און קעלט. אָבער שלאָפן גיין איז שוין נישט געווען צו דער האַנט. אפשר וואָלט ער עס יאָ געווען זיך אוועקגעלייגט אריינכאַפּן א שעה צוויי אויפן בעטל, האָט ער זיך עפּעס ווי געשעמט פארן שרייבער, וועלכער האָט גענומען צעבלאָזן אָנגעקליבענע שטיקלעך ברעטלעך און אלטע צווייגלעך האלב צעפוילטע אויף א בלעכענע פּושקע פון וועלכער איינער א בעל מלאכה אין לאַגער האָט געמאכט אזאַ מין פעלד־קיכל צו זשאַרען קוילן, כדי אויפצוקאָכן א ביסל וואַסער, וואָס ער אָדער

דער רבי האָבן אלעמאל אָפּגעשפּאַרט און פאראיבעריקט אין אַ ביר־פלעשל.

דער שרייבער, ווארטנדיק, אז דאָקטער אייזענמאַן זאָל צוריקקומען, כדי צו הערן גענויערע פרטים וועגן די געשעענישן פון דער נאכט, האָט דערווייל אויפגעפּאַרעט אביסל טיי פאר זיך און דערלאנגט אויך דעם רבין הייסן טיי אין א בלעכן קאָנסערוון שאכטעלע.

דער רבי האָט עס ארייגענומען איןביידע הענט אריין, דערפילט די ווארעמקייט, האָט ער הויך געמאכט א „שהכל" און גענומען זיפּן דאָס ביסל פּארפּאַרעטע וואַסער, ווי מען נעמט א טייערן ליקער צום גומען, און דער גאנצער גוף זיינער האָט זיך א טרייסל געטאָן. קענטיק, אז דער הייסער טרונק האָט ארויסגעיאָגט די קאלטע מידקייט פון זיינע ביינער.

שטייענדיק אזוי, מיט די בלעכענע שאכטלעך טיי, ביים קוקערל, האָבן העל־גאָלדענע שטרייפן, געשפּאָלטן דעם הימל איבער מיראנדא. א שטיק העל־צעפּייערטער קופּער־טאץ האָט זיך גענומען ארויסהייבן פון אונטער אש־גרויע בערג און אָנגעצונדן ארום זיך א שטיק הימל, וואָס איז נאָך געלעגן אָנגעשפּארט אויף דעם בארגיקן ערד־פלאך.

אין די קעמערלעך אין באראק, האָבן זיך אויפגעכאפּט די וועק־זייגערס און גענומען קלינגען, ליארעמען מיט גרילציקע טענער. ערגעץ פון מרחקים האָט זיך דערטראָגן אהערצו א רעוועכץ פון אַן אייזל.

עס האָט זיך דערהערט די מוזיק פון לאגער־אָרקעסטער אויפן לאגער־פּלאץ און די סארכענטאָס זענען ארומגעלאפן און ארייגעשריגן אין די באראַקן אריין: „לא באנדערא, פראָנטאָ, פראָנטאָ*) !".

---

*) „לאַ באַנדערא, פראָנטאָ, פראָנטאָ" — גיך, גיך צו דער פּאַראדע.

האָט דער שרייבער אויף גיך איינגענעצט א שפיץ פון א האַנטעכל אין דער וואַרעמער טיי, זיך אויסגעווישט דערמיט די אויגן, פאַרוואָרפן ארום זיך א טונקל וואָלענע שאַל אין פאָרם פון א פאַלערינע פון א שפאַנישן מאַטאַדאָר און גלייך מיט אלעמען ארויס צום פאַראַדע־פלאַץ, ווו דער לאַגער־קאָמאַנדאַנט מיט זיינע אונטעראָפיצערן האָבן דורכגעפירט א שטרענגע אינספעקציע און א גענויע ציילונג פון די גרופן לויט זייערע באַראַקן.

אלעמענס אויגן זענען געווען אָנגעשטרענגט, יעדער איינער האָט געוואָלט אויסגעפינען ווער פון זיינע פריינט אָדער באַקאַנטע אין לאַגער פעלט ביי דער „באַנדעראַ״ און זיך מיט א שושקען נאָכגעפרעגט צי יענער לעבט, אָדער צו ליגט ער אין לאַגער־שפּיטאָל צווישן די פאַרוווּנדעטע אינעם טונעל.

דער רבי, ווען די לאַגער מאַכט האָט באַוויליקט נישט צו גיין צו דער „באַנדעראַ״ האָט זיך אין דער צווישנצייט גענומען ארומוואַשן און צוגרייטן צו תפילת שחרית.

די אינספעקציע בשעת דער באַנדעראַ האָט געדויערט לענגער ווי אלעמאָל. דער אָרקעסטער האָט אויפגעשפּילט דעם „וויוואַ פראַנקאָ מאַרש״**), די קאַראַביניעראָס האָבן ארויפגעצויגן די פאָן פון דער פאַשיסטישער שפּאַניע, און נאָך א קורצער און ענערגישער מוסר־דרשה פונעם לאַגער־קאָמענדאַנט איז זיך דער גאַנצער עולם צעלאָפן איבער די באַראַקן, יעדער וועלנדיק דערגיין פרטים וועגן דעם גורל פון די פאַרראַטעטע אינעם טונעל.

דער שרייבער אריינקומענדיק אין זיין קעמערל האָט געטראָפן דעם רבין שטיין ביים קוקערל, איינגעהילט אין זיין לאַנגן טלית מיטן שווערן „של־ראש״ אויפן שטערן, וואָס האָט איצט אויסגעזען ווי א קרוין אויף זיין קאָפּ. פון זיינע אויגן האָבן גערונען טרערן. א פּאָר מינוטן האָט געהערשט א שטילקייט און א שווייגעניש צווישן ביידע.

**) מאַרש פון דער פאַלאַנגע.

דער רבי האָט געמורמלט א שטילע תפילה און דער שרייבער האָט פאמעלעך געגומען אויפלייגן זיין שטרויזאק מיט די קאָל־דרעס און מיטן שטרויענעם קאָפּ־קישעלע אזוי, אז עס האָט אלעמאָל, במשך פונעם טאָג, אויסגעזען ווי א שטול צום זיצן.

ווען דער רבי האָט גענומען אָפלייגן די תפילין, האָט ער זיך געוואָנדן צום שרייבער, מיט די ווערטער:

— נו, לאָמיר הערן וואָס איר האָט צו זאָגן וועגן די בערג צו וועלכע איר האָט מיר געהייסן ארויסקוקן?

— איר זעט אָט דעם הויכן פעלזן אויפן שפּיץ־בארג, האָט דער שרייבער אים אָנגעוויזן מיטן פינגער, דאָס איז דער העכסטער טייל פון די בערג קאַנטאבראַס.

דער פעלזן איז געווען אַש גרוי און זשאווערברוין און האָט אויסגעזעען ווי אַ ריזיקער פיר־קאַנטיקער באַקצאָן. ארום אים די בארגיקע ערד א וויסטע. א ווייסשטיינערדיקע סטעזשקע האט זיך געשלענגלט ווי א ספּיראַל און פארלוירן געגאַנגען פון דער אנדערער זייט בארג וווּהין דאָס אויג האָט מער נישט געקענט דערגרייכן.

גאָר קליין האָט אויסגעזעען דער מענטש מיט א הינטל וועלכע זענען נאָכגעגאנגען א שווארץ אייזעלע, וואָס איז געווען באלאָדן פוןביידע זייטן מיט צוויי שווערע קוישן.

— איר זעט אָט דעם פעלזן רבי? דאָ אויף דעם דאָזיקן אָרט האָט מען פארברענט דעם יונגן דון איבן דע קוריעל, דעם ראש בית־דין פון דער שטאָט מיראַנדאַ וועלכע געפינט זיך דאָ נישט ווייט, אפילו נישט קיין תחום־שבת פון אונדזער לאגער.

— וואָס־זשע דאָ האָט אמאָל געבושעוועט די אינקוויזיציע!?

האָט דער רבי אַן אויפגעציטערטער אָנגעכאפּט דעם שרייבער ביי דער האנט און אים אָנגעקוקט מיט ברייט אָפענע אויגן.

— יאָ רבי, דאָ האָט זיך עס אָנגעהויבן און דאָ, אויף דעם פעלזיקן באקצאָן קאנטאבראס, האָט זיך צעפלאקערט דער ער־שטער אויטאָ־דאַ־פע.

נאָכמיטיק. די מענטשן אין לאַגער האָבן זיך שוין געהאַט אָנגעזעטיקט מיט די שילדערונגען וועגן די געשעענישן אין טונעל און געשטילט דעם הונגער מיטן „ראַנטשאָ"*), וואָס איז גראָד דעם טאָג באַשטאַנען פון אַ געבראָטן פּישל מיט אַ פולן קאָכלעפל רייז מיט אויל. האָט מען זיך מידע אַריינגעפּאַקט אין די קאַמערן, יעדער אויף זיין חלק שטרויזאַק, אויסצורוען.

דער שרייבער האָט צעלייגט זיין שטרויזאַק און קעגנאַיבער אים האָט דער רבי זיך איינגעהילט אין צוויי פּאָר צעלעכערטע קאָלדרעס און אָנגעשטעלט דעם וועקער, אַז ער זאָל אים אויפ־וועקן צו „מנחה". אין דעם מאָמענט האָט זיך באַוויזן אין אַריינ־גאַנג פון קעמערל דר. אייזענמאַן. דער רבי האָט זיך עפּעס ווי דערפרייט מיט זיין אַריינקום און אים אָן שום הקדמות אַ פרעג געטאָן:

— דר., זאָגט מיר דעם ריינעם אמת, האָט איר געוווּסט אַז דאָ אויף דעם אָרט, ווו מיר געפינען זיך איצט, האָט מען לעבע־דיקערהייט פאַרברענט יידן?

— איך ווייס ניט צי דווקא דאָ אויף דעם אָרט, אָבער, אַז אין דער פּראָווינץ בורגאָס האָט מען טויזנטער יידן פאַרמאַטערט צום טויט, דערציילט אפילו די שפּאַנישע געשיכטע אַליין אויך — האָט דר. אייזענמאַן געענטפערט מיט אַ שטוינען אין זיינע אויגן, ווייל גראָד אויף דער־אָ שאלה האָט ער זיך אין איצטיקן מאָמענט נישט געריכט.

— אָבער, זאָלט איר וויסן זיין ליבער דר. — האָט דער רבי אים ווייטער געזאָגט — אַז אונדזער שרייבער וויל דווקא האָבן, אַז די ערשטע קדושים האָט מען פאַרברענט נישט אין בורגאָס נייערט דאָ אין מיראַנדאַ, ווו עס האָט לויט אים געזאָלט האָבן עקזיסטירט אַ גרויסע און אַ רייכע יידישע קהילה, און...

---

*) ראַנטשאָ — דאָס עסן וואָס מען האָט באַקומען אין לאַגער.

— און נישט ווייל זיי זענען געווען יידן — האָט דער שרייבער זיך אריינגעמישט אין רבינס רייד — נאָר לויט עס וויל אונדז פאַרזיכערן א באַרימטער שפאַנישער יעזואיטישער דענקער און היסטאָריקער, מענענדעז פעלייאָ, האָט מען זיי געברענט אויפן שייטער־הויפן נאָר דערפאַר ווייל זיי זענען נישט געווען קיין גוטע קריסטן.

— און דאָס אַלץ האָט איר געוווּסט צו פאַרשרייבן אין אייער ציטראַט, כ׳מיין צו זאָגן אין אייער טאָגבוך? — האָט דער רבי, מיט א ברייט געגעצן, געפרעגט — אז איר ווילט, נאכדעם ווי מיר וועלן זיך אביסל אויסרוען און כאפן א דרעמל, וועט איר אונדז אפּוויערלייענען אייער מעשה, וואָס איר זאָגט, אז זי הייסט ביי אייך, וויאזוי האָט איר געזאָגט הייסט זי? שוין פארגעסן, אזוי מיד בין איך.

— „סעמאַנאַ סאנטא״ הייסט זי רבי, וואָס מיינט צו זאָגן די „(אומ)הייליקע וואָך״, ווייל דאָס אלץ וועגן וואָס מיר ריידן האָט זיך אָפּגעשפּילט אין דער ערשטער פסח־נאכט, דאָ אין מיראַנדאָ אויף דעם באַקצאַן, דעם פעלזן קאָנטאַבראַס, אין יאָר 1360 — האָט דער שרייבער שוין אין האלבן דרעמל, קוים ארויסגערעדט.

אין זעלביקן אויפדערנאכט האָט זיך דאָ פאַרקליבן א מנין יידן, צווישן זיי דר. אייזענמאַן, איינער א פּראָפעסאָר פון כימיע, א צאָנ־דאָקטאָר, א חזן און נאָך עטלעכע חשובע יידן, וועלכע האָבן נישט אויסגעגעבן אין לאַגער זייערע אמתע נעמען און פּראָפעסיעס, כדי אויסצוהערן דעם שרייבער פאָרלייענען זיין דערציילונג.

* * *

— שפּעט זומער, אין יאָר 1335 איז דאָס געווען — האָט דער שרייבער גענומען פאָמעלעך ארויסלייענען פון זיין פאַרשריבענעם העפט — אין בית־דין־שטוב פון שטאָדט מיראנדאָ־דע־עבראָ, האָבן זיך ארום אלטן חכם פון דער קהילה פאַרזאַמלט

די פרנסים, די דיינים און די רייכע לייט, וועלכע זענען געווען נישט נאָר באַרימטע גאָלד און דיאמאַנט הענדלער, נאָר אויך באַוווּסט מיט זייער תורה־קענטעניש פון איין עק שפּאַניע ביזן צווייטן עק. מען איז געקומען ווינטשן מזל־טוב דעם אלטן חכם פון דער קהילה, וועלכער איז נאָרוואָס געהאַט צוריקגעקומען פון א לאַנגער און שווערער נסיעה, פון דער קאַטאַלאַנישער הויפּט־שטאָט, פון באַרצעלאָנע, ווו ער האָט זיך אדורכגעשמועסט מיטן פאָטער פון א זעלטן שיינער יידישער בתולה פון גרויסן יחוס, וועלכע האָט געזאָלט ווערן די כלה פון זיין בן יחיד. די כלה, אן אייניקל פון באַרימטן תלמיד־חכם און געלערנטן רבי־משה־נחמן דאָניאַ עולאַליאַ־רחל איז געווען אַ זעלטענע שאָנקייט, א מלומדת און אָנגעפּירט מיטן אלטן טאַטנס גרויסער פאַבריק פון זייד און בראָקאַד. דערצו איז זי שוין אלס יונג מיידל געווען באַקאַנט מיט איר גוטן הארץ. א מינהג האָט זי איינגעפירט, אז יאָר־איין יאָר־אויס, האָט מען אין אלע באַרצעלאָנער שילן און ישיבות אויפגעהאָנגען נייע פּרוכתן פון די בעסטע און שענסטע זיידענע שטאָפן אויסגעהאַפּטענע מיט גאָלד־און־זילבער־פעדעם, וואָס דאָניאַ עאולאַליאַ רחל — אזוי האָט מען זי גערופן — האָט מנדר געווען. און אז זי פלעגט זיך אין דער באַגלייטונג פון יונגע יידישע פּרינצעסינס באַווייזן אין די שילן און ישיבות צו הקפות, איז מען געשטאַנען קאָפּ־אויף־קאָפּ כדי א ברכה צו מאכן איבער איר שאָנקייט.

ווען דעם חתן ווידער האָט מען געוווּסט צו דערציילן, אז ער איז יונג, שיין און קלוג ווי שלמה המלך און א בעל־מנגן פון גאָטס גנאָד. געהייסן האָט ער, דער חתן, דאָן איבן דע קוריעל און ווען דער חכם פון מיראַנדאַ, דער פאָטער זיינער, איז אלט און מיד געוואָרן פון צו קענען ווייטער טראָגן אויף זיך דעם שווערן עול פון זיין קהילה, האָבן די פרנסים און פני פון דער שטאָט צוגעזאָגט דעם יונגן דאָן־איבן־דעקוריעל, אַז אויב ער וועט מסכים־זיין צו ווערן זייער מנהיג, אויפן פאָטערס כיסא

הרבנות, וועלן זיי אים געבן צו דער חתונה דרשה־געשאַנק א שטול פון גאָלד און עלפנביין, וואָס וועט וועגן אזויפיל וויפל ער אין טאָג פון זיין חופה. א חוץ אָט די מעלות זיינע, האָבן אים שטאַרק ליב געהאַט די יונגע שפאנישע פרינצן און אים פארזיכערט, אז מיט זיין אויסזינגען און אויסשפילן אויף זיין גיטאַר העברעישע ראמאנסן, וואָלט ער געקאָנט אויפפלאַקערן די הערצער פון די שענסטע שפאַנישע פרינצעסינס פון אַנדאַלוזיע און זיי וואָלטן זיך געוואָרפן ווי שקלאפינס צו זיינע פיס.

די אַמאָליקע חברים זיינע פון דער ישיבה האָבן געוווּסט צו דערציילן, אז זייענדיק אמאָל צו גאַסט ביי זיינעם א זיידן אין בארצעלאָנע האָט דער יונגער דעקוריעל דערזען פארבייגיין די, וועלכע איז געוואָרן זיין כלה, האָט ער געכאפט אין האַנט זיין גיטאַר און אויף איר אויסגעשפילט און אויסגעזונגען א שיר־השירים סערענאַדע. און ווען ער האָט אויסגעזונגען דעם פסוק „הנך יפה רעיתי״, האָט זיין זיידע צו אים פלוצעם א זאָג געטאָן: „זי איז דיין זיווּג מן השמים און מלאכים האָבן מיט דיר מיט־געזונגען״.

דאָן איבן־דע־קוריעל האָט, אזוי ווי זיין אלטער פאָטער, באטראכט דעם אָנבאָט פון די יידן אין מיראַנדאָ ווי א כבוד־זאַך און ווי א הייליקע פליכט. ער איז געווען מרוצה איבערצונעמען זיין אלטן פאָטערס רבנות און זיין דער מדריך פון דער קהילה שלא על מנת לקבל פרס. עס איז אים אָבער קלאָר געוואָרן אז ער וועט זיך נישט קענען אָפּגעבן מיט זיין באליבט פאַך, מיט אסטראָנאָמיע, וואָס דאַרין איז ער געווען אריינגעטאָן בלב ונפש. אויך האָט ער געוווּסט, אז דאָס ווערן חכם אין מיראַנדאָ וועט אים אָפּרייסן פון אָפטע באגעגענישן מיט בארימטע שפאנישע געלערנטע און זייערע יונגע דאַמען, ביי וועלכע ער האָט געלערנט די חכמות פון מוזיק און טענץ. ער האָט דאַך שיער זיך נישט פארליבט אין זיינעם א חברס א שוועסטער, וועלכע האָט צוליב אים ארונטערגענומען איר האלזבאנד מיטן צלם און צוגעצויגן

אויף זיך זיינע ברענענדיקע בליקן מיט איר טאנצן, זינגען און קאַסטאַניעטן מוזיק, וואָס אירע שיינע העלע און לענגלעכע פינגער האָבן, מיט א באַזונדערן פיבער, אויסגעשפילט. און ווען זייערע בליקן פלעגן זיך, בשעת א פיעסטאַ, באגעגענען, פלעגט ער שעמעוודיק ארייננוואַרפן זיינע בליקן צווישן די פאַלדן פון איר קלייד און א ווייטיקלעכער טרויער פלעגט זיך באווייזן אויף זיין בלאַס געוואָרענעם געזיכט.

אין איינעם אַן אָוונט איז זיין שפּאַנישער חבר, דאָן ראָדריגעז דע־ווערראַ, אהיימגעקומען און דערציילט זיין שוועסטער, אז זיין יידישער חבר, דאָן איבן דע־קוריעל איז געוואָרן א חתן מיט גאָר א שיינער און רייכער יידישער טאָכטער פון באַרצעלאָנע. דאָניאַ דע־ווערראַ האָט קיין וואָרט נישט געענטפערט איר ברודער, נאָר עטלעכע וואָכן שפּעטער האָט מען זי געזען אָנגעטאָן אין שווארצע לאנגע זיידענע קליידער, א שווארצע מאַנטיליע ווי אַ קרוין איבער איר שווארצן קאָפּ האָר און ארום האלז א העל־זיידענע שטריק מיט א שווערן צלם וואָס איז ארונטערגעהאָנגען פון איר ברוסט און זיך געשפּילט אין באהעלטעניש צווישן די געדיכטע פאַלדן פון איר זיידענעם קלייד. אויף די פיס האָט זי געטראָגן לייכטע הילצערנע, אָפענע סאנדאַלן, אָן זאָקן.

דערווייל האָט זיך די שטאָט מיראנדא געגרייט צו אַ טאָפּלטער שמחה; צו דער חתונה פון יונגן דאָן דע־קוריעל און צו זיין איבערנעמען דאָס כיסא־הרבנות. צוליב דעם טאָקע האָבן די מחותנים פון דער כלהס צד מסכים געווען, אז די חתונה זאָל פאָרקומען ביים חתן אין מיראַנדאַ.

די נישט יידישע באפעלקערונג אין שטאָט האָט ארויסגעוויזן גאָר פיל פריינטשאפט צו זייערע יידישע שכנים. זייט די משפחה דע־קוריעל האָט זיך באזעצט אין דער דאָזיקער שטאָט זענען אלע אויפגעריכט געוואָרן. יידן האָבן ארייגעבראכט קיין מיראַנדאַ מסחר און מלאכה און די גאנצע באפעלקערונג האָט אָנגעהויבן רייך ווערן. צוזעענדיק וויאזוי די העברעאָס, (אזוי האָבן זיי מיט

דורך ארץ גערופן זייערע יידישע מיטווינער), בויען אויס גאנצע גאַסן מיט שטאָקיקע זומער־וווינונגען און שיינע בתי־תפילה, האָבן זיי אויך גענומען נאָכטועו. מיראַנדאַ האָט זיך צעבליט און די שאָנקייט פון דער שטאָט איז געוואָרן א שם־דבר. האָבן זיך יידן און נישט־יידן דאָ געלעבט בשלום ובשלוה. יעדער האָט זיך געדינט זיין באשעפער, יעדער האָט זיך פארפלאַנצט זיין וויינגאָרטן און אז מען האָט זיך אָנגעטראָפן אין גאַס האָט מען זיך אָנגעקוקט מיט א פריילעך פנים און מיט א ברכה אויף די לעפצן.

און אין זעלביקן יאר 1335, אז די בשורה וועגן דער טאָפלטער חתונה פון יונגן דאָן דע־קוריעל — די חתונה מיט זיין כלה און מיט זיין און זיין פאָטערס קהילה קדושה — האָט זיך פארשפרייט איבער דער שטאָט מיראַנדאַ, האָבן אלע איינוווינער פון דער שטאָט, סיי די יידן און סיי די ניט־יידן, זיך גענומען גרייטן מיט גאָר גרויס פאַראַד צו דעם „גרויסן יום־טוב פון די העברעאָס".

אין די קאָפעהייזער, ביי די קאָרידאָס*) און אויף די יארידים, אומעטום האָט מען זיך דערציילט וועגן דער באַפּירשטייענדיקער שמחה. ווען די וואָך פון דער חתונה האָט זיך דערנענטערט, האָבן די בירגער פון מיראַנדאַ באַהאָנגען און באצירט די גאסן אין דער שטאָט. זיי האָבן באַצירט זייערע הייזער ארויסהענגענדיק די שענסטע קאָלירטע דעקעס און טעפּיכער און קאָלדרעס איבער די באלקאָנען. אויף זייערע טירן האָבן זיי ארויסגעהאָנגען א שפע פון גרויסע גאָלדקאָלירטע קרענץ מיט ציבעלעס, אָראנזשן, באנאָנען און פארשיידענע מינים מעלאָנען און וויינטרויבן.

אין די אָוונטן האָט מען ארויסגעשטעלט לייכטער מיט אָנגעצונדענע ליכט אין די פענצטער און גאנצע מחנות, יונגעלייט און בתולות, האָבן מיט אָנגעצונדענע פאַקלען אין די הענט זיך געטראָגן איבער דער שטאָט ביז צו דער היים ווו דער חתן האָט

---

*) קאָרידאָס — אָקסן־קאמפן.

געלעבט. דאָרט פלעגן זיי זיך אוועקשטעלן און שפּילן אויף זייערע גיטאַרעס שפּאַנישע ראָמאַנצעראָס און די מיידלעך אין זייערע שענסטע קליידער מיט זיידענע פאַרשיידנקאָליריקע סטענגעס אַרום זייערע צעפלאָכטענע קעפּ האָבן געטאַנצט און געווונטשן דעם חתן צו האָבן אַ סך שיינע קינדער נאָך דער חתונה. און אַלע מאָל פלעגט זיך דאָן דע־קוריעל באַווייזן אויפן באַלקאָן פון זיין פאָטערס הויז און אַרונטערוואַרפן גאָלד מטבעות, אויף צו קויפן וויין און טרינקען פאַרן וווּיל פון שפּאַנישן לאַנד, פאַרן וווּיל פון שפּאַנישן פאָלק און פאַרן גליק פון אַלע יונגע שפּילערס און טענצערינס אין מיראַנדאַ.

אין טאָג פון דער חתונה האָבן זיך באַוויזן נייע פּנימער אין מיראַנדאַ. עס זענען געקומען דריי הונדערט געסט פון באַרצעלאָנע אַליין. דאָס זענען געווען קרובים און גוטע פריינט פון כלה׳ס צד און גאָר אַ היפּשער עולם יונגעלייט, פון חתנס צד.

הונדערט פון די שענסטע יידישע מיידלעך פון באַרצעלאָנע האָבן מיטבאַגלייט די כלה, דאָניאַ עאולאַיאַ רחל, און איר געהאָלפן איינפּאַקן אירע שיינע כלה־מתנות און איר גאַנצן כלה־אויס־שטייער, וואָס זי האָט מיט זיך מיטגעבראַכט קיין מיראַנדאַ אין טאָג ערב איר חופּה. אויך פון אַ סך אַנדערע מקומות זענען געקומען געסט פון חתנס צד און מיטגעבראַכט מתנות און ברכות פון זייערע קהילות. זיי זענען געקומען פון סאַראַגאָסע און פון קאָרדאָווע, פון גראַנאַדע און סעווילע און פון גאָר אַ סך אַנדערע קהילות אין לאַנד.

— — — — — —

אַ שעה פאַרן פירן חתן־כלה צו דער חופּה איז געשען אַזעלכעס, וואָס יידן אין מיראַנדאַ האָבן זיך דאַרויף גאָרנישט געריכט. אמת עס האָבן זיך דערטראָגן אַהער בייזע קלאַנגען וועגן ווילדע מעשים, אין פראַנקרייך און אין רוים, וואָס האָבן שטאַרק דערמאָנט אין די רציחות און מערדערייען מימי מסעי

הצלב. מען האָט געהערט, אז עס ווערן געהאלטן גלחישע דרשות אין שפּאנישע קירכעס, וואָס זענען אין תוכן שטארק ענלעך צו די בלוט־דורשטיקע פּרעדיקס פון די פאנאטיקער פון די קרייצ־פאָרערס בעת זיי האָבן געליטן די שווערע מפּלה אין דער שטאָט עזה אין יאָר 1244. אָבער קיינעמען האָט נישט געקענט קומען אויפן זינען, אז פונקט ערב שבת, א שעה פארן פירן חתן־כלה צו דער חופּה, וועלן זיך פּלוצעם צעקלינגען אלע גלעקער פון דער קאַטעדראַלע אין מיראנדע. פארשווונדן זענען אלע זינגערס און טענצערינס פון דער שטאָט. מיטאמאָל איז מען געוואָר־געוואָרן, אז עס ציט זיך א פּראָצעסיע איבער דער שטאָט מיט אלע צלמים פונעם קלויסטער. בראש פון דער פּראָצעסיע איז געגאנגען א גאנצע מחנה גלחים, אָנגעטאָן אין זייערע בגדי־שרד און באלד נאָך זיי א יונגפרוי אינגאנצן אָנגעטאָן אין שווארצן, מיט באָרוועסע פיס, א ווייסע מאנטיליע איבער איר שפּאניש הויכן קאַם, וואָס איז געווען ארייַנגעשטעקט אין אירע געדיכטע האָר און פון א געבעט־ביכל האָט זי ארויסגעוויינט א צאָרנדיקע תפילה, שילטנדיק די וועלכע לעסטערן גאָט און וועלכע האָבן דערהאָרגעט גאָטס זון, דעם דערלייזער פון דער וועלט. אירע טענער, קוויטשעדיקע, מוראדיקע, האָבן זיך געקייטלט און געצויגן און פאַרצויגן אינעם הימל־רוים און זייער ווידערקול האָט אָנגעוואָרפן אן אימה און פחד אויף דעם טויזנטקעפּיקן המון, וועלכער האָט זיך מיט אראָפּגעבויגענע קעפּ נאָכגעשלעפּט אין דער פּראָצעסיע.

די פּראָצעסיע האָט זיך שטיל פארבייגעצויגן פארן הויז פון חכם פון מיראנדע, פאר דער שול, און צוקומענדיק צוריק צו דער קאַטעדראַלע, איז זי זיך צעגאנגען און אַ טויטע שטילקייט האָט געהערשט אין די גאַסן פון מיראנדע. די יידן זענען געווען פארזאמלט אין שול, און אויסגעזונגען מיטן חזן א זעלטענעם „לכה דודי״. נאָכן קבלת־שבת האָט זיך אויך אָנגעהויבן די גרויסע סעודה מיט די שבע־ברכות ביים חתן אין זיין בית־מדרש.

עטלעכע וואָכן שפּעטער און דער רושם פון דער פּראָצעסיע איז פאַרגעסן געוואָרן. די באַפעלקערונג אין שטאָט, די ניט־יידישע און די יידישע, האָט זיך ווידער ווי פריער געלעבט בשלום, זיך באַגעגנט אין די גאַסן מיטן אמאָליקן אויפריכטיקן שמייכל און מיט ברכות אויף די ליפּן.

דער יונגער חכם, דאָן יצחק איבן דע־קוריעל, האָט גענומען פירן זיין קהילה מיט קלוגשאַפט און מיט ליבע. ער האָט במשך פון דער צייט געהאַט גרויס הצלחה אויך אין זיינע מסחרים, וואָס ער האָט איבערגענומען פון זיין ווייב און איר פאָטער. דאָניאַ עאולאליא־רחל איז געוואָרן גאָר שטאַרק אָנגעזען און באַליבט ביי אַלעמען אין מיראנדע און עס איז געווען א פרייד, אין לויף פון צייט, צו זען זי מיטן מאַן און מיט זייערע פינף קינדערלעך, צוויי טעכטער און דריי זין, אַלע שבת און יום־טוב אין שול, אדער ביי אַ שמחה אין דער ישיבה.

אזוי זענען זיך אוועק גאַנצע פינף־און־צוואַנציק יאָר פון פרידן און גליק צווישן דער יידישער און נישט יידישער באַפעל־קערונג. אמת אין די לעצטע עטלעכע יאָר האָבן זיך באַוויזן פּרעדיקער אין קירך, וועלכע האָבן אויסגעזעען ווי נזירים און האָבן פאַרזייעט שנאה און האַס פון איין טייל באַפעלקערונג צו דעם אנדערן, צום יידישן טייל, אָבער ווי נאָר אַזאַ איינער האָט פאַרלאָזט די שטאָט האָט מען דאָס אַלץ געפּרוּווט פאַרגעסן און אויסגעטייטשט אַז „וואָס צו גאָט איז צו גאָט און וואָס צו לייט איז צו לייט".

דאָן יצחק איבן דע־קוריעל האָט אָבער קיינמאָל קיינעמען נישט דערציילט, אַז עטלעכע טעג פאַר זיין חתונה האָט אים זיינער אַ ניט־יידישער יוגנט־פריינט געבראַכט אַ בריוו פון דאָניאַ דע ווערא, וועלכע האָט אים געבעטן נישט חתונה צו האָבן מיט קיין אנדערער ווי נאָר מיט איר און אויב ער וועט זי נישט פאָלגן וועט זי אים דאָס נישט מוחל־זיין. וואָס איבן דע־קוריעל זאָל איר האָבן צוריקגעענטפערט איז געבליבן אַן אייביקער

סוד, אָבער ווען מען האָט, נאָכן שטעלן די חופה דערציילט דעם יונגן חכם וועגן דער פּראָצעסיע אין גאַס, האָט ער באַלד פאַר־שטאַנען, אַז בראש פון דעם אַלעם שטייט זי, דאָניאַ דע ווערא. און ווען די פרנסים פון דער קהילה האָבן אים בסוד אוועקגערופן און געפרעגט וואָס ער מיינט וועגן דעם גאַנצן־ענין פון דער פּראָצעסיע, האָט ער זיי דעמאָלט געענטפערט: „ווי אַלעמאָל, עס פירט זיך דאָ אין אונדזער קהילה אין מיראַנדע, וועלן מיר בשלום גיין אין שול אריין צו קבלת שבת״.

איבער שפּאַניע האָט זיך אין יענע יאָרן, פון זייט דער חתונה פון דאָן יצחק־איבן־דע־קוריעל מיט דאָניאַ עאולאַליאַ רחל, אָפּגעטאָן גאָר א סך. די געשעענישן אין לאַנד און די שלאַכטן מיט אַנדערע קאָנקורירנדיקע אַרמייען פון אַנדערע לענדער, פון איין זייט און דער שטאַרקער ווילן און באַגער פון שפּאַנישן קאַטאָליציזם צו האָבן אויך אומעטום די איבערמאַכט אין לאַנד — דאָס אַלץ האָט געשטעלט אין גרויס סכנה די יידישע קהילות אין פאַרשידענע מקומות. אומעטום, אין די קעניגלעכע און פּרינצישע הויפן, אין די אַקאַדעמיעס פון וויסנשאַפט און חכמה, אין מסחר, און אין מלאכה האָט מען אָנגעטראָפן יידן אויף פירנדיקע פּאָזיציעס. דערצו זענען יידן געווען גאָר רייך, באַזיצט גאָר גרויסע פאַרמעגנס און אויסגעבויעט רייכע אימפּאָזאַנטע שילן, ישיבות און אַנדערע וויכטיקע בנינים צו שטאַרקן יהדות צווישן זייערע ברידער אין שפּאַניע. דאָס האָט אַרויסגערופן א גרויסע קנאה ביי דער באַפעלקערונג, וועלכע איז געווען שטאַרק פּרימיטיוו און געגלויבט אין דעם, וואָס די פאַרשטייערס פון דער שפּאַניש־קאַטוילישער קירך האָבן געפּריידיקט.

די פאַרטרעטערשאַפט פון וואַטיקאַן האָט פאַרשטאַנען, אַז אוועקרויבנדיק די יידישע פאַרמעגנס וועט איר געבן די געהעריקע מיטלען צו זיין די הערשערין איבער דער שפּאַנישער קרוין.

איז דער קירכע געלונגען טיילמאָל אַריבערצובאַקומען כיטרע און מאַכטגיריקע יידן וועלכע זענען געוואָרן דעגענערירט און

זיך געלאָזט אָפקויפן דורך קירכלעכע פאַנאַטיקערס, וועלכע האָבן ווידער געגלויבט, אז מיט דער הילף פון אזעלכע יידן וועלן זיי דערגרייכן זייער ציל. איינער אַזאַ יידישער רענעגאַט איז געווען פראַ פאבלאָ דע סאַנטאַ מאריא, וועמענס יידישער נאָמען איז געווען שמואל בן ניסים דע פאָרטאָ, וועלכער האָט געשריבן אין דער יוגנט שלעכטע העברעישע שירים. שוין אלס צוואָנציק יעריקער בחור האָט ער געפרוווט גרינדן א חברה פון אמעראַצישן טייל פון שפאנישע יידן אין קאָרדאָוואַ כדי צו ווערן א פירנדיקע פערזענלעכקייט מיט זייער הילף, זעענדיק אז קיינער האַלט נישט פון זיינע שלעכטע שירים.

אָט דער שמואל־בן־ניסים־דע־פאָרטאָ האָט עס צוערשט גוט אדורכשטודירט דעם ברית־חדשה ווערנדיק שפעטער אן אווטאָ־ריטעט ביים בישאָף אין אַראַגאָן.

אמאָל האָט אים דער בישאָף אויסגעזאָגט דעם סוד, אז ער ווייסט נישט וויאזוי די קירך וועט אמאָל קענען אוועקשטעלן איר קרוין איבער דער קרוין פון שפאנישן קעניג וועלכער איז א שטאַרקער באשיצער פון די יידן אין לאנד.

שמואל־בן־ניסים־דע־פאָרטאָ, אָדער, פראַ פאבלאָ דע סאנטאַ מאריאַ, ווי מען האָט אים גערופן נאָכדעם ווי ער האָט זיך געשמדט, האָט צוגעזאָגט דעם בישאָף אז ר׳וועט אים געבן אן עצה אין דריי טעג ארום.

צום דריטן טאָג האָט ער זיך באוויזן ביים בישאָף אין הויף און אים אָנגעוויזן אז דעם ענטפער האָט ער געפונען אין נייעם טעסטאמענט. ער האָט דאן קלאָר געמאכט דעם בישאָף, אז ווען דער גאָט־זון, יעזוס, וועלכער איז אגב געווען א גאָר שיינער בחור מיט אן אסקעטיש פרומען סעקס־אפיל, ווען ער וואָלט זיך נישט געווען געחברט מיט אלע גאסנפרויען און קורטיזאנקעס אין גליל און אין ירושלים, וואָלט ער געווען געשטאָרבן און פארגעסן געוואָרן אויף אייביק. דערפאר, איז געווען זיין עצה, אז די פירערשאפט פון דער קירך אין שפאניע זאָל גיין אין די

זעלביקע דרכים וועט זי מצליח־זיין. פרויען זענען א לייכט־זיניקער עלעמענט, וואָס ווערט באלד מיטגעריסן און עקזאלטירט. און מיט דער הילף פון דער פרוי אין שפּאניע אָנגעהויבן פון דער אָרעמסטער גאַסנפרוי אין דער שטאָט מאלאַגאַ, אין אנדא־לוזיע, ביז דער העכסטער שפּאנישער פּרינצעסין אין קאטאַלאָניע, קען און וועט די קירך דערגרייכן אירס.

דער בישאָף פון אַראַגאָן האָט זיך פארשעמט הערנדיק די נישט־פּאָרזיכטיקע ווערטער פון דעם יידישן רענעגאט. ער האָט זיין עצה טאקע אָנגענומען, אָבער ערשט נאָכדעם ווי א שווערער שטיין האָט צוגעדעקט דעם קערפּער פון דאָזיקן פרא פּאבלאָ־דע־סאנטאַ־מאריאַ, וועלכער איז שוין מער נישט ארויס א לעבעדיקער פון בישאָפס הויף, ווייל א שטילעט האָט אדורכגעלעכערט זיין אוואנטוריסטיש הארץ.

זייט יענעם טאָג האָבן זיך גענומען מערן די פארשיידענע הייליקע־אָרדנס פאר געטרייע טעכטער פון שפּאנישן פאָלק, וועלכע האָבן אויף זיך ארויפגעצויגן דעם הייליקן שלייער פון נאָנעס.

אויך דאָניאַ דע־וועראַ האָט זיך געהאָט אָנגעשלאָסן אין א קלויסטער פון הייליקע שוועסטער און דערגרייכט צום כבוד פון א „שטענדיקער־איינגייערין" ביים בישאָף פון אַראַגאָן. מיט זיין ברכה האָט זי אָנגעהויבן איר „הייליקע" קריסטלעכע שליחות אין דער פּראָווינץ בורגאָס. אונטער איר השגחה זענען איבערגעגעבן געוואָרן די שטעט און שטעטלעך ארום דעם טייך עבראָ, וועלכער קוועלט ארויס פון די בערג קאנטאבראס, פליסט פארביי מיראַנדאַ און אין לויף פון ניינהונדערט קילאָמעטער באפרוכפּערט ער די פעלדער פון לאַגראָניא, סאַראַגאָסע ביז ער ווארפט זיך אין מיטל־ענדישן ים אריין.

די יידן אין דער דאָזיקער פּראָווינץ האָבן דערפילט, אז זייער מצב איז נישט קיין געזיכערטער. ס'האָט זיך אָנגעפאנגען צו בילדן צווישן זיי א מאראנענטום און אין די קהילות האָט מען

אָפגעהאלטן געהיימע אסיפות צו באטראכטן דעם שווערן מצב. עס איז געווען צוגעגרייט א גרויסע מתנה אין גאָלד און אין זילבער, אָבער אַלע פּרווון זענען געווען אומזיסט, ווייל מען האָט באקומען פארטרוילעכע ידיעות, אז העלפן קען נאָר א פרוי, וואָס אין איר רשות איז איבערגעגעבן געוואָרן דער גורל פון אַלע וואָס שטייען אוועק פון דער קריסטלעכער אמונה. אָבער, ווער די פרוי איז און וויאזוי מען קען צו איר דערגיין איז געווען א סוד פארזיגלט אויף זיבן שלעסער. איז אומעטום געבליבן אז פון אלע ארומיקע קהילות זאָל מען שיקן שליחים צום חכם דאָן יצחק איבן־דע־קוריעל, אין מיראנדע.

דער אמאָליקער יונגער איבן־דע־קוריעל האָט, עטלעכע יאָר נאָך זיין חתונה, פארלוירן זיין אלטן פאָטער, וועלכער, כל־זמן ער האָט נאָך געלעבט, פלעגט ער אים א סך ארויסהעלפן אין די קהילה ענינים. ער אליין האָט במשך פון יענע עטלעכע יאָר זיך אוועקגעזעצט על התורה ועל העבודה און האָט אכצן שעה אין מעת־לעת עוסק־געווען אין הלכה. בעת ער האָט זיך אוועק־געשטעלט ביים פאָטערס קבר אים מספיד־זיין, האָבן אלע פרנסים און דער גרויסער עולם מלווים פלוצעם דערזען, אז זייער יונגער חכם איז פאר די עטלעכע יאָר שטאַרק גראָ געוואָרן. ארום זיינע שלייפן ביז אין זיין שיין געשאָרענער באָרד האָט ארויסגעשיינט געדיכטער זילבער.

אלע האָבן זיך געוווּנדערט, בכן זיי האָבן דאָס ערשט דאָ, אויפן בית־החיים, דערזען. און אין די שפּעטערע יאָרן, ווען ער האָט זיך באוויזן ביי די גדולי התורה מיט זיין ערשטן כתב־יד, א ספר וועגן סתרי־תורה און קבלה, וואָס ער האָט אָנגערופן „מאהבה לאהבה", האָט מען שוין צווישן די שפאנישע גדולי התורה גערעדט וועגן אים מיט א זעלטענעם דרך־ארץ און מ'האָט אים באצייכנט מיט אזעלכע גרויסע טיטלען ווי הזקן און הצדיק. און צו זיינע פופציק יאָר איז ער שוין געווען באקאנט אין אלע גרויסע און קליינע קהילות אין גאַנצן לאנד, און אפילו אין טייל

מקומות אין פראנקרייך און אין איטאליע, אלס דער צדיק פון מיראנדע.

פינף־און־צוואנציק יאָר שפּעטער, ווען עס האָבן זיך צו דער פּורים־סעודה, ביינאכט, פארזאמלט ביים צדיק פון מיראנדע די חשובסטע באלעבאטים פון שטאָט, מחותנים און געסט, האָט מען אים פּלוצעם איינגערעמט א סוד אין אויער, אז צוויי מנינים גאָר חשובע יידן, שליחים פון אלע ארומיקע קהילות געפינען זיך אין מיראנדע און זענען געקומען אים זען אין א גאָר וויכטיקן ענין. האָט ער באלד געהייסן זיי אריינבעטן און פאר זיי געהייסן גרייטן א יום־טובדיקן טיש נאָענט צו זיינעם. שפּעט נאָך דער גרויסער סעודה און נאָך די תנאים פון זיין ערשטן זון, דעם בכור, איז דער צדיק־פון־מיראנדע אריין צו זיך אין זיין חדר־מיוחד, וואָס איז געווען גרוים און פול מיט ספרים פון אַ גאַנצער וועלט און געלאָזט אריינרופן צו זיך די שליחים פון די ארומיקע קהילות און זיך מיט זיי אָפּגעשלאָסן ביזן העלן טאָג־אריין, אויסהערנדיק זייערע זאָרגן און טראכטנדיק ביי זיך, אז ער אליין וועט מוזן זען דעם בישאָף פון אַראַגאָן.

און מיט אָט דעם צוזאָג זענען די שליחים צוריקגעקומען צו זיך און צו זייערע קהילות.

באלד נאָך דער פּורים־וואָך האָבן זיך פארזאמלט אלע פרנסים, די שבעה טובי־העיר מיט זייער חכם בראש, אויסצוגע־פינען וועגן און מיטלען, וויאזוי ווי צומגיכסטן צו האָבן אן אוידיענץ ביים בישאָף פון אַראַגאָן, כדי ביי אים ארויסצובאקומען א צוזאָג, אז ער וועט נישט דערלאָזן, אז די קריסטלעכע באפעל־קערונג אין דער פּראָווינץ פון בורגאָס, וואָס האָט אויך איינ־געשלאָסן די שטאָט מיראַנדע, זאָל נישט טוען קיין שלעכטס די שפּאנישע בירגער פון דת־משה.

דער צדיק פון מיראנדע איז געווען שטארק באזארגט, ווייל ס'איז געווען נאָענט צו פּסח, און די סכנה, האָט ער בחוש פארשטאנען, איז פּונקט אזוי נאָענט. איצט, וויאזוי וועלן די

שליחים־זיינע באוויזן אָנצוקומען צום בישאָף אין צייט און באצייטנס טאקע אויספועלן ביי אים אן אוידיענץ, כדי ער, דאָן יצחק דע־קוריעל, זאָל האָבן א מעגלעכקייט זיך אויסצושמועסן מיט אים; הערן פון בישאָפס מויל וואָס זיין מיינונג איז און צי וועט ער טאקע קענען באצייטנס לעשן דעם שטילן צאָרן, וואָס די קירך און א טייל פון אירע פיערשטייערס טראָגן אין זיך. עס האָבן אים געמאטערט ספקותן: „און וואָס, אז מען וועט צוערשט צונעמען ביי זיינע יידן דאָס אויסקויף־גאָלד און נישט מקיים־זיין דעם צוזאָג צו די יידן ?

די אסיפה ביים צדיק אין מיראנדע האָט געדויערט קרוב פערציק שעה. דער סופר וועלכער האָט אויף פארמעט אויס־געשריבן דעם תוכן פון בריוו, וואָס דאָן יצחק, דער חכם, האָט פארפאסט צוערשט אויף לשון־הקודש און באלד ביי דער זייט אויף לאטייניש, וואָס די פני פון מיראנדע האָבן געזאָלט איבערגעבן דעם בישאָף פון אראַגאָן, — אָט דער סופר, אליין א גרויסער מלומד, האָט זיך געפלייסט און נישט ארויסגעוויזן קיין סימן פון מ׳דקייט און ווען ער האָט דערלאנגט דעם פארמעט צו דאָן יצחקן אין האנט־אריין, אז ער זאָל דארויף אוועקשטעלן זיין חתימה, איז ער צוזאמענגעבראָכן און זיך ביטער צעוויינט, זאָגנדיק דערביי א תפילה אז דער גאָט פון אונדזערע אָבות זאָל זיך אויך חתמ׳ענען אויפן פארמעט — לטובה.

א מעת־לעת שפעטער, ווען אלץ איז שוין געווען גרייט און די שליחים האָבן זיך געזאָלט ארויפזעצן אויף דער דיליזשאנס און לאָזן אין וועג־אריין צום בישאָף פון אַראַגאָן, זענען פלוצעם אָנגעקומען צו רייטן אויף פערד, דריי קירכלעכע סעקרעטאַרן און זיך געפרעגט אויפן צדיק פון מיראַנדע.

מען האָט זיי באלד אויפגענומען, אריינגעפירט צום עלטסטן פרנס פון דער קהילה, וועמען זיי האָבן איבערגעגעבן א מגילה ארום וועלכער עס איז נאָכגעהאָנגען א שווער שטיק געלער

וואַקס אויף וואָס מען האָט דערקענט דעם חותם פון בישאָף־פון־אַראַגאָן.

האָט מען אוועקגעשיקט די דיליזשאַנס צוריק פון וואַנען מען האָט זי באַשטעלט, און מ׳איז אין גרויס איילעניש אַריבערגעלאָפן צום חכם, דאָן יצחק, אין זיין בית־מדרש אַריין און מיט זיין הסכמה האָבן זיך אַלע פּרנסים, זקנים און גבירים פון שטאָט פאַרזאַמלט אין בית־דין שטוב, בראש מיטן צדיק זייערן, וועלכער האָט באַלד געעפנט דעם בישאָפס פּאַרמעט און איבערלייענענדיק, אַז דער בישאָף וועט זיין אין מיראַנדע אין אַ וואָך אַרום און אַז ער בעט די חשובי־העיר מיט זייער ספּיריטועלן מנהיג אַנצוטאָן אים דעם גרויסן כבוד און מסכים־זיין צו זען זיך מיט אים אינעם זאַל פון דער „דריי הייליקייט“, וואָס אין דער קאַ־טעדראַלע אין מיראַנדאַ־דע־עבראָ.

דאָן יצחק דע־קוריעל האָט זיך געהייסן דערלאַנגען זיין געגזענע פּען און, מיט אַ שטילער תפילה אויף די ליפּן, אונטער־געשריבן אַ דאַנק צום בישאָף פאַרן גרויסן כבוד, וואָס ער טוט־אָן אים און זיין גאַנצער קהילה, פאַר האָבן אויסגעדריקט זיין חסד צו זען זיך אין זיין הייליקן הויז ווו גאָטס נאָמען איז געהייליקט.

און אַ פיבער האָט אַרומגעכאַפּט די גאַנצע באַפעלקערונג פון מיראַנדע. עס האָבן זיך צוגעגרייט סיי די אידן און סיי די גאַנצע קריסטלעכע באַפעלקערונג מקבל־פנים צו זיין דעם בישאָף מיט זיין גאַנצער סוויטע. יעדן פרימאָרגן און שפּעט אין די אָוונטן זענען אָפּגערייכט געוואָרן תפילות אין די קירכן און אין דער קאַטעדראַלע און אַן אימה און אַ שרעק האָט אַרומגענומען די יידישע עדה ווען ס׳האָבן זיך צעקלונגען אַלע גלאָקן אויף די קירכן־טורעמס.

דער צדיק פון מיראַנדע, די פּרנסים און אַלע יועצים האָבן טאָג און נאַכט אָפּגעהאַלטן אסיפות און אויסגעאַרבעט פּלענער, וויאַזוי מקבל־פנים זיין דעם בישאָף. מען האָט אויף גיך געלאָזט וויסן די קהילות אין די אַנדערע מקומות, אַז זיי זאָלן וויסן דאָס

דער בישאָף פון אַראַגאָן קומט קיין מיראַנדע און אַז ער האָט באַצייטנס מודיע־געווען דעם חכם פון מיראַנדע וועגן זיין אָנקום.

צוויי מעת־לעת פאַרן אָנקום פון בישאָף פון אַראַגאָן קיין מיראַנדע, האָט דאָן יצחק איבן־דע־קוריעל געלאָזט צו זיך רופן אַלע אָנגעזעענע יידן פון זיין קהילה און פאַר זיי אָפּן, אָן שום פניות, קלאָר־געמאַכט, אַז ער זעט פאַר אַ גאָר גרויס אומגליק און אַז פון די רייד פון די שליחים, וועלכע זענען געווען ביי אים פורים צו דער סעודה, איז אַרויסצולערנען, אַז עפּעס איז נגזר־געוואָרן קעגן יידן און עס וואָלט אפשר געווען בעסער ווען אַלע יידישע יונגעלייט, פרויען און קינדער זאָלן זיך שטיל אַרויס־גנבענען פון שטאָט און אויסבאַהאַלטן זיך אין בערג און אין וועלדער ביז מען וועט זיי קענען מודיע־זיין וועגן אַ צוריקקער צו זייערע היימען, און ער מיט די זקנים וועלן דאָ בלייבן אין מיראַנדע, כדי נאָכצוקומען דעם בישאָפס פאַרלאַנג.

די פּרנסים דערהערנדיק אַזעלכע רייד, האָבן אויפגעוויזן אַז אויף השערות טאָר מען זיך נישט סומך־זיין. און אפילו עס זאָל זיין אַנצונעמען, אַז דעם חכמ׳ס עצה נעמט זיך פון עפּעס, וואָס איז מער ווי סתם אַ השערה — איז אויך שווין שפּעט צו קענען צוגרייטן אַזאַ מאַסנהאַפטיקע אויסבאַהעלטעניש. זיי האָבן אויס־באַהאַלטן אַ נאָך גרעסערן סוד און זיך מיט אַלע כוחות און תחבולות באַמיט אים צו פאַרהוילן פאַרן צדיק זייערן; עס איז צו זיי דערגאַנגען אין די לעצטע טעג אַ ידיעה, דאָס די שטאָט מיראַנדע איז פון אַלע זייטן באַוואַכט דורך נישט באַקאַנטע פּנימער און אַז יעדער פּרווו זיך אַרויסצוראַטעווען פון שטאָט וועט דורכפאַלן. זיי האָבן זיך פאַרלאָזט אויף אַ נס צוערשט און שפּעטער אויך אויף דער קלוגשאַפט פון חכם זייערן, דאָן איבן־דע־קוריעל.

האָט דאָן יצחק נאָכגעגעבן דער עדה זיינער און אַהיימ־קומענדיק צו זיך האָט ער אַריינגערופן זיין געטריי ווייב עאולאַ־

ליאַ־רחל, איר איבערגעגעבן וועגן דעם שמועס, וואָס ער האָט אָקערשט געהאַט מיט די פאַרשטייער פון זיין קהילה.

זייענדיק א גרויסע חכמת, האָט זי אים געשטאַרקט מיט אירע רייד און אים פאַרזיכערט, אז זי וועט שטיין ביי זיין זייט און טיילן דעם גורל גלייך מיט אלע יידן פון דער קהילה.

— — —

צום אָנגעזאָגטן טאָג, האָט מען דערהערט א שיסעריי פון קאַנאָנען אויף די בערג ארום מיראַנדע. די גלעקער אין שטאָט האָבן זיך צעקלונגען און עס האָבן זיך גענומען ציען פּראָצעסיעס פון טויזנטער מענער, פרויען און סאָלדאַטן פון די שפּאַנישע קירכן אויף פערד מיט שפּיזן, פאָנען און פאַרשיידענע צלמים איבער זייערע קעפּ און אקסלען.

אלע האָבן אדורכגעמאַרשירט איבער די הויפּט־גאַסן פון מיראַנדע און זיך אָפּגעשטעלט, גרופּנווייז מיט זייערע פירערס און פאָנען, אויפן גרויסן פּלאַץ ארום דער קאַטעדראַלע.

אין איינעם פון די ווינקלען פון דאָזיקן פּלאַץ זענען געשטאַנען אונטער א חופּה די זקנים פון דער יידישער קהילה, האַלטנדיק דריי ספרי־תורה איינגעהילטע אין זילבערנע ארונות מיט פאַר־גילדעטע קרוינען איבער זיי. אויף דער חופּה איז געווען אויס־געהאַפטן מיט גאָר גרויסע גאָלד־קאַליריקע אותיות אויף לשון קודש אן אויפשריפט: „תנו כבוד להאפּיפיור דארגון! ברוך יהי בואך למיראנדה!"

מיטאמאָל האָבן זיך געעפנט די שווערע טויערן פון דער קאטעדראלע און עס האָבן פון דאָרטן ארויסגעשיינט טויזנטער אָנגעצונדענע ליכט. הויכע וואקסענע ליכט זענען דאָס געווען, אריינגעשטעלטע אין שווערע מעשענע לייכטערס און קאַנדע־לאַברעס און עס האָט זיך צעטראָגן איבערן פּלאַץ א שאַרפער גערוך פון געברענטן האָניק, וואָס האָט זיך גענומען דערפון וואָס

די ליכט האָבן אונטערן דרוק פון דער שווערער היץ גענומען טריפן און צעטאָפּיעט ווערן.

פון דערוווייטנס האָט זיך אהער געטראָגן, אלעמאָל שטארקער און בולטער א קלאַפּן אין פויקן, וואָס האָט געשראָקן און דערמאָנט אין שווערער שרפה, וואָס כאַפּט ארום אַ שטאָט אין שפּעטער נאַכט ווען אלע איינוווינער פון שטאָט זענען פאַרזונקען אין טיפן שלאָף, ליגנדיק מאכטלאָז אין זייערע בעטן.

באלד האָט אָנגעהויבן קלינגען דער אַכט־טאָניקער בראָנזע־נער גלאָק אויפן העכסטן טורעם פון דער קאַטעדראַלע און דער המון ארום האָט זיך אזש געכאַפּט מיט ביידע הענט פאר די אויערן, כדי נישט טויב צו ווערן.

א קול פון טרומפּייט האָט אָפּגעשטעלט דאָס געקלינגעריי און שטיל האָט זיך דערנענטערט די פּראָצעסיע מיטן בישאָף אין א גאָלדענער קארעטע, געפירט נישט פון קיין פערד, נאָר פון צוויי רייען, צו צען פון ביידע זייטן, טאָרעאַדאָרן אויסגעסטראָיעטע אין זייערע פעסטלעכע קאָסטיומען. אונטער זיי זענען געגאַנגען פרויען אָנגעטאָן אין לאנגע זיידענע שווארצע קליידער, מיט פלאכע סאַנדאַלן אויף די פיס און שווארצע, זיידענע מאנטיליאָס אויף די קעפּ.

נאָך די פרויען זענען נאכגעגאַנגען הונדערט קירכלעכע זעלנער פונעם בישאָפס לייב־גווארדיע. א ריטמישער אָפּהילך האָט זיך געטראָגן פון זייערע פויקן אויף וועלכע זיי האָבן אויסגעשלאָגן א מארש, וואָס האָט אָנגעוואָרפן פחד און געשמעקט מיט טויט.

נאָך די פויקערס זענען געגאַנגען עטלעכע הונדערט מענער איינגעהילטע אין שווערע ברוינע זעק־מאנטלען, מיט דיקע גארטלען ארום די לענדן און אויף די קעפּ און איבער די פנימער ברוינע קאַפּוזעס מיט הויכע שפּיצן מיט אויסגעשניטענע צוויי לעכער דורך וועלכע מען האָט נאָר ארויסגעזען די אויגן זייערע.

פוןביידע זייטן פון דער דאָזיקער פראָצעסיע האָבן זיך געצויגן צוויי שורות גלחים, אָנגעטאָן אין גלחישע ווייסע קיטלען.

בעת דער גאנצער צייט, פון דאָזיקן אויפמארש פון דעם בישאָף פון אראגאָן, האָט דער גרויסער המון, דאָס פאלק ארום די גאַסן, אויף די באצירטע באלקאָנען, איבער דעכער און ארום פלאַץ נעבן דער קאטעדראלע, זיך אראָפּגעלאָזט אויף די קני און זיך אַלע מאָל איבערגעצלמט.

בעת די קארעטע, אין וועלכער עס איז געזעסן דער בישאָף, האָט זיך דערנענטערט צו דער זייט פון פלאַץ ווו די יידישע פאָרשטייער, בראש מיטן צדיק פון מיראנדע זענען געשטאנען, האָט ער, דער בישאָף געגעבן א צייכן אז די מאָטאַדאָרן און טאָרעאָדאָרן זאָלן זיך אָפּשטעלן. די יידישע עדה מיט די ספרי־תורה אונטער דער חופה האָט זיך דערנענטערט צום בישאָפס וואָגן. דאָן איבן יצחק־דע־קוריעל האָט מיט זיין ספר תורה זיך אוועקגעשטעלט פנים־אל־פנים האַרט נעבן בישאָף, וועמען ער האָט באגריסט צוערשט אויף לשון־קודש און דאַן אויף לאטייניש. דער בישאָף האָט אויסגעצויגן זיין האנט און לייכט באַרירט די קרוין פונעם מיראנדער צדיקס ספר־תורה און געבעטן אין אַן אויסערגעוויינלעך איידעלען טאָן, אז די עדה, דער חכם דאָן יצחק מיט אלע יידן אין זיין גרופּע זאָלן זיך אָנשליסן אין דער פראָצעסיע.

דער בישאָף האָט מיט דער האנט געגעבן א ווונק און די מאטאדאָרן האָבן געריר־ט פון אָרט נישט ווארטנדיק אפילו מער אויף קיין ענטפער פון דאָן איבן־דע־קוריעלן, וועלכער האָט זיך אַן אויסגעגלייכטער, א שטאָלצער, צוריקגעצויגן אונטער דער חופה און געהייסן זיין עדה צוריקגיין צום ערשטן אָרט, און ווי נאָר דער בישאָף פון אראַגאָן וועט מיט דער גאנצער סוויטע זיינער אָנקומען צו די ברייט צעעפנטע טויערן פון דער קאַ־טעדראלע, זאָל מען גלייך צוריקטראָגן די ספרי־תורה מיט דער חופה צוריק אין שול אריין.

וויאזוי, אָבער, דאס איז געשעען האָט קיינער, אפילו דער חכם דאָן יצחק אליין אויך נישט געוווּסט; די פּראָצעסיע האָט זיך ווידער מיט געמאָסטענעם טראָט באַוויגן ווייטער, די גלעקער און דער ריזיקער גלאָק פון דער קאַטעדראַלע האָבן געלעכערט די אויערן מיט זייער געקלינגעריי און די עדה יידן אונטער דער חופּה מיט דריי ספרים צוגעדריקט צו זייערע הערצער, האָבן זיך באַוויגן צוזאַם מיט אַלע אין דער פּראָצעסיע, אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן מיט באַוואָפנטע גוואַרדיסטן פון בישאָפס מענטשן.

דער חכם האָט באַלד פאַרשטאַנען, וואָס עס מיינט, און מיט שטאָלץ אויפגעהויבן זיין קאָפּ און מיט די אויגן צום הימל געווענדט, האָט ער אין הארצן תפילה־געטאָן, אז דער גאָט פון ישראל זאָל אים געבן חכמה און כח בייצושטיין דעם נייעם נסיון.

א פּופציק מעטער פאַר דעם אַריינגאַנג אין קאַטעדראַלע האָט זיך די פּראָצעסיע אָפּגעשטעלט. דער בישאָף־פון־אַראַגאָן איז אַראָפּ פון זיין קאַרעטע, ער און די וועלכע זענען געזעסן ביי זיין זייט, און זיך געלאָזט מיט פּאַמעלעכע טריט צום אַריינגאַנג אין דער קאַטעדראַלע.

די פרויען אין שוואַרצן און מיט שוואַרצע מאַנטיליאַס, שוואַרצע קרוינען, אויף די קעפּ, האָבן אַלע גלייכצייטיק מיט גרילציקע קולות אויסגעזונגען א קאַפּיטל „סאַעטאַס" וואָס האָט פאַרנומען דאָס אָרט פון א קאַפּיטל תהילים. ביי די אַריינגענג אין דער קאַטעדראַלע האָבן דעם בישאָפס גוואַרדיסטן פאַרהאַלטן דעם חכם דאָן איבן־דע־קוריעל מיט זיין עדה יידן, און איינער א העכערער אָפיצער האָט איבערגעגעבן דעם חכם אין האַנט־אַריין א בריוו אין וועלכן עס איז געווען אָנגעזאָגט די גענויע צייט פון דער אוידיענץ ביים בישאָף.

די גאַנצע עדה יידן האָט זיך דאָן געלאָזט מיטן וועג צוריק צום צדיקס בית־מדרש, אונטער א שווערן געמורמל פונעם גרויסן המון און אונטער, בייזע, שטעכיקע בליקן.

אָנגעקומען זענען זיי אַלע שפּעט פאַר מינחה דאַוונען אין בית־המדרש אריין, ווו עאולאליא־רחל און די פרויען פון די אַנדערע דיינים און פּרנסים האָבן זיי מכבד געווען מיט קילן אָראַנזשנ־זאַפט, כדי צו שטאַרקן און דערקוויקן דעם חכם און די אַנדערע, וועלכע זענען מיט אים געווען ביי דער פּראָצעסיע.

שפּעט אין דער נאַכט. די גאַסן אין מיראנדע זענען געווען באַלעבט מיט טויזנטער פּילגרימען, פרומע קאַטאָליקן, וועלכע זענען געקומען אהערצו אויפן באַפּעל און רוף פון די גייסטלעכע אין זייערע ווינ־ערטער. עס האָבן זיך געהערט פאַרשידענע קולות און געזאַנגען. א געמיש פון שיכורים און עקזאַלטירטע פאַנאַטיקער פון דער קירך, זנות און נזירות — דאָס אַלץ האָט זיך ארומגעטראָגן און ארומגעשוועבט אין אָט דער דאָזיקער נאַכט.

די גייסטלעכע פון דער שטאָט האָבן אוועקגעשטעלט א ריזיקן הילצערנעם צלם אויף א פּעדעסטאַל אין מיטן פּלאַץ קעגנאיבער דער קאַטעדראַלע. אויפן דאָזיקן צלם האָט געהאָנגען א ייד אַ מאַרטירער, אַן קליידער, מיט אַן אראָפּגעלאָזטן טויטן קאָפּ באַקרוינט מיט אַ דערנערקרענצל און מיט אַ שוואַרצער געקרויזטער באָרד ארום אויסגעבלייכטן פּנים. אויף א טרעפּל אונטערן דאָזיקן צלם האָט אַלע האַלבע שעה גערעדט אַן אַנדערער גלח און געמוסרט דעם ארומבלאָנקענדיקן המון, געהייסן תשובה־טאָן דורך אָפּזאָגן זיך פון תענוגים אויף דער וועלט און אוועקשענקען דער שפּאַנישער קירך די פאַרמעגנס.

שוואַרץ־געקליידעטע נאָנעס האָבן שעלמיש געקוקט, מיט פרומע מינעס אויף זייערע געזיכטער, און באַדינט די דורשטיקע מיט א קאַלטן גלאָז פרוכט־וואַסער און מיט א הארטן געלעגער פאַר קינדער, וועלכע זענען מיטגעקומען מיט זייערע עלטערן.

אין דער נאַכטיקער בהלה האָט מען ניט באַמערקט ווי א יונגער מאַנאַך, אין א ברוינעם כאַלאַט מיט א קליין יאַרמעלקעלע אויפן שפּיץ קאָפּ, האָט זיך שטיל אוועקגעגנבעט פון צווישן

אנדערע מאָנאַכן און זיך קוים דערשלאָגן צום בית־המדרש, ווו דאָן יצחק־דע־קוריעל איז נאָך אויפגעוועזן און איינגעהזרט, וואָס און וויאַזוי צו רעדן מיטן בישאָף פון אַראַגאָן.

א שטילער קלאַפּ אין טיר האָט אים אָפּגעשטעלט פון זיין גאַנג אין בית־מדרש אהין און קאריק און דערזעענדיק, אין דער שטיל געעפנטער טיר, דעם מאָנאַך האָט דער חכם אים געבעטן קומען נענטער, ווייל אינעם פחד, וואָס האָט ארויסגעקוקט פון מאָנאַכס אויגן האָט ער דערקענט, אז דער אריינגעקומענער איז א ייד.

ער איז געווען איינער פון יענע שליחים, וועלכער איז געווען צו דער פורים־סעודה ביים חכם. נישט צו פארלירן קיין איבעריקע צייט, האָט ער איבערגעגעבן דעם חכם, דאָן יצחק איבן־דע־קוריעלן, א ידיעה, וואָס האָט אין אים דאָס בלוט געגליווערט; ער האָט דערציילט וועגן שחיטות און וועגן טויזנטער יידן פון יענע אלע קהילות, וועמענס שליחים האָבן מיט אים, מיטן חכם, א גאנצע נאכט פארבראכט און וועלכע זענען אוועקגעפאָרן מיטן צוזאָג, אז ער, דער צדיק פון מיראנדע, וועט זיך זען מיטן בישאָף־פון־אראגאָן, כדי אָפּצוהיטן יידישע קהילות פון פארניכטונג.

איצט האָט דער איבערגעטוענער ייד אין מאָנאַכישע קליידער אים געוואָרנט, אז ער זאָל לאָזן וויסן זיינע פרנסים און אלע יידן אין מיראנדע, אז זיי זאָלן נישט ווארטן קיין איבעריקע שעה, נאָר כל־זמן דער המון איז מיד און האלב־שיכור — זאָל מען אַנטלויפן פון שטאָט.

ווען דער חכם האָט אויפמערקזאם געמאכט דעם „מאָנאַך", אז די שטאָט איז באַוואַכט פון אַלע זייטן און אויב ער וועט דאָס אויסזאָגן זיינע פרנסים וועלן זיי בכלל זיין דערשראָקן און נישט וואַגן זיך ארויסצורירן פון שטאָט, האָט דער שליח אויס־געזאָגט דעם חכם, דאָס די פרנסים ווייסן פון דעם און זיי האָבן מורא־געהאַט אים דאָס אויסצוזאָגן. ער, דער „מאָנאַך", האָט נאָך צוגעגעבן, אז די היטער, וועלכע באַוואַכן די שטאָט, וועלן זיך

לאָזן אָפּקויפן און אַז עס זענען צווישן זי פאַראַן אַזעלכע, וועלכע וועלן זיין גרייט, פאר געלט, איבערצופירן די אנטלויפנדיקע יידן ביז קיין פּאָרטוגאַל און נאָך ווייטער.

דאָן איבן־דע־קוריעל האָט ארייננגערופן זיין גבאי און אים געהייסן אויף גיך שיקן שמשים אויפצוּוועקן די פרנסים און זקנים פון דער קהילה און זיי גלייך הייסן קומען צו אים אין בית־המדרש אריין.

די אסיפה האט זיך דאן פארצויגן ביזן קאַיאַר־אריין און בפה אחד האָבן אלע באַשלאָסן נישט צו פארלאָזן די שטאָט און צוווארטן ביז דער חכם זייערער וועט צוריקקומען פון דער אוידיענץ ביים בישאָף. דער ייד אין מאַנאַכישן ברוינעם כאַלאַט, האָט אָנגענומען דאָן איבן־דע־קוריעלן ביים ראַנד פון זיין געבלימלטן זיידענעם כאַלאַט, זיך פאר אים פארנייגט און ווי נישט באמערקטערהייט ארויסגעשארט זיך פון בית־מדרש אין גאַס אריין. מער האָט מען פון אים נישט געהערט...

פונקט א זייגער צוועלף, ווען די זון איז דערגאנגען צום זעניט און אַ היץ, ווי אין מיטן זומער, האָט זיך געגאָסן פון אירע זילבער שפּיזן, איז אָנגעקומען דעם בישאָפס קאַרעטע און זיך אָפּגעשטעלט פאר דעם הויז פון דאָן איבן־דע־קוריעל.

דער צדיק פון מיראנדע האָט אויף זיך לאנג נישט געלאָזט ווארטן. ער האָט מיט פאמעלעכע טריט זיך דערנענטערט צום בישאָפס ווארטנדיקע שליחים, וועלכע האָבן זיך, האלטנדיק אָפּן די טירלעך פון דער קאַרעטע, פאר אים טיף פארנייגט און אים געבעטן פארנעמען זיין זיץ־אָרט.

דאָן דע־קוריעל האָט זיך אָפּגעזאָגט פון צו פאָרן אום שבת, און זיך געלאָזט גיין אין ריכטונג נאָך דער קאַרעטע נאָך.

א האלבע שעה שפּעטער איז שוין דאָן איבן־דע־קוריעל ארייננגעפירט געוואָרן מיט גרויס כבוד אינעם סאַלאָן פון דער „דריי־הייליקייט״.

איינִיקע מינוטן איז דער צדיק פון מיראנדע געבליבן אליין אינעם סאַלאָן אויף דעם אָנגעוויזענעם שטול און אין דער טויט־שטילקייט באַטראַכט די באַצירטע ווענט, דעם סופּיט, וואָס האָט זיך געבאָדן אין פּורפּור און גאָלד און זיך געחידושט, ווייל ס'איז אים געווען קשה און שווער צו פאַרשטיין די דאָזיקע פאַרבעטונג בעת, ער, דער בישאָף אליין איז גאָר נישטאָ צו דער אָנגעזאָגטער צייט.

ער האָט דערהערט א לייכטן שאָרך און איז געווען איבעראַשט צו זען ווי עס האָבן זיך געעפנט צוויי טירן קעגנאיבער די, דורך וועלכע ער איז אריינגעפירט געוואָרן. א גרופּע פון אַכט העכערע גייסטלעכע אָנגעטאָן אין שוואַרצע סוטאַנעס מיט בלאָע קאַפּלעך אויף די קעפּ זענען אריינגעקומען און זיך פאַרנייגט פאַרן חכם באַגריסנדיק אים אין נאָמען פונעם בישאָף־פון־אַראַגאָן און אײנער פון זיי האָט צוגעגעבן, אז דער בישאָף איז פאַרהינדערט און קאָן נישט זיין צו דער צייט; געבעטן אנטשולדיקונג און אז אנשטאָט וועט א פאַרטרעטערין פון בישאָף מיט אים אָפּהאַלטן די אוידיענץ. זיי האָבן זיך אוועקגעשטעלט צו פיר פון ביידע זייטן און מיט די פּנימער האָבן זיי זיך פאַרנייגט צו אַן אריינגעקומענער דאַמע אָנגעטאָן אין שוואַרצן זייד און אַ ווייסע מאַנטיליע איבערן קאָפּ און געזיכט. אירע ליפּן האָבן עפּעס געפּליסטערט, ווי א קאָנווענציאָנעלע באַגריסונג. די ווערטער האָבן זיך אָפּגעהאַקטע און האַלב־הייזעריקע געשלעפּט פון איר גאָרגל. זי האָט זיך דאַן באַהערשט און בעטנדיק דעם חכם צו זיצן, איז שוין איר שטימע געווען זילבערקלאַנג און כמעט באַפּעלעריש.

די אַכט גלחים האָבן זיך צוריקגעצויגן און אונטער פאַר־מאַכטער שמירה זענען ביידע, דער חכם און די דאַמע, געבליבן אינעם סאַלאָן פון דער „דריי הייליקייט".

די דאַמע האָט געקוקט אויף דאָן איבן דע־קוריעלן, באַטראַכט זיין געזיכט און באַוווּנדערט זיין ריטערלעכע האַלטונג. עס האָט זי אינערלעך ווי פאַרדראָסן דאָס, וואָס אנשטאָט ער, איז זי גאָר

עפּעס ווי אין א פּארלעגנהייט מיט זיך אליין, און כדי דאָס צו פּאַרטושן וואָס־גיכער, האָט זי זיך די ערשטע אָנגערופן:

— איר האָט זיך גאָר שטאַרק פאַרענדערט, דאָן איבן דע קוריעל?

—דער צדיק האָט דערקענט די שטימע פון זיין אמאָליקן חברס שוועסטער, דאָניא דע־ווערא, און זעענדיק זי אין שווארצן זיידענעם קלייד מיט א שווערן צלם אויף איר ברוסט און מיט דער ווייסער מאנטיליע אויפן קאָפּ, האָט ער פארשטאנען, אז זי איז געבליבן א בתולה, מיט קיינעמען נישט חתונה געהאט. ער האָט זיך אָבער געפּרוווט ווי ניט דערמאָנען און געענטפערט:

— ענטשולדיקט סעניאָרא, איר רעדט צו מיר ווי צו א מענטשן וועלכן איר דענקט צו האָבן ווען־עס־איז געקענט פון פריער?

— דאָן יצחק, האָט זי זיך נאָך אינטימער צו אים אָנגערופן, עס זענען קוים פינף און צוואָנציק יאָר פאַרביי זייט איר האָט מיך פאַרראָטן... אַזאַ מענטשן פארגעסט מען נישט אזוי גיך...

—היינט אָבער, דאָניאַ דע־ווערא, בין איך אַן אלטער מאַן מיט גאָר א סך זאָרגן, איר זענט געבליבן יונגער און שטאַרקער פון מיר, און אונדזערע וועגן האָבן אנגענומען אַ גאַנץ אנדערע ריכטונג, אבער דערלויבט מיר אייך צו זאגן, אז איך האָב אייך קיינמאל נישט אָפּגענאַרט און אוודאי נישט פאַראָטן. זייענדיק יוגנט־פריינד מיט סעניאָר פערנאנדעז דע־ווערא, אייער געשעצטן ברודער, האָב איך, זייענדיק זיינער אַן אָפטער גאַסט ביי די הויכגעשעצטע עלטערן אייערע אין שטוב, אייך באטראכט ווי מיינע א שוועסטער — —

— באַסטא*), דאָן דע־קוריעל, האט די נאנע נערוועז איבערגעריסן דעם צדיקס ווערטער, עס איז נישטאָ קיין

*) גענוג, שווייגט.

גרעסערע באליידיקונג פאר א שפאנישער יונגפרוי, ווי ווען א יונגער קאוואַליר זאגט איר, אז ער ליבט זי ווי א שוועסטער. איר ווייסט אז אַ שפאנישע פרינצעסין טאנצט נישט פאר קיין יונגע הערן א חוץ פאר דעם וועלכן זי ליבט. איר האָט גוט געוווסט, אז זייענדיק אייערע א שוועסטער וואָלט איך פאר אייך נישט געווען געטאַנצט...

— אָבער, דאָניא דע־ווערא, צי איז דען דאָס איצט דער ציל פון מיין קומען דאָ אהער? צי דארפן מיר איצט נאָך דער־מאָנען אונדזערע פעלערן פון מיט א פערטל יאָרהונדערט צוריק? האָט דער צדיק פון מיראנדע איר געשטעלט אָט די שאלה טראכטנדיק, אז איצט איז דער מאָמענט צו זען פועלן ביי איר, אז זי זאָל משפיע זיין אויפן בישאָף פון אַראַגאָן, אז עס זאָלן אָפגעשטעלט ווערן די רדיפות אויף יידן און אז זי זאָל לעבן מיט א געפיל פון מחילה און ניט שפייזן זיך מיט געפילן פון נקמה.

— דאָן איבן־דע־קוריעל — האָט זי נאָך א ווײַלע אריינ־קלערן געגומען רעדן — איר זענט אהער ניט געקומען פון אייער אייגענעם גוטן ווילן. אויפן פארלאַנג פון בישאָף־פון־אַראַגאָן האָט איר געמוזט קומען. דעם בישאָף וועט איר ניט זען. דערפאר הערט זיינע ווערטער, וואָס איך גיב אייך איבער איצט אין זיין נאָמען: אלע הויכע אַמטן אין אונדזער קאטוילישער קירך שטייען אָפן פאר אייך. עס וועט אייך ניט פעלן קיין כבוד און אייער לעבן און דאָס לעבן פון אלע וועלכע גלויבן און הערן אייך וועט ווערן אויסגעלייזט און פריי אויב איר זענט ווילִיק צו שטעלן זיך אין דינסט פון דער שפאנישער קירך. איך, דאָן דע־קוריעל, בין גרייט אייך מוחל צו זיין אייער זינד קעגן מיר, ווייל מיין באגער איז צו זען אייך לעבן און געניסן פון גנאָד פון אונדזער דערלייזער. זענט איר מסכים אָנצונעמען מיין אָנבאָט?

דאָן יצחק איבן־דע־קוריעל האָט זיך האַסטיק א הויב געטאָן פון זיין אָרט, און געזאָגט:

— דאָניא דע־ווערא, דערלויבט מיר צו פארלאָזן דעם זאַל.

א טויט־בלאסע האָט דאָניא דע־ווערא געקוקט אויפן צדיק פון מיראנדע און זיך אָפּגערופן מיט א ציטער אין איר קול:

—סעניאָר דע־קוריעל, אייער הויז און אייער טעמפּל איז איצט אין פלאמען, איר האָט ניט וווּ צו גיין, אפילו נאָכן האָבן מיין דערלויבעניש צו פארלאָזן מיך. אייער פרוי, זין און טעכטער זענען אהערגעבראכט געוואָרן און איר וועט זיי באלד קענען זען דאָ אין דער קאטעדראלע. אייערע גלויביקע שטעלן א ווידער־שטאנד אונדזערע גייסטלעכע און דער אויפגערעגטער באפעל־קערונג. זענט איר גרייט צו זיי צו רעדן און זאָגן, אז פונקט אזוי ווי זיי געניסן דעם גלייכן חלק פון שפאנישן הימל, פון דער שפאנישער זון און פון דער שפאנישער ערד, איז זייער חוב אויך צו געניסן, גלייך מיטן גאנצן פאָלק פון שפאניע, דעם גלויבן פון דער שפאנישער קירך?

— איך בין וויליק צו רעדן צו מיינע גלויביקע ברידער און שוועסטער, איך בין זייער גייסטיקער וועג־ווייזער, דאָניאַ דע־ווערא, — האָט דאָן יצחק געענטפערט — פירט מיך צו זיי!

דאָניא דע־ווערא האָט פארוואָרפן איר קאָפּ אזוי, אז איר ווייסע מאנטיליע האָט באפרייט איר געזיכט. זי האָט א צי געגעבן א גלעקל ביי דער זייט פון א פאָרהאנג און די טירן פוןביידע אנטקעגנגעזעצטע ווענט האָבן זיך צעעפנט.

די זעלביקע גלחים פון איין זייט אריינגאַנג זענען געשטאַנען מיט געבויגענע קעפּ און געשוויגן. פון צווייטן זייט די לאָקאַיען אין זייערע רויטע, מיט גאָלדענע טראָלדן באצירטע, קליידער האָבן אויך געוואָרט אויף א באפעל.

דאָניא דע־ווערא האָט זיך איילִיק דורכגעשלייכט צווישן די לאָקאַיען און נאָך איר איז מיט פאמעלעכע טריט נאָכגעגאַנגען דאָן איבן דע־קוריעל.

דעם בישאָפס זעלנער האָבן אים אריינגענומען פון ביידע זייטן און אים ארויפגעפירט א שטאָק העכער, וואָס האָט געפירט

צום טורעם פון דער קאטעדראלע. דאָרט דורך א זייטיק טרעפל, ווו ס'האָט געוואָרט דאָניא דע־ווערא, זענען זיי ארויסגעקומען אויפן באלקאָן פון דער קאטעדראלע וואָס האָט פאר זיך, ביים צופיסנס, געהאט אויסגעשפרייט דעם גרויסן פלאץ פון דער קאטעדראלע און פון ווייטן האָבן א שפארגעטאָן פאר די אויגן די בערג קאָנטאָבראָס.

„פער פאוואָר, סעניאָר דע־קוריעל — האָט צו אים זיך אָפגערופן דאָניאָ דע־ווערא — דאָ אונטן האָט איר פארזאמלט די משפחות פון אייערע גלויביקע פון מיראנדע. וואָס האָט איר זיי צו זאגן?

דער חכם האָט זיך לייכט א בויג געטאָן איבערן פאָרענטש פון באלקאָן און דערזען פאר זיך א מוראדיק, טראגיש בילד פון זיינע מיראנדער יידן מיט זייערע משפחות, וועלכע זענען געווען גרופנווייז געבונדן מיט קייטן און שטריק. עס איז אויך צווישן זיי געלעגן א הויפן מיט דערשלאָגענע אין א טייך בלוט. דער ווילדער המון האָט ארומגערינגלט די אומגליקלעכע יידישע משפחות און דעם בישאָפס זעלנער האָבן דעם צעווילדעוועטן המון מיט גרויס מי געפרוווט איינשטילן.

דאָן איבן דע־קוריעל, האָט זיך האסטיק אויסגעדרייט מיטן פנים צום דורכגאנג דורך וועלכן ר'איז אָקערשט אריינגעפירט געווארן און זיך אָפגערופן צו דאָניאָ דע־ווערא:

— אין אייער שנאה צו מענטש און וועלט האָט איר חרוב געמאכט דאָס שענסטע פון גאָטס באשאף. לאָזט מיך ארונטער צו מיינע ברידער און שוועסטער אונטן!

— איז דאָס אייער איינציקע בקשה, סעניאָר דע־קוריעל?

— דאָס איז מיין איינציקער פארלאנג, האָט דער חכם טרוקן און שטאנדהאפטיק געענטפערט.

— — — — — — — —

שפעט אין דער נאכט, אין די קעלערן פון דער קאטעדראלע, האָט זיך א זקן מיט א שניי־ווייסער באָרד ארומגעדרייט צווישן

די יידן, פרויען און קינדער פון זיין קהילה אין מיראנדע, דערלאַנגט אלעמען א טראָפּן וואַסער, כדי צו לעשן די בלוטיקע ווונדן און דעם ברענענדיקן דורשט פון די זקנים און קינדערלעך. דאָן יצחק דע־קוריעל האָט צו זיך צוגערופן זיין פרוי דאָניאַ עאולאליאַ־רחל מיט די קינדער זיינע און זיי געהייסן צערייסן פון זיך די קליידער און פארבינדן די ווונדן ביי די, וועלכע זענען שטארק צעשלאָגן געוואָרן בעת די ווילדע מחנות האָבן זיך א וואָרף געטאָן מיט פייער, העק און מעסער׳ס אויף די יידישע תושבים אין מיראַנדע.

אין די קעלערן און קאַטאַקאָמבן פון דער קאטעדראלע איז צוגעגרייט געוואָרן די ערשטע סדר־נאכט פון די יידן אין מיראַנדאַ.

זייערע איבערלעבונגען דאָ אין די לעצטע צוויי וואָכן, מיט זייערע זקנים, פרויען און קינדער, זענען פארשריבן געוואָרן אינעם ספר־זכרון פון יענעם פארשטעלטן „מאַנאך", וועמען עס פלעגט געלונגען אָנצוהאלטן א געהיימע פאָסט מיטן צדיק פון מיראנדע, מיט דאָן איבן דע־קוריעלן. דער בישאָף פון אַראַגאָן האָט נאָר איין איינציק מאָל צו זיך געלאָזט ברענגען דעם חכם און איבערגעחזרט דעם אָנבאָט, וואָס דאניאַ דע־ווערא האָט אין זיין נאָמען געהאט פאָרגעלייגט.

דער חכם פון מיראנדע, ווי דער רוב גייסטלעכע מנהיגים אין יידישן שפאניע, איז געווען א מענטש מיט א קלאָרן שכל, שטאַרקן כאַראַקטער און זיין כח אין יענעם מאָמענט, שטייענדיק פאַרן בישאָף און אויסהערנדיק זיין אָנבאָט, איז געלעגן אין זיין ווירדיקער האלטונג און אינעם פאראכטנדיקן, שניידנדיקן בליק אין זיינע קלוגע, אמאָליקע גוטומטיקע און איצט טיף־געזונקענע אויגן.

דאָן איבן דע־קוריעל האָט געגעבן גענוי געוווּסט, וואָס מיט אים, מיט זיינע בני־בית און מיט די טויזנטער יידן פון זיין קהילה וועט געשען. ער האָט דאָס, אין זיינע טרייסט־דרשות אין די לעצטע טעג, קלאָר געמאכט פאר אלעמען און אלע האָבן זיך

געגרייט, צום גרויסן אקט פון קידוש השם.

די צווייטע סדר־נאכט איז אויסגעפאלן צוזאם מיט דער „סעמאנא סאנטא". אלץ איז דורך דער קירך שוין געווען צו־געגרייט; דער שייטערהויפן, אן אויטאָ־דא־פע, אויפן העכסטן פעלזן, אויפן באקצאָן פון קאַנטאבראס, נישט ווייט פון דער שטאָט, האָט געוואַרט אויף זיינע קרבנות.

ווען די קירכנגלעקער האָבן זיך, פונקט האלבער נאכט, צעקלונגען איבער גאנץ שפאַניע — האָט דער צדיק פון מיראנדע צוזאַם מיט אלע זיינע יידן אויסגעדונערט דעם פראָטעסט קעגן רשעות, דעם „שפוך חמתך".

די טויערן פון דער קאַטעדראַל האָבן זיך געעפנט און אַ שווארצע פראָצעסיע פון א ווילדן און פאנאטישן המון פון שפאנישן און קירלעכן ערב־רב האָט אונטער א געפויקעריי באגלייט מיט א פאקל־צוג, מיט זיך מיטגעשלעפט די קרוב צען טויזנט יידן פון און ארום מיראנדאַ.

אַז די זון האָט זיך באוויזן אויפן פרימאָרגן־הימל האָט זיך נאָך א גיהנום־פייער געריסן צום ארויף פון די שייטער־הויפנס אויף וועלכע עס האָבן אויסגעהויכט זייערע נשמות דער צדיק פון מיראנדע מיט זיין גאנצער קהילה.

דאָס בלוט פון די אומגליקלעכע קדושים איז געררונען אין אַ טייך אראָפּ פון דעם באַקצאָן קאנטאבראס, אראָפּ, אַראָפּ און זיך ארייַנגעגאָסן אין די וואַסערן פון טייך עבראָ, וואָס האָט זיך א רויט־בלוטיקער געשניטן איבער דער שפאנישער ערד ביזן ים אריין.

ווילדע, ביז משוגעת, אַרגיעס פון דעם צעבושעוועטן המון האָבן זיך אָפּגעשפילט אונטער די אויגן פון די קאטוילישע גייסטלעכע און זייערע נאָנעס, וועלכע זענען געווען פארנומען מיטן צונויפזאמלען די יידישע פארמעגנס פאר וועלכע זיי האָבן אויסגעבויעט מעכטיקע קירכן צו דינען זייער „דריי אייניקייט" און בעטן מחילה פאר דעם יידישן קרבן, וואָס זיי לייגן אוועק

ביים צופיסנס פון דעם אדאָפּטירטן דערלייזער זייערן, פאַרן אומגליקלעכן יידישן סטאַליער־יינגל פון נצרת.

אינעם טומל פון תפילות, רויב און רציחה, האָט נאָר איינער, דער „מאָנאַך״ פון דער יידישער קהילה אין סאַראַגאָסע, געזען ווי די דאַמע אין דער ווייסער מאַנטיליע, דאָניא דע־ווערא, האָט אין אַן אָנפאַל פון משוגעת צעריסן אויף זיך אירע קליידער און דעם בישאָפּס נאָענטע שומרים האָבן זי געבונדן און מיט איר פאַרשווונדן אין אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג.

* * *

ווי נאָר דער שרייבער האָט פאַרענדיקט לייענען זיין „סעמאַנאַ־סאַנטא״ האָט דער רבי זיך אָפּגערופן צו דעם מנין־יידן, וועלכע זענען אלע געזעסן און זיך די גאַנצע צייט צוגעהערט צום לייענען:

— רבותי, מיר איז קלאָר געוואָרן צוויי זאַכן, ראשית — אַז אין די יידישע מעשה־ביכלעך איז פאַראַן אַ סך קדושה און אַז אונדזערע זיידעס האָבן נישט גוט געטאָן דערמיט, וואָס זיי האָבן אַזעלכע כתבים אָנגערופן „טריף־פּסול״; והשנית, וועלן מיר זיך וואַשן די הענט, דאַוונען מנחה און לערנען אַ פּרק משניות, לזכר פון די קדושים אונדזערע אויף וועמענס ערד, וואָס זיי האָבן געהייליקט מיט זייער בלוט, מיר געפינען זיך איצט.

נאָכן דאַוונען האָט דער רבי זיך אַוועקגעשטעלט מיטן פּנים צום קוקערל דורך וועלכן מען האָט געזען דעם צאָן פון קאַטאַ־בראַס. ער, דער דאָזיקער פּירקאַנטיקער פעלזן, האָט זיך געבאָדן אין זוניקן שקיעה־בלוט און עס האָט אַלעמען אַרומגענומען אַ ציטער פון גבורה און קדושה.

דער רבי האָט אויסגעשריגן:

— רבונו של עולם, גאָט פון אונדזערע אבות און אמהות, איך פאַרשטיי איצט אַ רמז פון דיינע דרכים. דו זאָלסט זיין דער היטער און באַשיצער פון דיינע יידן אומעטום און פון אונדז דיינע

יידישע קנעכט דאָ אין מיראַנדאַ, ווו אונדזערע אַמאָליקע טאטעס, מאַמעס, זקנים און קינדער האָבן זיך מקריב־געווען און געהייליקט דיין נאָמען!

און מיט א שטארקן קול האָט דער רבי אָנגעהויבן זאָגן און דער מנין־יידן האָט גענומען נאָכזאָגן:

יתגדל ויתקדש שמיה רבא.

מאדריד, אפריל. 1943.

קאַשקע

אין ר׳ מאירלס בית־מדרש האָט זיך גענומען באַוועגן. ביים עמוד איז געשטאַנען ר׳ יאָשע, אַ קליין יידל מיט אַ פּאָר קלוגע אויגן, דאָס בערדל אַביסל שוין גראָ און אין די זייטן שוואַרץ. אַרום אים עטלעכע יידן, וואָס קומען צום ערשטן מנין. געגעבן אים „שלום" און געוואָלט הערן נייעס. היות און

מען האָט געמוזט צוּוואַרטן אויף א צענטן, האָבן יידן ארייג־געכאַפּט דערווייל א שמועס.

אלע האָבן געשלונגען ר׳ יאָשעס ווערטער. ער, נאָר וואָס א צוריקגעקומענער פון ווין, האָט טאַקע מיטגעבראַכט זייער וואַזשנע נייעס פאַר די פּרעמישלאַנער תושבים.

אין מיטן דערציילן איז אים אַלעמאָל אַנ׳אַנדערער אריינ־געפאַלן אין די רייד און איינער, פּייוועלע דעם רבינס, האָט געצמאַקעט מיט די ציין און זיך געחידושט:

— אזוי טאַקע, א זכות געהאַט צו זען קירה׳ן*) פאָרן איבער די ווינער גאַסן. איי, איי, איי! כ׳מיין, ר׳ יאָשע, זעט טאַקע אונדזער קייזער אויס אַט אזוי ווי ר׳איז אָנגעמאָלן אויף די פּאָרצעלייענע קאַווע־טעפּלעך?

כמעט איינגאַנצן אזוי, מיט די ווייסע באַקנבערד, דאָס זעלביקע פּנים, נאָר די אויגן ביי אים בייזע, פאַרטראַכטע אין זיך — האָט ר׳ יאָשע געענטפערט.

— און וואָס עפּעס מכוח דער מלחמה מיט פּאָניען? וועלן זיך די מאָסקאָליעס וואַגן צו גיין שלאָגן מיט אונדז? — האָט פּייוועלע פאַרוואָרפן ר׳ יאָשען מיט שאלות און מער קיין געדולד נישט געהאַט צו הערן וואָס מען ענטפערט אים.

א צענטער צום מנין איז אָנגעקומען און מען האָט געדאַוונט בחיפּזונדיק.

צום אנדערן מנין האָט דאָס בית־המדרש געקאַכט אויף טישן און אויף בענק. ביים אָפּגעריבענעם, שוין לאַנג נישט געקאַלכטן אויוון, נעבן א לאַנגן טיש, וואָס האָט געהאַט אָן א צאָל טשעריקעס פון אויסגעברענטע חלבענע ליכט און צעקראַצטע שטיקלעך חלב פון די אָנגעטאָפּיעטע ליכט, זיינען געשטאַנען

*) קירה — ראשי־תבות: קיסר ירום הודו.

אזעלכע הדרת־פנימדיקע יידן ווי: ר׳ שמחה בעלזער, רחמיאל בטלן, אשר בעקער, יעקב־לייזער חסיד, משה שיניעווער, סראָל קאָוואַל און ר׳ משה־מאיר דיין, אלע זיינען זיי געשטאַנען ביי אָפּענע גמרות, אָבער נישט געלערנט. דאָס וואָרט האָט געהאַט פּייוועלע מ׳רבינס.

פּייוועלע איז געווען א גרויסער מיוחס, אַן אמתער אייניקל. א קליינינקער און א דאַרער, שמאָל־ביינערדיק, מיט א שיטער־בלאָנד בערדל, וואָס ער האָט מיט ליבשאַפט געהאַלטן אין איין גלעטן מיטן לינקן הענטל. אָנגעטאָן אין א לאַנג כאַלאַטל, וואָס האָט געזאָלט אויסזען ווי א רבישע ראַזשעוולקע, אונטערגע־גאַרטלט מיט א שוואַרץ־זיידענעם דיקן גאַרטל און שעוורעוואָנע שטיוועלעטן אויף די דראָבנע פיסלעך. לערנען האָט פּייוועלע נישט געקענט, נאָר געבן יידן ברכות — יאָ. אין זכות פון זיין גרויסן און הייליקן זיידן, דעם רבין ר׳ מאירל פּרעמישלאַנער, זיינען צו אים געקומען יידן פון שטאָט גופא און דערהויפּט פון די אַרומיקע דערפער, געבערענגט אים מכל־טוב; א פריש שטיק אויסגעשלאָגענע פּוטער, א וואַריקל קעז, א אינדיטשינע לכבוד פּורים און סתם א מטבע. פּייוועלע האָט זיי דערפאַר אָנגעֿ־ווינטשעוועט, אז דער זכות פון זיין הייליקן זיידן זאָל זיי ביישטיין...

אין בית־מדרש, צווישן די בטלנים, איז פּייוול געווען דער פּאָליטיקער, דער שאַרפער קאָפּ אין סטראַטעגיע. פון צייט צו צייט האָט ער זיך א רייב געטאָן מיט דער פּלייצע אינעם קאַנט פון אויוון, גלייך ווי עס וואָלט אים געביסן און ס׳פּאַרווילט זיך אים א קראַץ טאָן. דאָסדאָזיקע רייבן זיך אין אויוון האָבן אַלע בית־מדרשניקעס ליב געהאַט; באַזונדערס, אין די לאַנגע ווינטער־נעכט, ווען מען פלעגט זיך אַרומשטעלן אַרום הייסן אויוון עסן געבראָטענע, סיפּקע בולבעס און זיך דערציילן דעם בראַצלעווערס „זיבן־בעטלער״ און אַנדערע מעשהלעך.

איצט האָט זיך פייוועלע געקאָכט, דערציילט די נייעסן, וואָס ר׳האָט געהערט ביים ערשטן מנין. עולם האָט מיט קנאה זיך צוגעהערט צו אלע זיינע רייד. ער האָט זיי געוואָלט באשיינפערלעך באווייזן, אז פאָניע מוז פארלירן די מלחמה.

דער עולם ארום, האָט הנאה געהאט און געשעפּט גרויס נחת פון פייוולס קלוגע רייד, און אויסגעחשבונט האָבן אלע, אז אויב ניקאָלקע זאָל דווקא זיך ווערלן איינרייסן מיטן קיסר, וועט ביז ראש־השנה, מ׳עט דערלעבן, זיין אויס מלחמה, ווייל טאָמער וועט מען זיך שלאָגן מער ווי דריי חדשים — האָבן די בטלנים צוגעגעבן — וועט חלילה די גאנצע וועלט חרוב ווערן...

אנדערש איז אָנגעגאנגען דער שמועס צווישן די גוישע פּאַראָבקעס און גוישע דינסטן, וואָס האָבן געטראָגן וואָסער צו זייערע יידישע באלעבאטים אין שטעטל.

יעדן פארטאָג, כעלות השחר, ווען דאָס גאנצע שטעטל איז נאָך געווען איינגעהילט אין זיסן שלאָף, איז די גראָבע־קאָשקע, פון די ערשטע, שוין געלאָפן מיטן הילצערנעם קראָמעסל אויפן אקסל באהאָנגען מיט צוויי גרויסע בלעכענע עמערס, צו דער קערניצע נאָך וואָסער.

די קערניצע איז געווען גאָר א גרויסע מיט א הויכער זעקסקאַנטיקער צעמענטענער פריזבע, מיט זעקס בלייענע רערן פון וועלכע דאָס וואסער האָט קיינמאָל נישט אויפגעהערט שטראָמען. און געשטאנען איז זי אין מיטן מארק ביים ראָטעס*). פון אלע גאסן אין שטעטל איז מען געקומען אהערצו נעמען וואסער צום קאָכן.

זיינען זיך געשטאנען דינסטן און פאראָבקעס פון אלע זייטן קערניצע, מיט אונטערגעשטעלטע עמערס און וויאַדרעס אונטער

---

*) ראָטעס — אין מזרח־גאַליציע זאָגט מען אזוי אנשטאָט: ראָט־הויז.

די רערן. דאָס וואַסער איז פּאַמעלעך אין א קרישטאָלענער סטענגע אריינגערונען אין די עמערס און זיי, די דינסטן און פּאַראָבקעס, האָבן צווישן זיך מיט אַן אָפּגעהאַקט לשון עפּעס סודותדיק דערציילט.

די קרומע־מארעניע, אשר־בעקערס דינסט, האָט א ציי־געטאָן די גראָבע קאַשקע ביי דער ספּודניצע און גענומען איינטענען מיט איר אין א זייט:

— טשוליסטע קאַשקאַ? *) — האָט זי בגנבה א פרעג געטאָן — מען זאָגט, אַז אונדזערע קאָזאַקן און טשערקעסן וועלן באַלד קומען; זיי וועלן אויסקוילענען אַלע זשידעס פון דער גאַנצער שטאָט און מ׳עט ביי זיי אוועקנעמען ס׳גאַנצע פאַר־מעגן — — — — — —

קאַשקע איז אויף א רגע געבליבן ווי פאַרשטיינערט. זי האָט דערפילט, אַז עפּעס וועט געשען א נישט גוטע זאַך און אָן א וואָרט צו ענטפערן, אָנגעכאַפּט דאָס קראָמיסל מיט די צוויי שווערע עמערס וואַסער, מיט אימפּעט זיי ארויפגעזעצט אויפן רעכטן אַקסל און מיט שווערע טריט זיך געלאָזט גיין אַהיים צו איר יידישן באַלעבאָס. די קרומע מאַרעניע, א באַליידיקטע, וואָס יענע האָט איר אפילו קיין „גוטן־טאָג" נישט געזאָגט, האָט איר נאָכגעשריגן: „פּיישאָל־וואָן, דו פאַרקויפטע צו די זשידעס! כ׳וועל זיך מיט דיר נאָך אָפּרעכענען!" און שטיל ביי זיך געשווירן: זאָלן זיי נאָר קומען — אונדזערע... —

ווען קאַשקע איז אריינגעקומען אין שטוב איז איר באַלע־באָסטע מיטן בני־בית נאָך געשלאָפן. זי אָבער, אַן אומרואיקע האָט אויפגעשטעלט דעם סאַמאָוואַר אויפצוזידן ציקאָריע, ווי זייט יאָרנלאַנג זי האָט זיך נוהג געווען, און וואָס זי האָט גענומען אין האַנט אריין איז איר צוריק ארויסגעפאַלן. אין

*) טשוליסטע קאַשקאַ? אויף רוטעניש: האָט איר שוין געהערט קאַשקע?

ווינקל, ביי דער טיר, האָט די ציקאָריע גענומען אויסלויפן פון סאַמאָוואַר, דאָ איז א פריש באַשמירטער בייגל מיט פוטער ארונטערגעפאלן פון האנט ארויס. זי האָט מיט כעס אויסגעשפּיגן און געשאָלטן די קרומע מאַרעניע מיט טויטע קללות. אַפּנים, אז יענע האָט איר ביים וואסערנעמען געגעבן א געטויג. קאַשקע האָט זיך דריי מאָל איבערגעצלמט, אוועקגעזעצט אויף א פּיסנ־בענקל אַנצושיילן קאַרטאָפל און געדעדט אליין צו זיך: נו, טאָ שטשאָ יאַק אַני פרידוט?*) — די מעשה מיט די קאָזאַקן האָט איר געעגבערט אין מוח און א פארטראכטע געבליבן זיצן מיט א נישט דערשיילטער בולבע אין דער פארהאָרעוועטער האנט.

מיטאמאָל האָט זיך איר אוועקגעשטעלט פאר די אויגן דאָס דאָרף ווו זי איז געבוירן געוואָרן. די בלוטן האָבן איר א זעץ געטאָן אין די שלייפן אריין און א רויטער פלאם האָט זיך אויסגעגאָסן אויף איר פנים. אויפן געדאנק, אז זי איז אַן אמאָליקע אונטערגעוואָרפענע ממזרל, האָט זי זיך אליין דערפילט עפּעס אזוי מאָדנע אומבאקוועם און פאַרשעמט. נאָר וואָס איז זי שולדיק געווען, אז איר מאמע אַן אומגליקלעכע, אָפּגענארטע דאָרפישע שיקסע, האָט זיך געלאָזט פארפירן פון אַ שייגעץ אָן א הארץ, אָן געפילן? ס׳האָט זי נאָר טיילמאָל פארדראָסן וואָס איר פארשעמטע מאמע האָט זי צוערשט אויף דער וועלט געבראכט און מיט עטלעכע וואכן שפּעטער זיך אויפגעהאָנגען אויף א בוים אינעם סאָד פון די בארעמהארציקע שוועסטער.

קאַשקע האָט זיך דערזען א קליין שיקסעלע, ווען זי האָט זיך געכאָוועט ביי די הייליקע נאָנעס. גאָר יונג איז זי געווען ווען זי האָט אָנגעהויבן צו ארבעטן ביי זיי, געטריבן גענז פּאַשען אויפן גראָז. שפּעטער האָט מען זי אָנגעדונגען ביי וואַסיל זאַזולאַ,

*) נו, איז וואָס, אז זיי וועלן קומען?

דעם וואָיט פון דאָרף. דאָ איז די האָרעוואַניע געווען גאָרנישט קיין לייכטע. זי האָט געמוזט מעלקן די קי, דאָס מיסט אַרויס־געוואָרפן פון די שטאַלן. אַזוי איז זי ביי דער אַרבעט געוואַקסן, געוואָרן גרעסער און עלטער.

זי האָט זיך דערמאָנט אין די זונטיקס, בעת זי פלעגט גיין דורכן דאָרף צו די הייליקע שוועסטערס, אָדער אין דער צערקווע הערן דעם פּאָפּ. שטענדיק איז זי געגאַנגען מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, ווייל זי האָט זיך געשעמט פאַר די שקצים, וואָס פלעגן אויף איר אַזוי זשעדנע אַרויסוואַלען זייערע קעלבערנע אויגן. צו אירע אויערן פלעגן זיך דערטראָגן זייערע אָנצוהערענישן ווי פיינאַ דיווקאַ*) און אַזוי ווייטער.

ביז איינמאָל, אין אַ זונטיק טאַקע, אַלע זיינען אַוועק אין צערקווע און זי איז פאַרבליבן איינע אַליין היטן די באַלע־באַטישקייט, האָט זיך, ווי פון דר׳ערד אַרויס, צו איר געיאָוועט אַ יונגער שייגעץ, אַ רייכן גאַספּאַדאַרס אַ זונדל. מען האָט יאָקבי געזאָגט וועגן אים, אַז ער איז אַ גראַמאָטנער און אַז ווען ער אונטערשרייבט זיין נאָמען, גיט ער אפילו נישט קיין ציטער מיט דער האַנט.

איז טאַקע אָט דער שייגעץ, סלאַווקע, האָט ער געהייסן, געווען דער שלעכטער שליח דורך וועמען זי האָט געמוזט אַוועק פון דאָרף און גיין דינען ביי יידן.

זי האָט שטאַרק ליב געהאַט סלאַווקען. דאָס האָט ער דאָך דער ערשטער פאַרטראַכט פאַר איר אַ ליד און זי פאַרגליכן צו אַ פּאַלמע, צו אַ טייטלבוים, וואָס זי האָט קיינמאָל אין לעבן נישט געזעען און ווייסט נאָך איצט נישט דעם טעם פון טייטלען. און ווען ער האָט שטיל, נישט דרייסט, איר געלייענט, אַז „ברוסטן האָט זי שיינע, געגליכן צו צוויי ראָזוויטע עפּל פון

*) „פיינאַ דיווקאַ״ — אויף רוטעניש: אַ ווילע מויד.

עץ־החיים, וואָס אין גן־עדן״, כאָטש זי האָט זיך שטארק פארויטלט ביי די דאָזיקע ווערטער, איז עס איר אָבער אזוי ווילגעפעלן און זי האָט סלאָווקען צוליבגעטאָן... אָבער סלאָווקע האָט חתונה געהאט מיט א רייכן גאָספּאָדאַרס א טאָכטער; גענומען צען מאָרגעס פעלד און א גאנצע באלעבאטישקייט נדן, און זי איז געבליבן א פארשעמטע אויסגענוצטע און אויסגעלאכטע ווי אמאָל איר מאמע. דעמאָלט האָט זי זיך אליין אויסגעזונגען א לידל מיט וועלכן זי איז אוועק אין שטאָטישן גלות אריין.

קאָשקע האָט שטילערהייט געזונגען דעם רעפריין פון איר לידל:

„... אָ וו׳נידילו ראָנאָ
שטשע סאָנצע ניע וסכאָדע,
אַ מאָי מילענקי
אינשו מילו וואָדע.
אָ מאָי מילענקי
אינשו מילו וואָדע...״*)

און טרערן האָבן זיך געגאָסן פון אונטער אירע פארמארשטשעטע אויגן ביז אויף די קינבאקן. זי האָט מיט א טיפן זיפץ אן „אוי האָספּאָדי״*) ארויסגעריסן ערגעץ פון הארצן ארויס.

פינף־און־צוואָנציק יאָר איז דאָס לידל אלט געוואָרן, דאָ ביים יידן אין שטוב, אויפן זעלביקן פוסבענקעלע.

אצינט, ווען זי ווערט שוין פון טאָג־צו־טאָג עלטער און וואָלט שוין געוואָלט האָבן עפּעס, וואָס זאָל זיין אירס; אן

---

*) „זונטיק אין פרימאָרגן
נאָך טוט די זון אויף בערג נישט רייטן,
און מיין געליבטער פאָרבאָרגן
פאר א צווייטער טוט מיך פארבייטן...״
*) אוי רבונו־של־עולם.

אייגענע כאַטע מיט א פּאָר אייגענע חזרימלעך, א פּאָר הינער לייגנדיקע, איז דווקא איצט איר נאָך באַשערט צו פארלירן אירע באַלעבאטים און די קאַזאַקן וועלן אלץ אוועקרויבן. און זי? וואָס וועט איר בלייבן נאָך אזויפיל יאָרן פּראַצע?

ניין, זי מוז דערציילן אלצדינג איר פאַן מאָרדקו. ער איז א פרומער, אן ערלעכער זשיד און ער וועט פארשטיין.

דאָס גלעקל אויף דער טיר האָט א קלינג געטאָן. ר׳ מרדכי טראַפּיקאַנט איז, מיט זיין גרויסן תפילין־זאַק אונטערן אָרעם, געקומען צוגיין פונעם דאַווענען. ס׳בני־בית האָט זיך גענומען צוגרייטן דעם טיש צום אָנבייסן. קאַשקע האָט געעפנט די לאָדן פונעם געוועלב. באַלד איז געקומען צוגיין דער באַן־שפּיליטער, וואָס איז דורך ר׳ מרדכי׳ן נאָך מיט א טאָג פריער באַשטעלט געוואָרן פארבייצופאָרן ביי אים און איבערצונעמען די געפּאַקטע קאַסטנס מיט בגדים, צירונג און בעטגעוואַנט, כדי איבערצושיקן אויפן זונס אדרעס, קיין ווין.

קאַשקע האָט געהאָלפן ארויסטראָגן און פארלאָדעווען די קאַסטנס אויפן וואָגן ארויף און לגמרי נישט געקלערט, אז איר באַלעבאָס, מיטן גאַנצן בני־בית זיינעם, האָבן בדעה זיך איבערצוקלייבן ערגעץ אנדערשוווּ. זי האָט געזען, אז די פּאָליצעס אין געוועלב זיינען פארלייגט מיט א סך פּעקלעך טערקישן און מאַכאָרקע, גרויסע פּודלעס קראָקאָדיל־הילזן צו מאַכן אָנגעפּילטע ציגאַרעטן און אזוי ווי איר פאַן מאָרדקע האָט די הויפּט טראַפיק, די האַרטאָוניע הייסט עס, זיינען זיך טאָקע באַלד צונויפגעקומען די קלענערע טראַפּיקאַנטלעך און די שענקערס פון שטעטל אויסצופאַסעווען יעדער זיין חלק טאַבאַק מיט ציגאַרן, פּאָר א גאַנצער וואָך.

קאַשקע האָט שוין נישט געהאַט קיין מנוחה. זי איז געווען צערודערט און ווען זי האָט געוואָלט צודערלאַנגען דעם וואַרעמעס צום טיש, האָט זיך איר דער טעלער לאָקשן מיט יויך ארויסגעגליטשט פון האַנט. דער טעלער איז צעפּלאַצט געוואָרן אויף

צווייען און די זופ מיט די לאָקשן צעגאָסענע איבערן טיש האָבן נאָס געמאַכט ס׳גאַנצע טישטוך.

—עפּעס ביזטו מיר היינט נישט מיט אַלעמען, — האָט איר ר׳ מרדכי א זאָג געטאָן. קאַשקע איז א רגע געבליבן ווי א פאַרשטיינערטע, אָן לשון. פּלוצים איז זי א פאַל אוועק געגעבן אויף די קני און אויסגעבראָכן מיט א יללה, א ביטער געוויין. פאַנע מאַרדקו, האָט זי וויינענדיק און כליפּענדיק, זיך אָפּגערופן צו איר יידישן ברויט-געבער: „יאָ וואַשע ניע מאָגו באָלשע, פאַנע מאַרדקו!״*) און האָט גענומען דערציילן וואָס זי האָט געהערט זאָגן היינט פאַרטאָג ביי דער קערניצע.

— איז וואָסזשע ווילסטו קאַשקע? — פאַרוואָסזשע ביזטו אַזוי אויפגערעגט און צעטראָגן? — האָט ר׳ מרדכי מיט רחמנות געפרעגט.

— וואָס איך וויל? — האָט קאַשקע שווער געפרייכט און גערעדט מיט תחנונים: — נאָ טאַק, פאַנע מאַרדקו, שוין אַזויפיל יאָרן, אַז איך בין ביי אייך אין שטוב. געדינט אייך ווי א געטרייע, ווי אַן אייגענע און קיינמאָל אייך נישט באַגאַנוועט, נעפּראַוודאָ מאָזשע, פאַנע מאַרדקו?*) איצט וועלן קומען די קאָזאַקן און דיך, און אַלע דיינע זשידעס אויסקוילען און באַרויבן...

— נו איז דערפאַר? — האָט ר׳ מרדכי איר איבערגעריסן מיט א געפרוווטן שמייכל.

— דערפאַר? — האָט קאַשקע ווייטער געטענעט מיט געוויין, — דערפאַר בעט איך אייך פאַנינקו, זאָגט מיר צו, אַז ווען די קאָזאַקן וועלן אַריינקומען אין שטאָט זאָלט איר לאָזן, אַז איך זאָל אייך דערשטעכן און אַז אייער פּראַצע זאָל נישט אַריינפאַלן אין פרעמדע הענט אַריין. זאָל עס בעסער בלייבן

---

*) איך קען שוין מער נישט, ר׳ מרדכי!

*) נישט אמת, אפשר, ר׳ מרדכי?

פאר מיר, דער געטרייער דינסט אייערער און נישט פאר די קאָזאַקן...

ר׳ מרדכי טראפיקאנט, זיין ווייב די פרומע דבורה און די צוויי טעכטערלעך האָבן ארויסגעלאָזט אן „אוי!" און געבליבן זיצן ווי געלעמט, ווייסע ווי קאַלך.

קאַשקע האָט אינגאנצן פארלוירן איר קאָפּ. זי איז צוגעפאלן צו זייערע פיס, געכאפּט קושן אין די הענט, זיך געצלמט, פארלייגט די הענט ווי צום געבעט און געוויינט און געבעטן, אז אלע זאָלן איר מוחל זיין, אז זי מיינט נישט אויסצוקוילען זיי, בראַן באָזשע! און גערעוועט מיט א ביטער געוויין.

ר׳ מרדכי האָט זיין שווער געוואָרענע האנט ארויפגעלייגט אויף קאשקעס קאָפּ, געהייסן איר אויפשטיין און מיט בארעמ־הארציקייט איר צוגעזאָגט, אז ווען די קאָזאַקן וועלן קומען וועט ער איר אוועקגעבן זיין הויז, די טראַפיקע מיט מאַכאָרקע און זי, קאַשקע וועט זיי אלעמען נישט דארפן דערפאר צו קוילען, צו שחטן.

דער טאָג האָט זיך פארענדיקט פאר ר׳ מרדכי׳ן און פאר קאַשקען א טרויעריקער, די שטימונג אין שטוב איז געווען זייער א פּרײקרע. — — — — — —

ערב תשעה באב 1914:

פרעמישלאַנער יידן און יידענעס זיינען געלאָפן איינרייסן קברים. מ׳איז געלאָפן אויף ר׳ מאירלס קבר, ליכט אָנגעצונדן, איבערגעלאָזט א קוויטל און געבעטן דעם הייליקן צדיק און אלע אנדערע צדיקים וצדקניות דאָרט אין הייל, אז זיי זאָלן זיין גוטע שליחים און לויפן בעטן רחמים פאר זיי און זייערע קינדער. ר׳ מרדכי מיטן גאנצן בני־בית זיינען צוריקגעקומען פונעם בית־עולם, איבערגעכאפּט דאָס הארץ מיט א ביסן, וואָס איז געבליבן שטיין אין האלז און נישט געוואָלט גיין ווייטער.

פאר דער טיר איז געשטאנען נטע דער פיאַקערניק מיט זיין פיאַקער און געוואַרט אויף צוצופירן זיי צום צוג.

ר׳ מרדכי טראפיקאנט דער לעצטער, ווייב און קינדער זיינען שוין געזעסן אין פיאַקער, האָט שטייענדיק אויפן שוועל צוגעלייגט זיין האנט צו דער מזוזה און מיט א קרעכץ צוגערופן זיין געטרייע דינסט:

— קאַשקאַ, כודי שודאַ!*)

קאַשקע איז מיט א רויט פארשעמט פנים אונטערגעלאָפן צום באלעבאָס אירן און האָט ארויסגעשטעלט צוויי גרויסע, טאַמעוואַטע אויגן: אין איר האנט איז געלעגן דאָס בינטל שליסל פון ר׳ מרדכיס באַלעבאַטישקייט.

א פאָר טעג שפעטער איז געווען „חורבן גאַליציע". די הייזער אין שטעטל האָבן געברענט. אין די געסלעך זיינען געלעגן דערשאָסענע עסטרייכישע סאָלדאַטן, טיראָלער, אין זייערע מיילער האָט געשימלט. אין פאַליש פון דער גרויסער שול זיינען געלעגן פארגליווערטע יידן, דערשאָסענע, דערשטאָכענע, א גאנצער הויפן.

— — — — — —

קאַשקע, די נייע באלעבאָסטע, האָט אונטער פארמאכטע לאָדנס געציילט פעקלעך מאַכאָרקע און שאכטלען מיט ציגארעטן. אין הארצן האָט זי געלויבט אלע הייליקע פארן גרויסן חסד, וואָס גאָט האָט מיט איר געטאָן און זיך צוגעזאָגט, אז אויב מאָרדקו וועט אהיימקומען וועט זי אים אלץ צוריק אָפגעבן.

פלוצים, מען קלאַפּט אין טיר. קאַשקע א דערשראָקענע ענטפערט נישט. קאָלבעס קלאפן און ברעכן איין די הילצערנע לאָדן. עס שפרינגען שטיקער שויב פון די פענצטער.

דריי קאָזאַקן שטופן זיך אריין. זיי זיינען אין גרויס כעס און ביקסן מיט ארויפגעזעצטע שפיזן ציטערן פאר בייזקייט אין זייערע הענט. דערזעען קאַשקען שטיין אין ווינקל א דער־

*) קום אהער קאַשקע!

שראָקענע זיינען זיי צו איר צוגעשפרונגען מיט א רעווען: א טי פרעקליאַטאַ, דו פארשאָלטענע יידישע דינסטמויד! און איר פאררוקט א שפיז אין בויך אריין.

אין א ים פול בלוט האָט זיך א זעץ אראָפּ געגעבן איר שווער־פעטיקער גוף. אירע פארגלאָצטע, גוססדיקע, אויגן האָבן זיך פארהאלטן טעמפּ אויף די קאָזאַקן, וואָס האָבן אין איילעניש ארייגעשטופּט פעקלעך מאַכאָרקע אין די גרויסע און טיפע קעשענעס פון זייערע שינעלן, און אירע בלאָ־געוואָרענע לעפצן האָבן קוים געשעפּטשעט:

„און דאָס האָבן זיי מיר געטאָן, די אונ־זע־רי־קע"...

אין קיך, דורך אן אונטער־טיר אריינגעקומען, איז אין א ווינקל געשטאנען די קרומע מאַרעניע.

מיין פארחרובטן שטעטל פרעמישלאן:
קבר פון מיין הארץ און מאמעס געביין,
וויגעלע פון פארלאשענע געזאנגען
און חלומות זיסע, הייליקע,
פון גלויבן און אטעם פון מיין פאלקס־נשמה,
פון א זיידע־באבע, וואס האבן אויף זיך דעם סיני געטראגן
פון חברים און חברטעס
וועמענס לעבנס זיינען
פון דער היטלער־אכזריות
פאר דער צייט פארשניטן געווארן —
די דאזיקע, מיט בלוט געשריבענע, שורות
א מצבה

——o——

אויף גאליציאנער פעלדער

אויפן וועג, וואָס פירט קיין אוניעוו, האָט אַרומגעטאַנצט אַ פראָסטיקער ווינט, געפייפט אויף מיילן ווייט און שטיפעריש, ווי אַ חדר־ייִנגל, זיך געשפּילט. האָט ער דערזען פון דער ווייטנס, אַז ס'רוקט אָן אַ שליטן, איז ער אים באלד אנטקעגנגעלאָפן מיט פולע זשמעניעס שניי און געבלאָזן די פאַסאַזשירן אין פנים אריין; געצופּט זיי די אויערן, געקיצלט און שארפלעך געביסן

דעם שפּיץ נאָז. און אַט האָט זיך אים פאַרוואָלט, האָט ער פאַרשלעפּט די פערדלעך מיטן שליטן אין טיפן שניי אריין ביז איבער די זשעברעס.

ארום מנחה־צייט האָט זיך באַוויזן אַ טראָיקע. דריי יונגע גביאַדעס האָבן אויף זיך שטאָלץ געטראָגן דריי גלאַנציקע כאָמעטעס ארום די לאַנגע און שיין־צעקאַמטע גריוועס. יעדער כאָמעט איז געווען באַשלאָגן מיט מעשענע בלעכלעך און אָנגע־האָנגענע, קיילעכדיקע גלעקלעך, ווי אַ שנירל גרויסע קרעלן, וואָס האָבן געקלונגען מיט זילבער־קלינג. דער שליטן, אין וועלכן די דריי פערד זיינען געווען איינגעשפּאַנט, איז געווען אַ לייכטער, דין און איידל אויסגעאַרבעט און גוט געקאָוועט. יידן פון יענעם קאַנט האָבן דעם מין באַטיטלט מיט „פּריצישער שליטן", כדי צו אונטערשיידן פון די פּויערישע, שווערע האָלץ־שליטנס.

אינעם שליטן זיינען געזעסן צוויי יונגעלייט אין די צוואַנ־ציקער יאָרן, איינער נישט קיין סך עלטער פונעם אַנדערן, און אליין אָנגעטריבן די גביאַדעס.

דערזען דעם ערשטן שליטן אריינגעגראָבן אין טיפן שניי, ביי דער זייט אַ זקן מיט אָנגעפּרוירענע סטאַמפּאַלעס אויף די גרויע און פון רויכערן ברוין־געלבלעכע וואָנצעס, אָנגעפּעלצט אין אַ שווערן קאָזשוך פון שאָפּענער פעל און ארומגעגאַרטלט מיט אַ ברייט־לעדערנעם רימען, האָבן זיי אַ צי געטאָן זייער טראָיקע ביי די לייצן און זיך אָפּגעשטעלט.

פאַרוויקלט אין זייערע פעלצן מיט פוטערנע קוטשמעס אויף די קעפּ ביז איבער די אויערן, די פנימער פאַרהילט אין הויכע, פּיקסענע קאָלנערס, האָבן זיי דעמפּיק ארויסגעשריגן: אַ ייד! וואַרטס רעב ייד, מירן אייך ארויסהעלפן!

— וואוהין פאָרט איר, יונגעלייט? — האָט דער אַלטער אַ פרעג געטאָן, אָבער נישט באַוויזן צו זען ווער, זיינען שוין די צוויי בחורים געשטאַנען ביי זיין זייט און געענטפערט:

— מיר פאָרן קיין גלינע, קענט איר גלינע?

בשעתביידע טראָיקעס זיינען שוין געשטאַנען אויפן אויס־געריבענעם שליט־וועג, האָט דער אַלטער, ווי צו זיך אַליין, געענטפערט:

— אַ שאלה, אוודאי קען איך גלינע! אַ וואויל שטעטל...

— ער האָט זיך פארקלערט און נישט דערענדיקט זיינע ווערטער.

ביידע שליטנס זיינען געפאָרן אין זעלבן טעמפאָ. די טראָיקע מיט די יונגעלייט פאָרויס, און דער אַלטיטשקער נאָך זיי.

נאכט איז צוגעפאלן. עס האָט געסקריפעט דער פראָסט, און די לבנה האָט גענומען שיטן פינקלדיקע, אַכט־קאַנטיקע שנייעלעך אויף דער ווייס־פוכיקער ערד.

— האַלא, האָ־האָ! — האָט זיך דער אַלטער צעשריגן. — פאַרפאָרט רעכטס, דאָרט איז מיין פאָדווירע; איר וועט שוין היינט נישט פאָרן ווייטער!

ביידע שליטנס זיינען פאַרפאָרן צום יידן אין הויף אריין. קוים וואָס די פערד האָבן דערפילט דעם ריח פון זייער שטאַל, ווי צוויי יונגע אוקראַינישע פאַראָבקעס האָבן זיי געהאַלטן פארן צוים, געגלעט זיי פאר די מאָרדעס, פייכטע פון דער פאָרע, וואָס האָט געזעצט פון זייערע נאָזדרעס און גלייך גענומען אויס־שפאַנען זיי, כדי אריינצופירן אין שטאַל צום זשלויב שיטשקע מיט האָבער.

א ווייבערישער „גוטנאָוונט” האָט דעם אַלטן מיט זיינע צוויי שטעטישע געסט באַגעגנט אויפן שוועל און זיי אריינ־געבעטן אין שטוב אריין.

דער הויף איז געוועזן א גרויסער: רעכטס ביים אריינגאַנג זיינען געלעגן עטלעכע קלאָפּטער האָלץ אין לאַנג־געשניטענע פּאָלאָנעס, האַלב געטרוקנטע, דעמבענע און בערעזענע, פארשאָטן מיט א באַרג שניי; לינקס — שטאַלן פאר פערד און בהמות און שטייגן פאר עופות, וואָס האָבן ליב געהאַט די בהמהשע ווארעמקייט.

אונטער די שטאָלן האָט זיך געצויגן א סאָד מיט נאקעטעביימער פון עפּל, פלוימען, באַרן, קאַרשן און מאַרעלן. אפילו וויינשל־ביימער האָט דער באלבאָס דאָ פאַרפלאנצט, און זיינע וויינשל „כשר לפסח" זיינען געווען א שם־דבר ביי די שטאָטישע באלעבאטים, וואָס פלעגן איינלייגן פסחדיקן ווישניאַק.

נישט איין יידיש־קינד האָט יאָרן שפּעטער נישט געקענט פאַרגעסן דעם זיסן טעם פון אייגגעטונקענער מצה אין א כוסעלע ווישניאַק.

די שטוב, פון רויטן ציגל געמויערט, איז געווען ארומגעהילט מיט זאהאטעס, פול אָנגעטאָפּטשעט און אָנגעשטאָפּט מיט האַרב־סטיקע בלעטער פון נאָענטן וואַלד, וואָס האָט זיך געצויגן באַרג־אַרויף. פון דער ווייטנס, אויפן שפּיץ בארג, האָט אָפּגעשאָטנט א מאָנאַסטיר.

אריינקומענדיק אין שטוב האָט זיי ארומגענומען א היימישע װאַרעמקייט, געמישט מיטן ריח פון געפּרעגלטע ציבעלעס. ווי נאָר זיי האָבן פון זיך ארונטערגעוואָרפן די שווערע ווינטער־בגדים, האָט די פרוי אלעמען דערלאנגט, שטייענדיקערהייט, צו גלעזלעך בראָנפן, וואָס האָט דערוואַרעמט זייערע פאַרפרוירענע קערפּערס, און זיי פאַרבעטן צום טיש. דער אלטער האָט א מאַך געטאָן מיט דער האנט און זיך ליבלעך אָפּגערופן צו דער פרוי:

— ניין, קינד לעבן, צוערשט וועלן מיר דאַווענען מעריב.

דער טיש איז געווען שבתדיק געגרייט, מיט א געקעסטלטן, בלוי־ווייסן טישטוך. איבערן טיש, פון סופיט אראָפּ, איז געהאָנגען א בליך־לאָמפּ און רייכלעך באלויכטן די שטוב. אויף דער וואַנט, אין א גאָלד־ראַם, איז געהאָנגען א „מזרח", נאָך פון זיבעצנטן יאָרהונדערט, פון איטאַליע. פון ביידע זייטן „מזרח" האָבן ארויס־געגאָלדיקט צוויי מעשענע העסעס און אונטערן „מזרח" איז געהאָנגען א שווער־מעשענער חנוכה־לאָמפּ, און ס'איז געווען צו דערקענען פון דעם איבערגעבליבענעם, רויטן פּאַראַפינענעם שמש־ליכטל, וואָס צוויי לייבן האָבן געהאַלטן אין זייערע לאַפּעס,

אז דער באַלעבאָס איז מקיים דעם „אין לנו רשות להשתמש בהם״...

דערווייל איז אריינגעקומען די פרוי, נאָך איר א מיידל פון א יאָר אכצן און א יונגערמאן, אָנגעטאָן בית־מדרשדיק, מיט א צוויקער אויפן נאָז. דאָס שווארצע בערדל ארום זיין מאָט פנים האָט נישט דערמעגלעכט צו דערקענען ווי אלט ער איז געווען.

דער אלטער, האָט זיינע קינדער פאָרגעשטעלט:

— מיין טעכטערל, מיין בת־יחידה דבורהלע און מיין רב, יצחק־דוד.

ערשט איצט האָט ער זיך געכאַפּט, אז ער ווייסט נאָך אפילו נישט ווער די צוויי יונגעלייט זיינען און וויאַזוי זיי הייסן.

די יונגעלייט האָבן זיך פאָרגעשטעלט. ביידע פון דער שכנותדיקער שטאָט, איינער א סטודענט אויף דער לעמבערגער אוניווערסיטעט און דער אנדערער, דער עלטערער, אויף דער פאַריזער אוניווערסיטעט.

דערהערט ווער זיי זיינען, האָט דאָס מיידל א לייכטן ציטער געטאָן, געכאפּט א בליק אויף איר בלוזקעלע, א גלעט געטאָן אירע בלאָנדע האָר און א כוואַליע מיט רויטקייט האָט ארום־גענומען איר העלזל ביז אונטער די אויערן. מיט נישט ארויס־גערעדטע שאלות אין די אויגן האָבן די יונגעלייט געקוקט אויפן אלטן און אויף דער פרוי, דער באַלעבאָסטע פון הויז. זי איז געווען נאָך זייער א שיינע, פון מיטעלן וווקס, מיט א שאַטין שייטל אויפן קאָפּ. הגם די פרוי איז געווען אין די פערציקער, האָט זי נאָך אויסגעזען פיל יונגער.

דערווייל האָט דער ריח פון קניידלעך, געמאכטע פון געריבענע און געפּאַרעטע בולבעס, באשמאַלצן מיט געגדזנ־שמאלץ, גריוון און ברויך־געפּרעגלטע ציבעלעס, גערייצט דעם אַפּעטיט. מען האָט זיך געוואשן צו „שאו ידיכם״ און געגעסן וועטשערע.

נאָכן אָפּעסן און בענטשן מיט מזומן, האָט דער יונגער רב זיך אריינגעלאָזט אין א שמועס מיט די געסט, צוערשט וועגן

לערנען און שפּעטער מכח וועלטלעכע ענינים. ביי זיין רבנישקייט, איז דער יונגער רב געווען א זייער צאַרטע נשמה, א בעל־חלומות, וואָס האָט בשתיקה געוואָלט אָנשרייבן א צווייטן שיר השירים, וועלכער זאָל אריבערשטייגן דעם ערשטן. מיט א באַזונ־דערער ליידנשאַפט האָט ער גערעדט וועגן דעם דאָרף, ווו ער איז געבוירן געוואָרן און בעתן רעדן האָבן זיינע אויגן, בלויע, גרויסע און פאַרחלומטע, ערגעץ ווייט געקוקט; עפּעס אַן אומ־דערקלערטער ווייטיק האָט אים באַהערשט, א ווייטיק נאָך וועלכן ער האָט געבענקט, און קיינמאָל נישט דערגאַנגען דעם סוד פון דער דאָזיקער בענקעניש.

דער אלטער, דער באַלבאָס, האָט זיך אריינגעגנבעט אינעם שמועס און געפרעגט די יונגעלייט:

— זענט איר שוין געווען אמאָל ביי אונדז אין אוניעוו אויפן יריד?

— יאָ, — האָבן זיי געענטפערט. — מיר זיינען דאָ געווען אויפן „וויטפּוסט״ מיט יאָרן צוריק, ווען מיר זיינען נאָך געווען חדר־יינגלעך. און ביז היינט קענען מיר נישט פאַרשטיין דעם טעם פון דאָזיקן יריד.

דער אלטער האָט א שטילן ציטער געטאָן, אָנגעגאָסן אלעמען צו גלעזער הייסן טיי פון „ליפּעווע צוויט״, פון וועלכן ס׳איז זיך צעגאַנגען א פרילינג־ריח, ווי פון פיינעם האָניק, איבער דער שטוב. ער האָט לייכט אונטערגעהוסט און זיך אָפּגערופן:

— אַ מאָדנע פאָלק, וואָס מיר זיינען! ווען אונדזערע קדושים באַווייזן זיך דאָ אויף דער ערד, האָבן מיר אפילו נישט קיין זכות זיי צו דערקענען... איר וועט, אם ירצה השם, מאָרגן גיין איבערן דאָרף, וועט איר זען צווישן באַרג און וואַלד דעם גרויסן מאָנאַסטיר. צופוסנס פונעם באַרג, דאָרט ווו דער קלויסטער שטייט, איז א ברונעם מיט „הייליק וואַסער״. געהייליקט איז דאָס וואַסער געוואָרן צוליב א מעשה שהיה:

געוועזן איז דאָס אין א פרייטיק. א יידענע, אַן אלמנה פון פינף טעכטער איז אויפגעשטאַנען מיטן מאָרגנשטערן צוגלייך. זי האָט גענומען איר שטרויען קיישל, אין וועלכן זי האָט אריינגעפאקט איר קרבן־מנחה סידור, צוויי חלבנע ליכטלעך אויף ליכט־בענטשן, א בולקע־פלעצל און א געפלאָכטן קוילעטשל, איר שבתדיקע ווייסע פאַטשיילע און א פעקעלע רוסישן טיי א מתנה צו געבן דעם פרעמישלאנער צדיק, פאר וועמען זי וועט גלייך נאָך הבדלה אויסגיסן איר פארביטערט הארץ. ס׳איז נאָך אלעמען קיין וואונדער נישט. באלד נאָך דער חתונה האָט גאָט זי געבענטשט מיט פינף קליינע עופהלעך, איינס קלענער פונעם אנדערן, און דערצו נאָר מיידעלעך. דער מאַן אירער האָט זיך דערפון שטאַרק צום הארצן גענומען, ווייל פונוואַנען וועט ער האָבן נדן פאר פינף טעכטער? איז ער, נעבעך, אויסגעגאנגען ווי א צאנקענדיק ליכטל, פאר דער צייט.

פרומע יידן האָבן געהאלטן, אז עס איז געשען דערפאר, ווייל ער האָט צו פרי פארלוירן דעם בטחון.

האָט זי זיך אזוי לאנג געמוטשעט, די אלמנה, און אויס־געכאָוועט פינף כשרע יידישע טעכטער, אויף אלע גוטע פריינט געזאָגט געוואָרן און דערלעבט, אז די עלצטע איז א כלה געוואָרן. א רייכער, באלבאַטישער יונגערמאן האָט זיך אין איר איינגע־ליבט, געשיקט א שדכן און נעמט זי ווי זי שטייט און גייט. אָבער זי, די מאמע, האלט, אז אָן דעם רבינס ברכה קען זי קיין חופה נישט שטעלן. איז זי ארויס כאור הבוקר, פרייטיק פאר שבת־נחמו, און זיך געלאזט צופוס פון גלינע ביז פרעמישלאַן, ווייל אויף באצאָלן א האלבן רייניש דעם בעל־עגלה, וואָס פירט קעלבלעך אין שטאָט אריין, איז איר געווען שווער.

דער פרייטיק איז געווען א הייסער. ערגעצווו האָט א פיק־האָלץ געקלאַפּט מיטן שנאָבל אין דער קאָרע פון א דעמבענעם בוים, און א קוקולקע האָט באגלייט א יעדן קלאַפּ זיינעם מיט איר קוקו־רוף. די ראָסע האָט זיך אויפגעהויבן אין א לייכט־

ווייסן, דורכזיכטיקן שלייער איבער די גראָזן און זאַנגען אויף די פעלדער. די זון, רייטנדיק אויף איר רויטער פלאַם־פייערדיקער שטול, האָט זיך פאַמעלעך אלץ העכער און העכער ארויסגעהויבן פון הינטער די בערג און מיט אירע שווער־ברייטע זילבער־שטראַלן באשטראלט די קאָרן־בלימעלעך און זיי צוגעגעבן א סאַמעטענע בלאַיקייט. די מאָן־בלומען האָבן אויפגעהויבן, אלץ העכער און העכער זייערע קעפלעך, באַפּוצט מיט א קרוין פון רויט־וויאָלעטע בלעטער. אן איבערגעשראָקענער איז א האָז ארויסגעשפּרונגען פון זיין נאָרע אין פעלד; די יידענע, א דער־שראָקענע, האָט אַזש אויסגעשפּיגן דריי מאָל, טפו, טפו, טפו, און געווונטשן, אז עס זאָל אויסגיין צו אירע שונאימס קעפּ.

שפּעטער אין טאָג־אריין, די היץ איז געוואָרן כסדר גרעסער און געגאנגען איז זיך איר אלץ שווערער און שווערער. פון צייט־צו־צייט האָט זי זיך אוועקגעזעצט, כדי אָטעם צו כאַפּן און אָפּגעווישט דעם שווייס וואָס האָט זי באגאָסן. געזיפּצט האָט זי אויך א שפּאָר ביסל און גאָט געבעטן, אז זי זאָל האָבן ארויס־געגאנגען פון דער היים מיטן רעכטן פוס.

די צייט איז אָבער נישט געשטאנען, און מיט איר האָט זיך אויך די זון גערוקט מער און מער צו מערב־זייט, גייענדיק זיך טובלען ערגעץ הינטער בערג. שוואַרץ־בלאָע שוועלבעלעך מיט גלאַנציקע, פלושן־בלאָע קעפלעך און שניי־ווייסע בייכלעך האָבן זיך מחנות־ווייז צוריקגעקערט פון אונטער הימלען, פון ווייטע פעלדער און טייכן, אויסגעזעצט זיך אין לאַנגע שורות אויף די שטרויענע דעכער, וואָס זיינען געווען פארשוירן אין שפּיצלעך, צעשפּרייט און צעצויגן זייערע צוויי־שפּיציקע עקלעך, און אין א שטילן לויב־געזאַנג באגלייט די הענגענדיק־אונטערגייענדיקע זון. די זון, א קופערנע, צעגליט פון א גאנצן טאָג, האָט מיט מילדקייט באַשאָנקען אלע שטרויענע דעכער, בערגלעך, די קאָרן און ווייץ־פעלדער, מיט א שפע פון הייסע גאָלד־זעמדלעך און

מיט וואָלקנס גאָלדענעם שטויב, וואָס האָט זיי אַלעמען צוגעגעבן כח אויסצוהאַלטן אַ קילע נאַכט.

די קעץ, אין די פויערישע הויפן, האָבן זיך אויפגעכאַפּט פון זייער פוילן דרעמל, אויסגעצויגן זיך, ברייטמויליק געגענעצט, גענומען זיך באַלעקן און אויספוצן, כדי געפעלן צו ווערן די באַלעבאָסטעס, וואָס וועלן באַלד צוריקקומען פון פעלד.

די יידענע, שיינדל ברײנע האָט זי געהייסן, האָט געכאַפּט אַ בליק אויף צוריק און איז אַזש פאַרציטערט געוואָרן:

— ווײ איז מיר! — האָט זי צו זיך אַליין אויסגעשריגן. — שוין באַלד צייט ליכט בענטשן! — און זי האָט גענומען שטעלן גיכע טריט באַרג־אַראָפּ.

הינטערן באַרג, צווישן דריי זאַמד־שטיינער, מיט גרינעם מאָך באַוואַקסענע, גרויסע ווי מצבות, האָט אַרויסגעקוועלט אַ קרישטאָל־ריין וואַסערל. שיינדל־בריינע האָט אָוועקגעשטעלט אירע כלים, זיך צוגעבויגן צום קאַלטן קוואַל, מיט זשעדנעקייט געזופּט פון איר דאַר־ביינערדיקער דלאָניע די אָנגעשעפּטע וואַסער און אָוועקגעזעצט זיך אויף איינעם פון די שטיינער אָפּצורוען אַביסל. זי האָט ווידער געכאַפּט אַ קוק אויפן הימל און אויף דער אונטערגייענדיקער זון, צוגערוקט צו זיך איר קיישל, אָנגעטאָן די שבתדיקע, פערקאַלענע פאַטשיילע, אָנגעטאָפּיעט די צוויי חלבנע ליכטלעך אויף אַ שטיין, זיי אָנגעצונדן און פאַרשטעלט זיך דאָס פּנים און די געוואַשענע, רויט־פאַרמאַטערטע, אויגן מיטביידע הענט, און געשעפּטשעט אַ תּפילה:

„גאָט דערבאַרעמדיקער און לייטזעליקער, גיב מיר כח צו דערגיין ביז צו אַ יידיש הויז און היט מיך אָפּ, אַז כ׳זאָל חלילה, נישט פאַרשוועכן דיין הייליקן שבת! און העלף מיר, טאַטעניו, מיר, דיין געטרייער דינסטמויד שיינדל־ברײנען, אַ צעבראָכענע און פאַר דער צייט אַלט־געוואָרענע אַלמנה. העלף מיר, אַז איך זאָל זוכה זיין און דערלעבן צו פירן מיין יינגסטע טאָכטער צו דער חופּה. דערנאָך קענסטו מיך צונעמען פון דער זינדיקער ערד. אוי,

אב־הרחמים! דו, וואָס שפּייזסט אפילו א ווערעמל, זיי א גוטער שפּייזער צו מיינע קינדער, און באַשער מיר פּאר זיי חתנים, וואָס זאָלן גיין אויפן גלייכן וועג און זאָלן באַשיינען דיין הייליקע תורה, אזויווי די ליכטלעך, וואָס באשיינען דיין שבת קודש״...

גרויסע טרערן האָבן געפּערלט אויף אירע צוגעמאכטע אויגן, אריינגעקייקלט זיך צווישן אירע פינגער, און פון די פינגער אין קוואָל אריין. ווען זי האָט געענדיקט ליכט בענטשן און צו זיך אליין געזאָגט „גוט שבת״, האָט זי, צו איר גרויס פאַרווונדער דערהערט א שטים פון א מאַנסביל:

— גוט שבת אייך, שיינדל־ברײנע!

מיט אַביסל שרעק האָט זי אויפגעהויבן אירע אויגן און דערזען, ווי פון באַרג־אַראָפּ, א פּאָר טריט פון קוואל, גייט א דאָרפס־ייד מיט א קליין זעקל אויף די פּלייצעס און א וואַלד־שטעקן אין האנט.

— איי, דאָס זענט איר, רעב שמחה?! אזוי שפּעט, און איר זענט נאָך נישט אין דער היים?

שיינדל־בריינע האָט דערקענט דעם דאָרפס־ייד, וואָס האָט א גאנצע וואָך פאַרבראכט אין שטאָט און איז, לכבוד שבת, אהיימגעגאנגען צו זיין ווייב און קינדער אין דאָרף אריין.

שמחה האָט געוווינט א קאַרגן תחום־שבת פון דעם אָרט, ווו ער האָט אָנגעטראָפן די יידענע און זיך אין הארצן געפרייט צו האָבן אַן אורח אויף שבת.

גייענדיק אויפן וועג, האָט שיינדל־בריינע געפּועלט ביי שמחהן, אז, מערצעשעם, נאָך הבדלה זאָל ער איינשפּאַנען פערד־און־וואָגן און זי פירן אין שטאָט אריין, ווייל זי האָט געוואָלט זען דעם רבין גלייך מוצאי שבת נאָך מלוה־מלכה.

ווי־נאָר זיי זיינען ביידע אריינגעקומען צו אים, צו רעב שמחהן אין שטוב, האָבן זיך מיט א מאָל דערהערט די גלאָקן פון דאָרפישן קלויסטער, מיט א געקלינגעריי וואָס האָט אָנגעזאָגט א גרויסן יום־טוב. — — — — — —

צו דער זעלבער צייט האָט א גרויסער עולם געוואַרט, אַז דער פּרעמישלאַנער צדיק, רעב מאירל, זאָל אַריינקומען דורך דער טיר, וואָס איז געווען אויסגעהאַקט אין דער צפון וואַנט פונעם בית־מדרש און האָט געפירט צום רבינס חדר־מיוחד. עולם האָט זיך זייער געחידושט וואָס דער רבי איז אביסל שפּעטלעך מיטן קבלת שבת. אָבער באַלד האָט זיך דאָס שמאָלע טירל געעפנט און דער רבי האָט מיט א שמייכלדיק פּנים געגעבן א צייכן, אַז דער בעל־תפילה זיינער זאָל גיין צום עמוד און זאָגן „לכו־נרננה״... נאָך דער סעודה, ביים טיילן שיריים, האָט דער רבי אָנגעזאָגט דעם עולם, אַז אין זכות פון א גרויסער צדיקת וועלכע וועט ביי אים זיין מוצאי־שבת, וועלן די יידן פון אַלע אַרומיקע שטעט און דערפער באַשאַנקען ווערן מיט פּרנסה און מיט עשירות. די יידן ביים רבינס טיש האָבן איינער דעם אַנדערן געגעבן צו פאַרשטיין מיט א שטילן שושקען זיך, פאַרוואָס דער רבי האָט א שמייכל געטאָן פאַר קבלת שבת.

אָבער וואָס האָט זיך אין צווישנצייט אָפּגעטאָן אין דאָרף? אָט הערט:

אין דער צייט, ווען שיינדל־בריינע האָט זיך פאַרשטעלט דאָס פּנים מיט די הענט און אויסגעגאָסן איר שווער האַרץ פאַר די שבת־ליכטלעך, האָבן פויערים און פויערטעס מיט סערפּן, קאָסעס און שטרוי־גאָפּלען אויף די אַקסלען, פאַסטוכער און פאַסטוכקעס מיט זייערע ווערבע־פייפלעך באַגלייט פון געטרייע הינט, זיך געלאָזט גיין אַהיים, זינגענדיק פויערישע שניט־לידער, אָדער נאַאיווע און זייער האַרציקע ליבע־לידער. פּלוצים האָט א קליינע פאַסטוכקע אויסגעשריגן צו דער גאַנצער גראָמאַדע: קו־ו־קט! אַ היי־לי־קע!

די פויערים און פויערטעס זיינען געבליבן שטיין ווי צוגעקאָוועט צו דער ערד און געזען א ווייסע פאַטשיילע מיט הענט, וואָס האָבן פאַרשטעלט דאָס פּנים און א גאָלד־שטראַל

פון דער זון אונטערן ווייטן האָריזאָנט, האָט זיך באַהאַפטן מיט די צוויי פלעמלעך פון די שבת־ליכטלעךביים קוואַל.

„די הייליקע מוטער! די הייליקע", האָבן די עלטערע פויערים און פויערטעס געמורמלט צו זיך אליין; אראָפּגעלאָזט מיט גרויס שרעק אויף די קני, וואָס האָבן זיך ווי אונטערגעהאַקט און גענומען צלמען זיך. פאר גרויס שרעק האָבן זיי צוגעמאכט די אויגן, נישט קענענדיק ארייַנקוקן אין דעם פייערדיקן זונען־שטראַל, וואָס האָט זיך באַהאַפטן מיט דער געשטאַלט. באלד איז דער שטראַל צוזאמען מיטן ווייס־טוכענעם פרויען־קאָפּ פאר־שוווּנדן; געבליבן זיינען צוויי פייערלעך אליין, די פייערלעך פון די חלב'נע, שבתדיקע ליכטלעך.

די גראַמאַדע איז שטיין געבליבן און זיך שטארק דערפרייט ווען זייער פּאַפּ האָט זיך באוויזן פון דער ווייטנס. אין האנט האָט ער געטראָגן א געבעט־ביכל, אין שווארצן פליוש געבונדן, פון וועלכן זיינע ליפּן האָבן ארויסגעשעפּטשעט א שטילע תפילה. ווען ער איז צוגעקומען צו דער גראַמאַדע האָבן זיי אים אָנגעכאפּט ביי די פאָלעס פון כאַלאַט, געקושט זיינע פעטלעכע הענט און אלעמענס אויגן האָבן זיך געוואָנדן צו די צוויי פייערלעך, וואָס זיי האָבן געזען פון דער ווייטנס. דעם פּאָפּ'ס בליק האָט זיך באגעגנט מיט די בליקן פון זיין עדה און ער האָט גענומען זאָגן א הייליקע תפילה אויף א הייליקער שפּראך, וואָס זיי, די פויערים, האָבן נישט פארשטאנען. דער גלח מיט זיין עדה האָבן זיך דערנענטערט מיט שטילע, גאָטפאָרכטיקע טריט צו די חלב'נע ליכטלעך און צוויי געפלאָכטענע, מיט מאָן באשאָטענע קוליטש־לעך, וואָס די יידענע האָט געלאָזט ליגן, פארגעסנדיק זיי.

— אָ נס! אָ גרויסער נס, קינדערלעך! — האָט דער גלח מיט א ציטערדיק פרום קול געמורמלט; גענומען זיך צלמען און אלע האָבן אים נאָכגעטאָן.

ווען שיינדל־ריינע איז אריבער די שוועל פון איר באקאנטן דאָרפס־ייד, האָבן שוין די גלאָקן אין דער דאָרפישער צערקווע

געקלונגען און בליץ־שנעל אָנגעזאָגט, אז די „הייליקע מוטער" האָט זיך באוויזן ביים קוואַל...

דעם גאנצן שבתדיקן טאָג האָבן זיך שיינדל־ברײַנע און אירע באלעבאטים נישט ארויסגערירט פון שטוב אין דאָרף אריין. זיי האָבן מורא געהאט אפילו צווישן זיך אליין ארויסצורעדן א וואָרט וועגן „נס", נאָר אומגעדולדיק געוואַרט, אז עס זאָלן זיך שוין באווייזן די ערשטע דריי שטערן אויפן הימל, כדי צו קענען וואָס גיכער אוועק אין שטאָט אריין.

אויך ביים רבין, אין פרעמישלאַן, איז נישט געווען גאָר פריילעך. דער עולם אין בית־מדרש, בשעת קריאת־התורה, האָט גוט געמערקט דעם רבינס צעטראָגנקייט. יעדער קלינג פון די גלעקער אין דער דאָרפישער צערקווע, האָט דערלאַנגט דעם רבין ווי מיט א האַמער אין הארצן אריין. ער, דער צדיק, האָט זייער גוט געוווּסט, אז פון קירכנגלאָקן ביז פאָגראָמען אויף יידן איז א קורצער מהלך. האָט ער טאַקע די גאַנצע צייט געטענעט צום „טאַטן־אין־הימל", אז ער זאָל זיי, די גוים אין דאָרף דאָרטן, נישט אונטערטראָגן דעם ביטערן טראָפּן, דעם אָקעוויט; ער האָט אונגעדולדיק געוואַרט, אז די זון זאָל וואָס גיכער אריבער צו מערב־זייט.

ווען דער גבאי איז ארויסגעגאנגען בשעת שלוש־סעודות און, אריינקומענדיק צוריק, א זאָג געטאָן, אז מ'זעט שוין דריי שטערן אויפן הימל, האָט דער רבי פריי אָפּגעאָטעמט און צו זיך אליין א זאָג געטאָן: „כ'דאַנק דיר, פאָטער אין הימל, זיי פאָרן שוין ארויס פון דאָרף!"

— עולם, לאָמיר זיך צעזעגענען מיט מעריב, ווייל כ'וועל באלד דארפן מקבל פנים זיין געסט, וואָס וועלן קומען פון פאָדקאָווקע — האָט דער רבי געזאָגט צו זיין גבאי ר' לייבישל, כדי די חסידים ארום טיש זאָלן הערן און מסכים זיין.

— מילא, כ'וועל נישט מאריך זיין, — האָט דער אלטער ווייטער דערציילט; — פונקט ווען חסידים האָבן זיך גענומען

גרייטן צום רבינס מלוה־מלכה זיינען ר׳ שמחה מיטן עלטערן זון זיינעם און שיינדל־בריינען פאַרפאָרן פאַרן רבינס הויף.

די רביצין אליין איז ארויס פאַר דער טיר אויפנעמען שיינדל־בריינען און זי באַגלייט צום רבין. ווען שיינדל־בריינע האָט אוועקגעלייגט פאַרן רבין דאָס קוויטל וואָס זיין גבאי, ר׳ לייבישל, האָט פאַר איר אָנגעשריבן, האָט דער רבי, זיצנדיק אויף זיין שטול, צו איר געזאָגט: אשה־צדקנית, טויזנטער יידישע אלמנות און יידישע טעכטער וועלן דיך בענטשן און אויסבעטן פאַר דיר דעם גן־עדן; דיינע טרערן וועלן באַווייזן ניסים. דיינע חלבנע שבת־ליכטלעך, דאָרט, ביים ברונעם, האָבן אריינגעלויכטן ביז צום כסא־הכבוד, און זייער ליכט וועט באַגלייטן און באַשיינען יידישע כלה־מיידלעך צו זייער חופה. פאָר אהיים און זאָג דער כלה, אז איך, מאירל פון פרעמישלאַן, ווינטשט איר מזל־טוב! נו, רביצין — האָט זיך געוואָנדן דער רבי צו דער רביצין — וועסט אויפקאָכן פאַרן עולם און פאַר אונדז אלעמען פון שיינדל־בריינעס טיי און זאָל זי וויסן, אז איך וועל זיין דער מחותן, ווען זי וועט אויסגעבן איר מיזינקע.

די רביצן האָט שיינדל־בריינען אריינגענומען אין איר חדר אריין און צוגעזעצן, אז זי זאָל זיך אָנקאָרמען און משמח זיין, איידער זי פאָרט אהיים.

ר׳ שמחה'ן האָט דער רבי געבענטשט און אים צוגעזאָגט, אַז ער וועט לעבן הונדערט און צוואָנציק יאָר.

איז אָבער ר׳ שמחה געוועזן א פשוטער ייד און האָט באַלד אויפן אָרט א פרעג געטאָן: „רבי, פאַר וואָס גראָד הונדערט און צוואָנציק יאָר?“

דער רבי האָט אראָפּגעשלונגען א שמייכל און אים געענט־פערט: „זאָלסט וויסן־זיין שמחה־לעבן, אז ווען א ייד האלט אויס הונדערט און צוואָנציק יאָר אין גלות, איז ער פטור פון גיהנום אויף יענער וועלט“.

הכלל, ס׳האָט נישט לאנג גענומען און גלחים, בישאָפן און קאַרדינאַלן פון אלע עקן וועלט, זענען זיך צונויפגעפאָרן צום ברונעם; פויערים און פויערטעס אין די טויזנטער האָבן אָנגעהויבן צו שטראָמען אַהער און אין איין טאָג. נאָך די אלע גלחישע קאַזאַניעס און דרשות, האָט זיך אָנגעהויבן צו שיטן גאָלד־רינגלעך, אויערינגלעך און צלמלעך פון די העלזער, אַזש זיי האָבן דערמיט פארלייגט און פארדעקט א פויער זיצנדיק אויף זיין פערד.

פאר דעם אָנגעקליבענעם אוצר מיט גאָלד און זילבער האָט מען אויפגעשטעלט דעם מאָנאַסטיר און אָפגעקויפט אלע שכנות־דיקע פעלדער, גערטנער און סעדער; אויפגעבויט א בנין פאר די הייליקע שוועסטערס און הייליקע ברידער די מאָנאַכן. דעם ברונעם האָט מען באַזונדער ארומגעצוימט מיט מעשענע און קופערנע שטאַכעטן אין פאָרם פון א חופה. דער ברונעם איז זינט הונדערט און פופציק יאָר דאָס וויכטיקסטע געשעעניש, וויל שיינדל־ברייַנעס טרערן, וואָס זיינען אינעם קוואַל אריינ־געפאלן, האָבן באַוויזן ווונדער איבער ווונדער; ווער ס׳האָט זיך גע׳טובל׳ט אין דאָזיקן קוואַל איז אויסגעהיילט געוואָרן פון זיין חולאת.

פון יאָר צו יאָר איז דער „וויטפּוסט״, דאָס קומען אָפּריכטן תפילות אינעם מאָנאַסטיר ביים געהייליקטן ברונעם, געוואָרן ברייט און ווייט באַקאַנט צווישן הונדערטער טויזנטער פויערים אין אַסך מדינות. סיי די גלחים סיי סוחרים פון אלע עקן וועלט האָבן דאָ געטראָפן א מאָרק פאר אלע זייערע סחורות. די יידישע הענדלער האָבן געוואַרט א גאַנץ יאָר אויפן „אוניוועד יאַריד״ און געבעטן „זיין־ליבן־נאָמען״, אז עס זאָל נישט רעגענען אין צייט פון יאַריד. יידן האָבן דאָרט אויסגעפירט גליקלעכע שידוכים.

מיט הונדערט און דרייסיק יאָר שפּעטער איז מיר געווען אָנגעצייכנט פון הימל צו קומען מיט סחורה אויפן אוניוועד יאַריד.

ביי די ווערטער האָט דער אלטער געוואָרפן א בליק אויף זיין פרוי, וועלכע האָט אראָפּגעלאָזן די אויגן ווי א שעמעוודיק מיידעלע און געבעטן, אז ער זאָל זיך כאָטש שעמען פאר די קינדער צו רעדן נאַרישקייטן.

— יאָ, מיין סחורה איז באשטאנען פון א טוץ יארמולקעס, א האלבן טוץ זילבערנע עטרות צו גרויסע טערקישע טליתים און אַן ערך פופציק בינטלעך ציצית פאר לייבצודעקלעך. מיט דעם פּאַק סחורה, מיט טלית־ותפילין און אַן אלט פארדארט ראַזעווענע ברייטל מיט ליאַנענעם־אייל באשמירט, האָב איך מיך ארויסגעלאָזט אויפן זעלביקן שליאַך, פון גלינע קיין אוניעוו. גייענדיק אזוי איבער פעלדער, האָב איך געטראכט וועגן מיין עלטער־באָבען שיינדל־בריינען, וועגן דעם פּרעמישלאַנער צדיק און וועגן דער הייליקער, וואָס האָט זיך באוויזן דאָ ביים קוואַל.

בעת דער אלטער ר׳ מרדכי האָט געהאלטן אין דערציילן, האָבן אלע, דאָס ווייב, די קינדער און די געסט זיינע, דערפילט, אז דאָ איז עפּעס מער ווי סתם א מעשה פון אמאָליקע צייטן. זיי האָבן בחוש דערשפּירט, אז דאָ רעדט ארויס פון זיין הארץ א טיפע איבערלעבעניש, א טיפער און פון לאנגע יאָרן פארבאָרגע־נער סוד. זיי האָבן דערפילט, אז עס איז א וידוי פון א לעבעדיקן, וואָס דערגרייכט שוין דעם סוד פון אנדערע וועלטן און אז פארן אוועקגיין פון זיינע נאָענטע און טייערסטע אין לעבן, האָט ער עפּעס צו דערציילן. דער אלטער ווידער האָט נישט אראָפּ־געלאָזט זיינע אויגן פון זיין טעכטערל און דעם יונגן סטודענט, בערנאַרד דובן, און דערפילט ווי זייערעביידנס הערצער האָבן זיך אָנגעפילט מיט ליבע. עס איז געווען קענטיק, אז דערפאר האָט ער זיי געוואָלט דערציילן זיין אייגן לעבן און וועגן זיין אייגענער, אייביקער ליבע. דערוויל האָט דער יונגער רב, ר׳ מרדכיס זון, זיך אויפגעשטעלט און דערקלערט, אז מען וועט באַלד עובר־קריאת־שמע־זיין.

מיטן אלטנס דערלויבעניש זיינען אלע זיך פֿאַנאַנדער־געגאנגען, אָבער איינשלאָפֿן האָט קיינער פון זיי נישט געקענט. יעדער איז געווען פארטאָן אין זיינע אייגענע געדאנקען; יעדער האָט זיך גענומען מתוודה זיין און ארויסקלייבן פון זיך די סודות פון זיין אייגענעם לעבן.

אומרואיק איז געשלאָפֿן דאָס יונגע מיידל און זיך גענומען אויסשפינען נייע וועלטן. דאָס הארץ אירס האָט האסטיק געקלאפט. עס האָבן איר גענומען שפּילן אין די אויערן צויבער־טענער פון א פיינעם וויברירענדיקן קאָמערטאָן, ביז זי איז פארזונקען אין א טיפן שלאָף פון חלומות, אויסגעוואַרעמטע אין דער גליאיקייט פון איר יונגער און מלאכיש־ריינער ברוסט, אין דער ברוסט פון אן אומשולדיקער יידישער טאָכטער, וועלכע האָט, מיט א מורא פאר זינד, אָנגעהויבן פילן דעם דורשט פון איר רייפקייט, דאָס מאָנען פון דער נאַטור און זיך נישט געקענט דערקלערן דעם זיסן אומרו. עס איז געווען דער אָנזאָג פון א שטארקער און בירושה איבערגייענדיקער ליבע.

דער פרימאָרגן איז געווען איינער פון די ווינטערדיקע פרימאָרגנס, וואָס פארענדיקן זיך מיט א העלער לבנה־נאַכט באגלייט מיט א לייכט פּוכיקן שניי, וואָס פינקלט און סקריפּעט אונטער די לייכטע טריט פון א יונג, פארליבט פּאָרל, וואָס פילט מער ווי גליק, מער ווי נשמהדיקע דערהויבנקייט, גייענדיק זייט ביי זייט; רעדן, שמועסן און חלומען וועגן אַלץ וואָס איז טייער און שיין, וויסן און פילן ווי שטארק זיי האָבן זיך שוין ליב, אָבער ווילן נישט מיט ווערטער פארשוועכן די דאָזיקע הייליקע געפילן און געדאנקען, די דאָזיקע פּאָעטישקייט פון יוגנט; דעם דאָזיקן פרילינג פון שמעקנדיקע בליטן, בלומען און באלד שוין רייף־געוואָרענע פירות.

מיט פריילעכע פּנימער האָבן זיך ארומגעפּאָרעט די מאמע מיט איר בת־יחידה ביים צוגרייטן אָנבייסן פאר די געסט, פארן ברודער און פארן פּאָטער, וועלכער האָט זיך אויפגעהויבן נאָך

איידער דער בלויער טאָג האָט זיך באוויזן. ער האָט אָנגעצונדן א ליכטל און זיך אוועקגעזעצט אין א ווינקעלע ביים נאָך הייסן אויוון אין אורחים־צימער און געזאָגט פזמון און פיוט פון זיין „שערי־ציון" וואָס אויף זיינע בלעטער האָט מען אָנגעזעען גאָר אַסך געלע פלעקן פון אויסגעטרוקנטע טרערן, פלעקן פון חלבנע ליכט און אריינגעשריבענע, געבוירענע דורות, בר־מצווהס און יאָרצייטן. מאמע און טאָכטער האָבן דערפילט, אז זיי האָבן זיך עפּעס צו זאָגן.

די מוטער האָט באטראכט די תנועות פון איר טעכטערל און אליין באלד דערפילט איר אמאָליקע מיידלשקייט. אירע לעפצן האָבן ארויסגעשעפטשעט א שטילע תפילה, אז עס זאָל זיין איר קינדס אמתער באשערטער.

ווען דער טיש איז געווען געגרייט מיט פיינע זעמל און קייזערקעס, סמעטענע מיט קעז געמישט, מיט טעפלעך הייסן קאַווע, זיינען אלע אריינגערופן געוואָרן צום אָנבייסן. דער אַלטער האָט זיך אנטשולדיקט פאר די געסט און זיי אויפגעוויזן וויפל ס'איז פאראן ארבעט אויף א דאָרפישער באלעבאטישקייט, כאָטש עס זיינען דאָ פאַראָבקעס און א פויערטע וואָס זאָרגט פאר די בהמות. דערפאר האָט ער איבערגעלאָזט זיין זון דעם רב און זיין בת־יחידה, אז זיי זאָלן משמח זיין די נייע פריינט זייערע און צוגעזאָגט מיט זיי צו טרינקען טיי מיטיק־צייט, ארום פיר אזייגער. ביים עסן וואָרעמעס האָט זיך יונגווארג אָפּגעשמועסט צו מאכן א שפאציר איבערן דאָרף, ארום דעם וואַלד ווו עס שטייט דער מאָנאַסטיר.

אזוי ווי עס איז שוין געווען מיטוואָך, האָבן די צוויי סטודענטן איינגעוויליקט דאָ צו פארבלייבן ביז איבער שבת. דער אלטער, זיין ווייב און די קינדער האָבן זיך שטארק געפרייט מיט דעם וואָס זייערע געסט האָבן נישט אָפּגעזאָגט זייער אלעמענס בקשה.

די ווינטערדיקע זון האָט זיך דעם נאָכמיטיק באוויזן אין איר גאנצער פראכט. זי האָט געשיינט און אפילו געוואַרעמט ווי אין אן ערב־פורים טאָג. נאָר דער שניי האָט זיך געהאלטן שטייף, געפרוירן און דערמאנט, אז ביינאכט וועט נעמען א נאָך שטארקערער פראָסט. די לופט איז געווען אזא ריינע און לויטערע, מען האָט געהערט דאָס זשומען פון די טעלעפאָנישע דראָטן אויף די קלעצער. דער עלטערער סטודענט האָט זיך ארייַנגעלאָזט אין א שמועס מיטן יונגן רב, וועלכער האָט מיט אים פארפירט א הייסן וויכוח וועגן דער פילאָזאָפיע פון אַריסטאָ און וועגן דער מיינונג, וואָס דער רמב״ם האָט וועגן איר און וועגן שפינאָזעס מיינונג איבער גאָטהייט און ביידע זיינען אריין אינעם יונגן רבס לערן־שטיבל, נאָכצוזען אין די ספרים ווער ס׳איז גערעכט. די שוועסטער מיט בערנאַרדן זיינען ארויס אויפן וועג צום מאָנאַסטיר.

— — — — — —

— שעמט אייך נישט, קינדער — האָט ר׳ מרדכי בארואיקט זיין דבורהלען און בערנאַרד־דובן, וועלכע האָבן זיך געהאלטן ביי די הענט און נישט באמערקט דאָס אָנקומען פונעם אלטן, און גייענדיק אזוי מיט זיי ביידן האָט ער גענומען רעדן ווי צו זיך אליין:

ליבע פאלט אראָפּ פון הימל און איז ווי א גילגול וואָס זוכט א תיקון. און דעם תיקון קאָן די ליבע האָבן נאָר ווען זי באַפאַלט און איבעראשט צוויי הערצער, אָבער נישט צוויי מוחות. אז מאָן און פרוי דערזעען זיך ס׳ערשטע מאָל אין זייער לעבן און זייערע הערצער שטעלן אָפּ דעם געהירן, דעמאָלט איז עס ליבע. ס׳איז נישט אמת אָבער, אז ליבע קאָן קומען מיט דער צייט, ווי למשל דורך א געוווינהייט, ווייל דאָ הערט שוין אויף צו שפירן דאָס האַרץ און עס הויבט אָן צו חשבונען דער מח, דער שכל. און דאָרט ווו ס׳איז פאראן מח און חשבון איז עס שוין א ליבע

וואָס הענגט אָפּ אין עפּעס, און אזא ליבע איז דער וועג צום אונטערגאנג...

בערנאַרד־דוב, וועלכער איז די גאנצע צייט געוואָרן געפּירט, ווי דעם אלטנס טאָכטער, נאָר פון האַרץ, האָט ווי פון א לעטאַרגישן שלאָף די אויגן צעעפנט ברייט און ס'האָט ביי אים גענומען ארבעטן דער מח. ער האָט דערפילט, אז דעם אַלטנס ווערטער זיינען נישט קיין פשוטע, נאָר א שליסל צו דעם וואָס פילאָזאָפן זוכן און מאטערן זיך זינט דורות, צו פאַרענטפערן די שאלה, „וואס איז ליבע?" און מיט אמאָל א פרעג געטאָן ר׳ מרדכין פון וואנעט ער נעמט דעם דאָזיקן געדאנק. ר׳ מרדכי האָט זיך אוועקגעשטעלט צווישןביידע, איין האנט פארלייגט אויף זיין טאָכטערס אקסל און די אנדערע אויף בערנארד־דובן און ווי דריי גלייכע חברים האָבן זיי גענומען שפּאנען מיט פאמעלעכע טריט איבערן שניי אין וואלד בארג ארויף, און דער אלטער האָט גענומען דערציילן:

— ווען דאָס איז געשען בין איך נאָך געווען גאָר יונג; איך האָב שוין געלייגט תפילין, אָבער צו צוועלף יאָר, שוין א יתום נאָך מיין פאָטער, ע"ה. א יאָר שפּעטער איז געשטאָרבן מיין מוטער און איך בין געבליבן הפקר אויף גאָטס באַראָט. האָט זיך ערגעץ אָפּגעפונען א ווייטע קרובה און מען האָט מיך אוועקגעפירט צו איר קיין טאַרנאָפּאָל. דאָרט ביי דער אלטער מומע מיינער האָב איך געהאט א באזונדער צימער צום שלאָפן און א ירושה פון איר מאַן, וואָס זי האָט מיר גלייך געשענקט ווען כ'בין נאָר אָנגעקומען צו איר — א ווילנער ש"ס־און־פּוסקים און ספרים חצונים אין דייטש, אָבער בתנאי, אז נאָך הונדערט און צוואָנציק יאָר זאָל איך זאָגן נאָך איר קדיש, לערנען א פרק משניות און אָפּהאלטן יאָרצייט, ווייל זי האָט נישט געהאט קיין קינדער. מיין צוזאָג האלט איך עד־היום.

אין קלויז, ווו איך האָב געלערנט פאר זיך אליין, האָבן די עלטערע בחורים און שפּעטער זקנים מיט גראָע בערד שוין,

אָנגעהויבן צו מורמעלן שטילערהייט און אָנגעוויזן מיטן פינגער אויפן אָרט ווו איך פלעג זיצן און לערנען. עס האָט נישט לאַנג געדויערט און עס האָט זיך צו מיר צוגעחברט איינער אַן עלטערער בחור פון א יאָר זעכצן און מיר האָבן טאָג און נאַכט געלערנט און געלערנט מיט ברען און חשק. ווען כ׳בין אלט געוואָרן זיבעצן יאָר האָב איך באַקומען מיין ערשטע סמיכה. אָבער צו דער זעלביקער צייט, אין די זעלביקע קלויז־יאָרן מיינע, פלעגט מיין מומע מיך לערנען שרייבן און לייענען אין דער גאָטישער שריפט, און מיין ערשט בוך, וואָס איך האָב גענומען לייענען אין דער דייטשער שפּראַך און וואָס האָט אויף מיר משפיע געווען, אַז איך זאָל שפּעטער זיך שטאַרק פאַרנעמען מיט לייענען די דייטשע ליטעראַטור — פאַרשטייט זיך, אַז קיינער, אחוץ מיין מומע, האָט דערפון נישט געטאָרט וויסן — איז געווען אַ בוך, זייער אַן אלט בוך פון א דייטשן געלערנטן, וואָס האָט געלעבט אין דער ערשטער העלפט פון זעכצנטן יאָרהונדערט — יאָהאַנעס רייכלין, ווען מען קאָן פאַר איינעם פון די בעסטע און ערלעכסטע געלערנטע, וואָס האָבן געהאַט א פּאָזיטיווע שטעלונג צו יידישע הייליקע ספרים. ער, רייכלין אליין, האָט געקענט גוט לשון־קודש.

אחוץ מיין דורשט צו וויסן און וועלן אלץ פאַרשטיין האָב איך געלעבט מיט האָפנונג צו ווערן א גרויסער רב אין א גרויסער שטאָט און אז איך וועל חתונה האָבן מיט א געבילדעטער פרוי, וואָס איך וועל זען פאַר מיינע תנאים און אין וועלכער איך וועל זיך צוערשט, פאַרליבן.

דער גורל האָט אָבער געטאָן זיינס און פון מיינע חלומות האָט זיך אויסגעלאָזט מער נישט ווי א זייפנבלאָז, ווייל איך האָב אָנגעהויבן שטאַרק צו ליבן און ליידן. געליבט האָב איך מיינע קינדערשע און יוגנט־חלומות און געליטן האָב איך אָט פאַרוואָס: באַלד ווי נאָר כ׳האָב באַקומען א שטיקל שם פאַר א גוטן לערנער האָט מען אָנגעהויבן זיך צו זאָרגן פאַר מיר. א יתום האָט

שטענדיק זייער א סך פארזאָרגערס וואָס לייגן אוועק זייערע זאָרג פאר אייגענע זין און טעכטער און האלטן אין איין ארייננקלערן ווי אזוי צו ברענגען צו א תכלית דעם יתום, ביז זיי באַגראָבן אים א לעבעדיקן. גראָד האָט נאָך באדארפט אונטערקומען, אז מיין מומע איז אָפּגעשטאָרבן אין דעם יאָר און מען האָט דערטאפּט א יידישע טאָכטער, אויך א קיילעכדיקע יתומה און א מיוחסת דערצו. האָט מען גענומען מיר איינרעדן, אז אזוי ארומעט וועט זיך עפּענען א וועג און איינער פון מיינע חלומות וועט מקוים ווערן — דאָס הייסט איך וועל באקומען א רבנות, דערווייל אין א קליין שטעטל, און דער נדן וועט סטאַיען דארויף. צו אכצן יאָר בין איך געוואָרן אן אייגנטימער פון א צאַרטער, איידעלער און קראנקער יידישער טאָכטער, וועלכער עס איז געווען באַשערט צו קומען אויף יענער וועלט א נישט פארשעמטע, נאָר טאַקע א חתונה־געהאטע. אָבער אנשטאָט צו ווערן רב ערגעץ אין א קליין שטעטל, בין איך גאָר געוואָרן, — און אלץ האָט עס געהייסן אויף דערווייל — א גמרא־מלמד אין גלינע, ווייל דאָס ווייבל מיינס האָט זיך געשעמט, אז איר מאַן זאָל זיין א מלמד אין שטאָט ווו אלע ווייסן איר יחוס.

אין דעם יאָר וועז איך האָב חתונה געהאט, האָב איך דער־פילט, אז אלע מיינע האָפענונגען זיינען אָפּגעשטאָרבן און איך האָב געלעבט מיט א ניי געפיל, א געפיל פון רחמנות.

איך האָב אָנגעהויבן ארייננטראכטן אין דער איידעלער נשמה און אויסגעפונען, אז זי האָט גוט געטאָן וואָס זי האָט מיט מיר חתונה געהאט. זי פלעגט עס מיר אָפּט זאָגן: „ווייסט, — פלעגט זי נישט איינמאָל טענען צו מיר, — מיר געפעלט דיין רחמנות; איך ווייס, אז מיר בלייבט נישט לאנג צו לעבן, נאָר אויב עס איז דאָ, אזוי ווי מען זאָגט, א „יענע וועלט”, וועל איך ארומגיין און דערציילן ווי אזוי דו האָסט רחמנות געהאט אויף א קראנקער יידישער יתומה”... ביי די ווערטער פלעגט זי מיט איר שוואַך הענטל גלעטן מיין שטערן און איך פלעג פילן, מיט גרויס ווייטיק

אין הארצן, דעם טויט, וואָס האָט שוין געוווינט אין אירע קאַלטע און איידעלע פינגער. אויף מיר האָט דאָס דאָזיקע איבערלעבעניש געהאַט אַ שטאַרקע השפעה און איך האָב פון דעם מער געלערנט און פאַרשטאַנען, ווי פון ספרים און ביכער, ווייל דאָ בין איך געקומען דאָס ערשטע מאָל אין באַריר מיטן הארטן לעבן, מיטן קאַמף צווישן לעבן און טויט, מיט די סודות פון ליידן, וואָס שלייפן און פּאָלירן דעם מענטשן און זיין כאַראַקטער.

צו ניינצן אַ האַלב יאָר בין איך געוואָרן אַן אַלמן און גענומען שטאַרק אַריינקלערן וועגן מיין מעמד אין וועלכן איך האָב זיך געפונען און אָפּגעמאַכט צו ווערן דער באַלעבאָס איבער זיך אַליין. כ׳האָב אוועקגעוואָרפן דאָס מלמדות און אַזוי ווי עס איז גראָד געווען שבועות צייט, ווען די הענדלער אין שטעטל האָבן זיך געגרייט צו פאָרן מיט סחורה אויפן אוניעווער יאַריד, איז מיר איינגעפאַלן, אַז איך זאָל אָנהייבן האַנדלען. פאַרשטייט זיך, אַז מיט וואָס מען עסט דאָס, האָב איך קיין השגה נישט געהאַט. האָב איך באַשלאָסן צו ווערן אַ פּאַקנטרעגער, אָדער ווי מען רופט עס — אַ מוכר־ספרימניק. נו, איז ווי כ׳האָב שוין אייך אַנומעלט דערציילט, בין איך מיט דער אויסגערעכנטער סחורה געקומען אויפן יאַריד דאָ אַהער, קיין אוניעוו. אַ מידער פונעם וועג, פאַרשטויבט און דורכגעווייקט אינגאַנצן פון שווייס, וואָס איז גערונען איבער מיין פּנים, אַ פאַרמאַטערטער, בין איך אָנגעקומען קיין אוניעוו און געבליבן שטיין נעבן אַ הייפל פויערים מיט פויערטעס אונטערן דאָרף נעבן אַ ריטשקעלע. איך האָב דאָ ביים וואַסערל זיך אָפּגערוט אַביסל, אַראָפּגעטרייסלט פון זיך דעם ווייסן שטויב פון וועג, אַרומגעוואַשט דאָס פּנים און דערפרישט זיך אַביסל. די פויערים און פויערטעס האָבן געקוקט אויף מיר און האָבן גענומען אָפּחוזק פון מיין הולך און האָבן מיך געפרעגט וואָס פאַר אַ סחורות איך האָב צו פאַרקויפן. איך האָב אַ הויב געטאָן מיט די אַקסלען און אַרויסגענומען אַ תהלימל. זיי האָבן, צווישן זיך, איינער דעם אַנדערן געגעבן צו פאַרשטיין, אַז איך

בין נישט קיין סוחר נאָר א ראַבין. דערווייל איז אָנגעקומען א דאָרפס־ייד און מיך א פרעג געטאָן: „וווהין און פון וואנעט, יונגערמאן?״ איך האָב אויפגעלעבט, דערהערנדיק די שאלה און דער ייד האָט מיך גלייך אוועקגעפירט צו זיך אין שטוב. דאָס איז געווען ר׳ יעקב ענדע, א בכבודיקער באַלעבאָס אין אוניעוו; געהאט אן אייגן הויז מיט אן אייגענער קרעטשמע און איז געווען א גרויסער חשוב ביי אלע פויערים אין דאָרף.

ווי נאָר איך בין אריבער די שוועל פון דעם יידנס שטוב, איז מיט מיר געשען אזוינס, וואָס וועט מיך ביז דער לעצטער מינוט פון מיין לעבן נישט פארלאָזן: אין שטוב איז געשטאנען א וויגעלע פון הארטן האָלץ, איינפאַך אָפגעהובליעוועט, נישט פאָלירט, אפילו נישט געפארבט, און אין וויגל איז געלעגן א צוויי־יאָריק מיידעלע, וואָס האָט זיך נאָר וואָס געהאט אויפ־געכאפט פון שלאָף. די האָר אויפן רונדיקן קעפל זיינען געווען טונקל־בלאָנד און פייכטלעך פון דער ווארעמקייט אין וויגל. צוויי לאָקעלעך אויף איר העל־קלאָרן שטערנדל האָבן איר פארדעקט די לאנגע שווארצע ברעם פון רעכטן אייגל. די בעקעלעך זיינען געווען רויטלעך ווי רויזן־בלעטלעך און צוויי טיפע בלאָע אויגן האָבן ארויסגעשיינט ווי צוויי כשוף־וועלטן און האָבן אָנגעצונדן אין מיר א פייער, וואָס האָט מיך שיער נישט פון דער וועלט אוועקגעבראכט. איך האָב דערפילט, אז א קאלטער שווייס נעמט מיך ארום, מיינע פיס האָבן זיך א וואַקל געטאָן און איך האָב נאָר באוויזן צו הערן דעם באַלעבאָס ווען ער האָט אויסגערופן: „זעט נאָר ווי דער יונגערמאן איז בלייך! גיך נאָכן פעלדשער״... איך בין געפאלן אין חלשות און האָב איבער־געלעבט עטלעכע גליקלעכע מינוטן; איך האָב מיך פארליבט אין דעם צוויי־יאָריקן מיידעלע.

א ים מיט ליידן און זכרונות איז אויפגעשוווּמען אין מיין זכרון. פלוצעם האָב איך מיך דערזען א פופצן יאָריק יינגל, ווי איך שטיי אין א חסידים־שטיבל ביים פענצטער, וויקל די רצועה

פונעם של־יד, און גראַד גייט פאַרביי ר׳ משה דעם שטאָט־גבירס מיידל. עס האָט מיר דעמאָלט א זעץ געטאָן אין הארצן און איך האָב אָנגעהויבן גיין כמעט יעדן טאָג אין חסידים שטיבל דאווגען, ווייל עס פלעגט מיר געלונגען דאָס דאָזיקע גבירישע טעכטערל זעען עטלעכע מאָל אין דער וואָך. פארשטייט זיך, נאָר דורכן פענצטער. ביז עס איז געשען א נס: איינמאָל אין א פרימאָרגן, איז זי מיר געקומען גלייך אין פנים אריין. מיר האָבן זיך ביידע פארדרויטלט, נאָך א גליק וואָס קיינער האָט דאָס נישט געזען — און פון דעם טאָג אָן האָב איך אָנגעהויבן צו זען זי פאַר מיינע אויגן ביים לערנען, ביים עסן, אין שלאָף און ווו איך האָב מיך געקערט און געווענדט. אזוי האָט עס געדויערט ביז שמחת־תורה ביינאכט צו הקפות, ווען איך האָב זי ווידער געזען אין קלויז און מיר האָבן זיך מיט די אויגן אדורכגעשמועסט. ווען די בחורים זיינען ארומגעגאנגען מיט די הקפות, איך אין דער מיטן, איז זי צוגעגאנגען און מיט דער האנט א קוש געטאָן די ספר־תורה וואָס איך האָב געטראָגן. פון דער צייט אָן איז מיר געוואָרן קלאָר, — און איר אויך, — אז צווישן אונדזביידן איז עפּעס. איך האָב דעמאָלט מורא געהאט ארויסצוזאָגן, אז איך האָב זי ליב. זי אָבער, ביילקע האָט זי געהייסן, האָט שוין מער פארשטאנען און האָט געפונען א וועג זיך מיט מיר אדורכצושמועסן. ווען דער ערשטער שניי איז געפאלן, און מען האָט אָנגעהויבן שיקן פאַר די בחורים, וואָס האָבן געלערנט שפּעט אין די ווינטער־נעכט, געבראָטענע קאַרטאָפלעס, איז זי געקומען מיט א קוישל קאַר־טאָפלעס, געלאָזט מיך ארויסרופן און איבערגעבנדיק מיר די געבראָטענע בולבעס האָט זי איינע געהאלטן א ווײלע אין איר האנט און א זאָג געטאָן: „דאָס איז פאַר אייך”. זי האָט זיך שטארק פארדרויטלט און איז גיך אוועק. ווען איך בין אריין פון פאָליש צוריק צו די בחורים און גענומען טיילן, האָט מיין הארץ געקלאפּט ווי מיט א האמער. איך האָב גענומען ארומקוקן מיין געבראָטענע קאַרטאָפלע און באמערקט, אז זי איז אָן אויפגע־

בראָכענע. און שטעלט אייך פאָר, דאָרט איז געלעגן א בריוועלע.

עס וועט צו לאנג פירן, ווען איך זאָל אייך דערציילן, וואָס איך האָב זינט דעם אָוונט אדורכגעמאכט, אין פארלויף פון אנדערטהאלבן יאָר. גליק און שרעק, שרעק און גליק זיינען געווען מיינע באגלייטערס. ביז דער שטאָט־גביר ר׳ משה האָט אין א שבת צו שלוש סעודות מודיע געווען דעם עולם, אז ער רעכנט א שידוך צו טאָן מיט א גרויסן עושרס זון פון בערזשאַן... געשען איז אָבער א שרעקלעך אומגליק. אין א מאַרק־טאָג האָבן זיך א פאָר פריצישע פערד צעפלאָשעט און צווישן אנדערע קרבנות איז אויך געווען זי — ביילקע. זי איז פון די שווערע ווונדן צו דער וואָך אוועקגעקומען. — — — — — — —

איך ווייס ביז היינט נישט, וואָס איך זאָל האָבן גערעדט פון היץ בשעת איך בין געלעגן ביי ר׳ יעקב ענדען אין הויז. נאָר געשען איז עפּעס, וואָס א בעל־מאמין רופט עס א גאָט־זאַך.

דער ר׳ יעקב איז פון דעם מאָמענט אָן געוואָרן צו מיר נאָענט, מער נאָך ווי אַן אייגענער פאָטער. און שפּעטער, ווען כ׳בין געזונט געוואָרן, האָט ער מיר געגעבן צו פארשטיין, אז פאר אזא יונגערמאַן, ווי איך, איז האנדלען מיט ציצית נישט קיין ענין. ער האָט מיר פאָרגעלייגט, אז אזוי ווי איך האָב מער קיינעם נישט אין גלינע, איז גלייכער איך זאָל זיך צוריק נעמען צום לערנען און אויב איך וויל, קען איך טאקע ווערן זיין רבי און חבר און זיצן אין די לאנגע ווינטער־נעכט און לערנען צוזאמען מיט אים א בלאַט גמרא. אויב איך האָב חשק, וועט מען מיר אויך אָנפארטרויען די קינדער פון די אנדערע באלעבאטים אין דאָרף, אז איך זאָל מיט זיי לערנען יידישע לימודים, אויך אביסל שרייבן, לייענען און רעכענען. איך האָב מיך אָנגעכאפּט אין דעם ווי א טרינקענדיקער אין א שטרוי, און עס האָט זיך מיר אויסגעדאכט, ווי א קול פון ווייטן שרייט אין מיר אריין: „מוזט דאָ בלייבן, דאָ איז דיר דיין גליק באשערט!" איך בין פון דעם דאָרף מער נישט ארויסגעפאָרן און געבליבן דאָ זיצן,

וואַרטנדיק מיט גלויבן אויף מיין באַשערט גליק גאַנצע זעכצן יאָר.

ר׳ יעקב ענדע האָט מיר געבראַכט צופירן אין דאָרף אריין אַלץ, וואָס איך האָב געהאַט איבערגעלאָזט אין גלינע. די הונדערטער ספרים, דעם ווילנער ש״ס און די אַנדערע ביכער. פאַר די יידן אין דאָרף איז געוואָרן קלאָר, אַז זיי וועלן אין מיר האָבן אי א רב אי א לערער פאַר זייערע קינדער. פאַר מיר איז געוואָרן קלאָר עפּעס אַנדערש: איך האָב אין דעם צוויי־יאָריקן מיידעלע געזען ביילקען און איך האָב אָנגעהויבן חלומען און ליידן ווי אַמאָל.

מיין לעבן האָט באַקומען אַן אינהאַלט, און די זעכצן יאָר זיינען מיר אַוועק ווי זעכצן וואָכן. איך האָב געלערנט מיט שמחה, געלעבט מיט שמחה און דערצויגן א דור יידישע דאָרפס־קינדער, וועלכע זיינען זיך שפּעטער, ווי פייגעלעך פון זייער מוטערס נעסט, צעפלויגן איבער ימים און לענדער און יידן האָבן באַקומען רבנים, דאָקטוירים און פּראָפעסאָרן, וואָס שטאַמען אַרויס פון אוניעוו און וועמען איך האָב געוויזן דעם וועג צו די דאָזיקע קאַריערעס. נאָר אַליין בין איך געבליבן זיצן דאָ אין אוניעוו, ווו אַלץ איז מיר איינגעבאַקן געוואָרן אין האַרצן און אין דער נשמה.

איך האָב געלעבט אונטער איין דאַך מיט ר׳ יעקב ענדעס אייניקל, צוגעזען ווי זי ווערט פון טאָג צו טאָג עלטער, גרעסער און שענער. ווען זי איז אַלט געוואָרן פיר יאָר, בין איך געוואָרן איר גייסטיקער פאָטער. איך האָב זי געלערנט; איך האָב זי דערצויגן און האָב אין איר איינגעפלאַנצט די שענסטע געפילן, די העכסטע עטישע באַגריפן, וואָס איך האָב געוואָלט זען אין א יידישער טאָכטער. זי איז געווען א פריילעך קינד, האָט געהאַט א גוט הארץ פאַר מענטשן און ווען זי איז אַלט געוואָרן פופצן יאָר, האָט מען אָנגעהויבן אָנצושלאָגן אירע עלטערן שידוכים.

פאַר מיר איז ביי ר׳ יעקבן און זיינע קינדער קיין סוד נישט געווען, און וואָס עס האָט נישט געזאָלט פאָרקומען אין הויז איז

מען צוערשט געקומען הערן מיין מיינונג. אָבער ווי נאָר עס האָבן זיך אָנגעהויבן צו באווייזן שדכנים פון שטעטל, איז געוואָרן אן איבערקערעניש אין שטוב און מען האָט אָנגעהויבן האלטן פאר מיר א סוד. ביזן היינטיקן טאָג ווייס איך נישט וואָס מען האָט געזאָגט די שדכנים, ווען זיי פלעגן קומען אויף א שבת צו ר׳ יעקבן.

דאָס לעבן אין דאָרף האָט געהאט א ווירקונג אויף מיר. מיינע פלייצעס האָבן זיך גענומען אויסגלייכן פון די יאָרן, וואָס איך בין געזעסן איבער דער גמרא אין דער טארנאָפּאָלער קלויז און אין שטיבל. איך האָב זיך צעוואקסן ווי א שיינער בוים ביים וואסער, באקומען פאַרב אין מיין בלייכן פנים און אנשטאָט עלטער ווערן האָב איך גאָר אָנגעהויבן ווערן יינגער, געזונטער און שענער. אין פארלויף פון די יאָרן האָב איך אָפּגעשפּאָרט אזוי פיל געלט, אז איך האָב געפּלאַנט צו קויפן מיר א גאנצע באלעבאטישקייט און מיר מאכן א בכבודיקע פרנסה אין דאָרף. נישט געווען קיין מענטש אין דאָרף, וואָס זאָל זיך נישט האָבן צו מיר באצויגן מיט פריינטשאפט און מיט דרך־ארץ. די עלטערע גלחים און די ברידער־מאָנאַכן האָבן פארבראכט ביי מיר אין שטוב און געלערנט אונדזערע הייליקע ספרים, וואָס זיי האָבן שטארק ליב באקומען און אָנגערופן זיי — דער יסוד פון זייער גלויבן.

ס׳איז אָבער באשערט געווען, אז איך זאָל ווידער האָבן עגמת נפש. דאָס רעדן שידוכים האָט אוועקגערויבט מיין רו און מיין שלאָף. צוערשט האָב איך גענומען מיר איינרעדן און אויס־רעדן. געוואָלט זיך אליין אויסשמייסן, זיך אליין גערופן אלטער נאַר, און געמיינט, אז אזוי ארום וועט פאר מיר ווערן לייכטער און איך וועל זיך שעמען צו זיין פארליבט אין א קינד. איך האָב צוערשט גענומען זוכן אלע וועגן ווי אזוי אויסצומיידן די, וועלכע איז געווען מיין גאנצער לעבנס־אינהאלט. עס איז ביי מיר געווען א טיפע איבערצייגונג, אין וועלכער איך גלויב עד־היום, אז

דאָס איז די אמאָליקע ביילינקע; אז גאָט האָט זי צוריק באַשאַפן פאר מיינעט וועגן; אז דאָס האָבן מיינע טרערן און מיין צער פון יונגע יאָרן, זי צוריק אראָפּגעבראַכט אויף דער וועלט.

עס איז מיר היינט שווער צו רעדן וועגן דעם, וואָס איך האָב אין זיך איבערגעלעבט. איך האָב נישט געפונען קיין חבר מיט וועמען איך זאָל האָבן א בשותפותדיקע שפּראַך און פאר וועלכן איך זאָל קענען עפענען מיין הארץ, אראָפּרעדן זיך און הערן אַן עצה אָדער א טרייסט וואָרט, וואָס זאָל מיר אראָפּנעמען די שטיינער פון מיין געמיט. איך האָב אלץ געמוזט האַלטן בסוד סודות. דאָס האָט אָנגעהויבן זיך שלעכט אויסצווירקן אויף מיין געזונט, און מיינע אויגן האָבן באַקומען א פיבער־גלאַנץ; מיין פנים איז געווען בלייך, אָבער די בלייכקייט האָט מען נישט ארויסגעזען צוליב מיין באָרד, וואָס האָט ארומגעהילט מיינע קינבאַקן.

ביז אין א שיינעם פרימאָרגן, אן ערב־שבועות איז עס געווען, איך האָב מיך געלאָזט גיין אָנרייסן גרינע צווייגן און גרינע שילפגראָזן, אָדער ווי מען רופט דאָס דאָ — טראַשטשינעס, צו באַהענגען לכבוד יום טוב די שטוב, דעם ארון קודש און העג־גלייכטער אין דאַוונשטיבל. האָב איך מיך דערנענטערט צום „הייליקן ברונעם” און אזוי ארום געוואָלט פארנעמען זיך אהערצו. פּלוצעם האָט אַן אלטער מאַנאַך גענומען מיר נאָכרופן און נאָכ־שרייען. אין פלוג בין איך נישט געווען צופרידן פון אזא באַגעגעניש און געמיינט, אז ער איז אונטערגעשיקט פון שטן מיר צו שטערן אין מיין אינערלעכער תפילת־הדרך. איך האָב זיך געוואָלט מאכן נישט הערנדיק, אָבער ער איז באלד אויסגעוואַקסן הארט נעבן מיר און מיך אָפּגעשטעלט. האָב איך אים דערציילט, אז איך גיי אָנברעכן גרינע צווייגעלעך לכבוד שבועות. ער האָט פאָרגעלייגט מיט מיר צו גיין און העלפן אָנרייסן דאָס גרינס. גייענדיק אזוי אין וואַלד האָט ער זיך פּלוצעם אַוועקגעזעצט אויף א פניאָק פון אַן אָפּגעזעגטן בוים און גענומען זינגען מיט אזוי פיל דבקות

און טרויער, אז עס האָט מיר אזש פארקלעמט ביי דער נשמה און אין זכרון איז מיר פארבליבן דער רעפריין פון ליד:

„טאָבי זאַזוליאַ נאַ וועסני
קואוואָטע בודע, אַ מעני —
וואָראָניא קריאַקאָטע בודע:
זאָבוט, זאָבוט מענע...״*

ער האָט אָפגעהאקט זיין געזאנג און אין די אויגן־ווינקלען זיינען ביי אים געשטאנען טרערן. ער האָט מיט דער פאָלע פון זיין ברוינעם מאָנאָכישן כאַלאַט אָפגעווישט גיך די פייכטע אויגן און אָן ווערטער מיך אָנגענומען ביי דער האנט, צוגעצויגן נאָענט צו זיך, און אזוי זיינען מיר געבליבן שטיין אויג אויף אויג.

—זעך דיך נעבן מיר אַנידער — האָט ער צו מיר, ווי א פאָטער צו א קינד, באפוילן — און הער מיך גוט אויס! איך בין שוין אַכט־און־דרייסיק יאָר א מאָנאַך. יאָ, גאנצע אכט־און־דרייסיק יאָר ווי איך בין דאָ אין אוניעוו אונטער די מויערן און קאַטאַקאָמבעס פון דעם הייליקן בנין — ביי די ווערטער האָט ער אויפגעהויבן זיין אָרעם און מיטן פינגער אָנגעוויזן אין דער זייט צום מאָנאַסטיר — מיינע יאָרן פארברענג איך מיט ארבעטן, פעלד־ארבעט און תפילה־טאָן, אָבער ס׳העלפט נישט! וויל דאָ־אָ, זעסט — ביי די ווערטער האָט ער זיך מיטן פויסט א זעץ־געטאָן אין ברוסט — דאָ ברענט א פייער און ס׳לעשט זיך נישט אויס! עס ברענט א פייער, וואָס אַניעלאַ האָט אָנגעצונדן מיט אירע כשוף אויגן און נאָר זי קאָן מיט אירע אויגן דאָס פייער אויסלעשן.

ער האָט זיך פארטראכט: אויפן געקנייטשטן, הויכן שטערן זיינעם האָב איך געמערקט ווי ער מאכט אן אָנשטרענג צוריק־

* דיר וועט דער פיקהאָלץ אין פרילינג אויסקאָוועון (זיין געזאנג); און פאר מיר וועט א קראָ אויסקראָקען: פארגעס, פראגעס מיך!..

צורופן פארלוירענע וועלטן און ער האָט מיך געבעטן האָבן געדולד און אויסהערן אים, ווייל ער מיינט עס פאר מיין טובה־וועגן. ר׳האָט ווייטער גערעדט:

—אַכט־און־דרייסיק יאָר בין איך דאָ, דריי־און־צוואַנציק יאָר בין איך אַלט געווען ווען כ׳האָב מיט איר ס׳ערשטע מאָל געטאַנצט אויף אַ חתונה און פיר מיט אַ האַלב יאָר האָב איך געלעבט מיט האָפנונג און געוואַרט אפשר וועט זי מיך וועלן. אָט אַזוי, הערסטו, איז עס געווען: איך, אַן איין־איינציקער ביי מיינע רייכע עלטערן, מיט איבער הונדערט און זעכציק מאָרגעס פעלד און אַ גרויסן הויף, האָב געלערנט, שטודירט און טאַטע־מאַמע האָבן זיך אין מיר געשפּיגלט און געצאַצקעט. אַ קלייניקייט, זייער זון וועט זיין אַן אַדוואָקאַט און מאכן אַ רייכן שידוך, האָבן קינדער און... אַלץ, וואָס רייכע עלטערן לייגן כסדר אריין האָפנונג אין זייער קינד. ווען כ׳האָב געענדיקט און באַקומען דעם דיפּלאָם, בין איך פרילינג צוריק אַהיימגעקומען און געוואָלט זיך אויסרוען פון דער שווערער ארבעט מיט וואָס ס׳איז פארבונדן דאָס צו־גרייטן זיך צום עקזאַמען. איך בין געווען איבערגליקלעך, ווייל איך האָב נישט קאַליע געמאכט דאָס געלט, וואָס טאַטע־מאַמע האָבן אויף מיר אויסגעגעבן.

עס איז געווען פרילינג ביי אונדז אין שטוב, ביי מיין פאָטער און מוטער, ביי מיר, אין די גערטנער און פעלדער, און דאָס לעבן איז מיר שטארק געפעלן געוואָרן, ביז צום פארשכורן. פלוצעם האָבן מיר באַקומען אַ פארבעטונג אויף אַ חתונה צו רייכע פּריצים אין שכנותדיקן דאָרף. מיינע עלטערן האָבן זיך געפרייט ווייל זיי וועלן זיך קענען באַווייזן מיט זייער געראָטענעם זון. אויף דער חתונה האָט מען געזען די סמעטענע, די אויבערשטע פון שטויסל פון אונדזערע רייכע פּריצים. עס זיינען געווען יונגע מענער, דיפּלאָמירטע פון פארשידענע פאַקולטעטן. פרויען און יונגע, רייכע פּריצישע טעכטער, קאַנדידאַטקעס חתונה צו האָבן, האָבן אונדז פארשכורט מיט דער פרישקייט פון זייערע יונגע

קערפּערס, מיט די פּראָוואָצירנדיק־דעקאָלטירטע קליידער און מיטן דיסקרעטן ריח פון פּאַריזער פּערפומען. יעדער יונגערמאַן האָט זיך באַמיט געפעלן צו ווערן. און ווען ס'איז געקומען מיין ריי צו באַגריסן און טרינקען א טאָסט צום נייעם פּאָרל, האָב איך באַקומען פליגל און האָב אימפּראָוויזירט אין צען מינוט זייער א שיינע באַגריסונג. מיין פּאָעזיע האָט צעוואַרעמט די פאַרגליווערטע הערצער פונעם שיינעם מין און איך האָב געטאַנצט, ווי א מלאך, מיט זיי. ביזן אהיימפאָרן פון דער חתונה בין איך שוין נישט געווען אליין. ביי מיר אין האַרץ האָט געגעסטיקט זי — אַניעלאַ!

מיין פאָטער האָט אָבער נישט געוואָלט דעם שידוך מיט אן אָרימער און ער האָט מיר דערציילט, אז ס'איז דאָ א גאָר רייכער פּריץ וואָס וויל מיך פאַר זיין טאָכטער. איך האָב דאָס גלייך אָפּגעוואָרפן, און מיין פאָטער האָט מיר באַלד דאַרויף אָפּגעזאָגט פון אַלע מיינע פּריווילעגיעס. האָב איך אָבער געוווּנען מיין מוטער אויף מיין זייט, און זי האָט מיר צוגעזאָגט דעם פאָטער אביסל ווייכער צו מאַכן. דאָס האָט זיך איר נישט איינגעגעבן. מיט אַניעלאַן האָב איך זיך דורכגעשריבן און אייניקע מאָל געזען. מיר האָבן זיך געשווירן צו זיין געטריי. און מיין אויפריכטיקייט האָט מיך צעבראָכן. ווען זי האָט אַמאָל אויף א טרעפונג, מיט פולער ליידנשאַפט מיך א פרעג געטאָן, פאַרוואָס האָבן מיר נישט חתונה, האָב איך פאַרלוירן מיין שכל און איר אויסגעזאָגט דעם אמת. זי האָט זיך דערפון שטאַרק באַליידיקט און האָט זיך אָפּגערופן צו מיר, אז זי וועט קיינמאָל נישט ווערן די פרוי פון א מאַן, וועמענס פאָטער איז מער פאַראינטערעסירט אין א גרעסערן נדן און נישט אין א פיין מיידל ווי זי איז און ווי איר שטאַם איז.

אזוי האָט זיך שוין געשלעפּט א צעבראָכענע ליבע פון פיר מיט א האַלב יאָר.

איך האָב שטאַרק געזינדיקט, ווייל איך האָב געבעטן אויף מיין פאָטערס טויט און געמיינט, אז דעמאָלט וועט אַניעלאַ עפּעס ארונטערלאָזן פון איר שטאָלץ און מיר וועלן זיין גליקלעך. דאָס ערשטע האָב איך אויסגעבעטן — מיין פאָטערס טויט, אָבער פאַר דער דאָזיקער זינד האָט מיר גאָט גלייך באַצאָלט. אַניעלאַ האָט זיך פון מיר אויסגעלאַכט. ווי נאָר זי האָט זיך דערוווּסט וועגן מיין פאָטערס טויט, האָט זי מיט אַן אנדערן חתונה געהאַט און זיך, אונדזער ליבע — ווייל זי האָט מיך אויך שטאַרק ליב געהאַט — מקריב געווען צוליב איר שלאַכציצקער גאווה.

ווען איך האָב שפּעטער פאַר מיין מוטער מיט טרערן אין די אויגן זיך מודה געווען אין מיין אינערלעכן פאַרברעכן און איר געזאָגט, אז איך וויל אריין אין קלאָשטאָר און דינען גאָט כל־זמן איך לעב און אויסבעטן א פאַרגעבונג פאַרן נישט אָפּגעהיטענעם כבוד־אב, פאַר די זינד לגבי מיין פאָטער, האָט זי מיר א קוש געטאָן אין קאָפּ אריין און זיך אָפּגערופן: גיי, מיין טייערער זון, רעד אויס דיין הארץ פאַר דער הייליקער מוטער און גאָט וועט דיר היילן דיינע וווּנדן!

מער האָב איך מיין מוטער שוין נישט געזען. ערשט ווען אונדזער עלטסטער האָט מיך ארייַנגערופן און דערקלערט, אז מיינע עלטערנס האָב־און־גוטס איז געשענקט געוואָרן פאַרן קלאָשטאָר דאָ אין אוניעוו, איז מיר קלאָר געוואָרן, אז מיין מוטער לעבט נישט מער. אָבער מיר איז נישט בעסער געוואָרן פונעם ערשטן טאָג, זינט איך בין דאָ אהערגעקומען ביז היינט. אלעמאָל ווען איך קני אַנידער און הייב אויף מיינע אויגן צו דער הייליקער בתולה, זע איך נישט קיין הייליקע, נאָר איך זע מיין צעבראָכן לעבן, מיין אַניעלאַן. צוואַנציק יאָר שוין ווי איך בעט נאָר פאַר איין סטאַטוע, אָבער אנשטאָט די הייליקע מוטער מיטן קינד יעזוס, זע איך אַניעלאַן מיט אונדזער ביידנס נישט־געבוירענעם קינד. איך ווייס, אז איך זינדיק, אָבער גאָט וועט מוזן אויף זיך

נעמען מיינע זינד, ווייל ס׳איז אין זיין רשות מיר אן אנדער הארץ און אנדערע געפילן אריינצוגעבן.

אנדערש איז אָבער ביי אייך יידן. איר האָט נישט קיין אָפקומעניש־קלאַשטאָר דערפאר ביסטו מער בר־מזל ווי איך בין געוועזן.

ביי די ווערטער האָט ער מיר דערציילט, אז ער ווייסט מיין סוד און אז ר׳ יעקב ענדע האָט אים פארזיכערט, אז ווען זיין אייניקל וועט אלט ווערן אכצן יאָר וועט זי מיט קיין אנדערן נישט חתונה האָבן ווי נאָר מיט דעם, וואָס וואַרט אויף איר זיין גאנץ לעבן.

דער מאָנאַך איז מיר געוואָרן אזוי נאָענט, אז איך האָב אים ארומגעכאפט און שטארק צוגעדריקט צו מיין הארץ. מיר האָבן זיך ביידע א לענגערע צייט געחברט. מיר איז לייכטער געוואָרן — אים אויך. מיר האָבן איינער דעם אנדערן אויסגעזאָגט די סודות וואָס האָבן אונדז געמאטערט אזוי פיל יאָרן. ליידן דער־נעענטערן מענטשן ביז ברודערשאפט. די צוויי יאָר זיינען ביי מיר געוועזן לאנגע צוויי יאָר, אָבער גליקלעכע. איך פלעג יעדן פרימאָרגן, אזוי ווי אן ארעסטאנט, אויסשטרייכן א טאָג. ביים ארעסטאנט איז עס א טאָג נענטער צו פרייהייט און ביי מיר איז עס געוועזן א טאָג נענטער צו מיין אויסגעחלומטן גליק.

צו די אכצן יאָר, און טאַקע דעם ערשטן טאָג שבועות, קומענדיק פון שטיבל צוריק, האָבן מיך ר׳ יעקב ענדע, זיין זון און די שנור, אריינגערופן און דערלאַנגט א גלעזל מיט טייערן מעד, פּאַמעלעך געצויגן וואָרט נאָך וואָרט, און זיך אָפּגערופן צו מיר: — קינד מיינס, לאָמיר טרינקען לחיים און מזל־טוב דיר, חתן!

טרערן פון גליק זיינען מיר געשטאנען אין די אויגן און מיין כלה איז אין דער רגע אַריינגעקומען, שיין ווי צען וועלטן

און א גליקלעכע, אזוי ווי איך. מיר האָבן אלע געטרונקען לחיים און געזאָגט זיך מזל־טוב.

— — — — — —

בערנאַרד־דוב האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער דער אַלטער האָט אים מיט א כיוון נישט געלאָזט רעדן. ער האָט גוט געוווּסט וואָס ער וויל אים זאָגן. ביידע קינדער האָבן נישט באַמערקט, אז דער אלטער, רעדנדיק צו זיי, פירט זיי שוין צו דער כאַטע. ערשט ווען זיי זיינען צוגעקומען צו דער טיר האָבן זיי זיך אויפגעכאפּט, ווי פון א צויבער וועלט פול מיט פארבן און חלומות.

אריינקומענדיק אין שטוב האָט דער אלטער אוועקגערופן זיין ווייב רחלע און איר איינגערוימט א שטילן סוד. אין שטוב איז געוואָרן יום טוב. דער בליצלאָמפּ האָט געוואָלט מאכן טאָג. אין די העסעס האָט מען, ווי פרייטיק צו־ליכט־בענטשן, אָנגעצונדן ליכט, און אויפן טיש האָט געשיינט א גרויסע זילבערנע קאַנדע־לאַברע מיט פינף ליכט אין די רערן. דער טיש איז געוואָרן גלייך באַשטעלט מיט פארשידענע מינים ליקער, בראָנפן, עפּל־וויין, ווישניאַק, יאַגעדעס, צוקער־און־האָניק־לעקעך.

— — — — — —

בערנאַרד־דוב איז פארבליבן מיט זיין כלה אין דאָרף, כדי שריפטלעך צוצוגרייטן זיין מוטער, — קיין פאָטער האָט ער נישט געהאַט, — און צו איר ברענגען זיין כלה, אז זי זאָל זיי געבן איר ברכה נאָך פאַרן שרייבן די תנאים. דער עלטערער סטודענט איז צוריקגעפאָרן פאַרברענגען „א פאריזער נאַכט״...

מיראַנדאַ־דע־עבראָ, פעברואַר 1943.

ר׳ נחומקע
דער
אוניעווער משומד

ערגעץ, אויף דער פעטער ערד, אויף די רחבותדיקע תבואה־פעלדער, וואס פירן פון אוניעוו קיין פרעמישלאן, איז געשטאנען א פון שטיין געבויעטע הייל און אין איר איינגעווייד א קבר אין פורעם פון א ברייטער בית־מדרש־באנק מיט העלער ליימיקער פארב פריש באשמירט. זינט יאָרן, אז דער קבר איז מיט העלן ליים באפרישט געווארן, אבער קיין שום בן־אדם האט ניט געוואגט

נאכצופארשן דורך וועמענס הענט דאס ווערט אזוי זארגעוודיק געטאן.

אויפן קבר האבן זיך אפגעשטעלט פרעמדע וואנדערער און דורכגייערס, און פויערים און פויערטעס גייענדיק צו זייער פעלד־ארבעט אין צייטן פון פארזיי און שניט. ביים דאזיקן קבר האבן צעבראָכענע און גלויביקע נשמות איבערגעלאזט סמנים ווי קרענצלעך מאָן־בלומען, קרענצלעך קאָרן־בלומען. צווישן די צאָליקע פרישע און שוין אלט־פארוויאנעטע בלימען־קרענצלעך האבן זיך געוואלגערט בלעטלעך שמות און אלטע תהילימלעך. א פופציק מעטער, לערך, פארן צוגאנג צו אָט דער הייל איז געשטאנען א שווערער, א הויכער הילצערנער, פון דעמבענעם בוים געמאכטער צלם, אויף וועלכן סע האט ארונטערגעהאנגען א שווערער פון האלץ־געשניצט יידישער מארטירער, וועמען די רוימער זאָלן אמאָל האבן געקרייציקט מיט נאך יידן אין די גאסן פון דער הייליקער און אייביקער יידישער שטאט ירושלים. אויף, ארום, און אין דער הייל, איז נישט געווען קיין שום סימן ניט פון א מצבה, ניט קיין יידישע און ניט קיין קריסטלעכע. געוווסט האָט מען, אז איבער דעם קבר קומען צעבראכענע געמיטער זיך אויסוויינען און בעטן אז דער, וואס ליגט דא אינעם דאזיקן קבר, זאל זיי זיין א גוטער מליץ־יושר. טייל האבן פארן פארלאזן דאס ארט געזאגט א קאפיטל תהילים, אנדערע האבן זיך דריי מאל איבערגעצלמט, פארלאָזנדיק דאס ארט מיט א לייכטער געמיט און מיט האפענונג אין הארצן.

איצט, אז איר האט שוין פאר זיך א שטיקל באגריף וויאזוי דאס קבר האט אויסגעזען, וואס דא ארום פלעגט זיך שטילערהייט אָפשפילן, וועט אפשר ניט זיין מיר געערעכנט לגנאי, אויב כ׳וועל אייך אויסזאגן, אז אויך איך האב געהאט איבערגענעכטיקט אין דער דאזיקער הייל. געשען איז דאס טאקע אין א ווינטער־נאכט. איך האב זיך געלאזט גיין אין א קאלטן און פראָסטיקן טאג, געננוי ערב ראש חודש כסלו, פון אוניעוו קיין פרעמישלאן, א סך־הכול

צען קילאָמעטער, כדי אפצוהאלטן מיין מאמעס, בילה בינה בת מרדכי ארי׳ ע״ה, יארצייט. דער וועג איז מיר געווען גוט באקאנט און געוווסט האב איך אז אפילו אין ווינטער־צייט דארף איך אויך באווייזן אנצוקומען א שמיץ פאר מנחה־צייט אין שטוב־אריין צו מיינע זיידע־באָבע פון טאטנס צד. גערעכנט האב איך, און דאָס האט זיך מיר לרוב געטראפן, אז גייענדיק וועט מסתמא אָנפאָרן פון ערגעץ א געשפאן און איך וועל האבן א קפיצת הדרך ביז אין שטוב־אריין. געשען איז אבער אלץ קאפויער; ניט נאר ס׳האט זיך נישט געמאכט קיין שום געלעגנהייט צו קענען זיך מיטכאפן מיט אן אנפארנדיקן, נאר ווי פון דער העלער הויט ארויס, ניט געריכט זיך דארויף, האט גענומען פאלן א שניי. צוערשט האבן זיך באוויזן קוים צום באמערקן קליינינקע שניי־שטערנדלעך באגלייט מיט זונשיין. נו, דארוף דארף מען זיין גרייט ווינטער־צייט. אבער ווער האט זיך געזאלט ריכטן, אז מיט קוים א האלבער שעה שפעטער וועט ווערן וימש חושך. דער הימל איז פארצויגן געווארן מיט א גרויער קאלדרע און שניי האט אנגעהויבן פאלן, ווי פון טויזנטער אויפגעריסענע פערענעס די פעדערן, און דער גאנג אינעם אנפאליקן שניי, וואס איז ניט זעענדיק ווען געווארן אלץ העכער און געדיכטער, איז שווערער געווארן. א באגאָסענער מיט טייכן שווייס האב איך זיך קוים דערשלעפט ביזן דאזיקן הילצערנעם צלם אויף וועלכן עס איז געווען אנגעפאלן א הויפן מיט שניי און וואס זיינע קאנטורן האבן זיך נאך ארויסגעזעען אין גיכן צופאלן פון דער נאכט, וואס דער ווייסער טיפער שניי האט באלויכטן. דערהערנדיק פון ווייטענישן דאס וואָיען פון הינט, האב איך צום ערשטן מאל אין לעבן א קלער געטאן וועגן וועל־פישער סכנה און מיט גרויסן אנשטרענגונג צוגעאיילט מיין גרויזען אין די שנייען. א צופרידענער בין איך אריין אין דער דערבייאיקער הייל און צוגעשפארט די טיר, וואס איז געשטאנען האלב אפן און פארבלאזן מיט א בארג שניי. ארום מיר איז געווען שטאָק פינצטער און א שטילקייט, וואס האט געפייניקט מיט פחדים. האב

איך פאמעלעך, נאכן אפכאפן אביסל דעם אטעם, אראפגענומען דאס זעקל משא וואס פארוואַרפן איבערן אקסל און ארויסגענומען פונעם פעקל גרויסע נשמה־ליכט צוויי, אָנגעצונדן זיי און אנגע־טאָפּיעט אויפן קבר און געדאוונט מעריב. צום עסן האב איך נישט געהאט גארנישט מיט זיך, אבער א פלאש בראנפן מיט אנגע־באקענע מאָן־קיכלעך איז געווען. דאס איז נאך מיט עטלעכע טעג פריער געווען צוגעגרייט, כדי צו געבן תיקון נאכן שחרית־דאווענען און נאכן קדיש זאגן. האב איך אנגעגאסן א כוסע צו מאכן, פארביסן מיט עטלעכע קיכלעך און געהאט ביי זיך באשטימט דאָ די נאכט איבערצוזיצן. און כדי איך זאל ניט איינ־שלאפן האב איך ארויסגענומען מיין סידורל און אנגעהויבן זאגן מיט א נאגנדיקן ניגון קאפיטלעך תהילים. איך האב ביי זיך אפילו געקלערט צי וועל איך דארפן אזוי אפשטיין אויף די פיס א גאנצע נאכט, ווייל ס'איז מיר עפּעס געווען זייער פריקרע זיך אויפן קבר אוועקצוזעצן . . .

— — — — —

א שטארקע קעלט אין די ביינער האט מיך אויפגעוועקט. די טיר פון דער הייל איז געווען אביסל אויפגעשפארט, דאס האט זיכער דער ווינט איבערנאכט זי א שטופ געטאן. די נשמה־ליכט האבן באלויכטן די הייל און איך בין גאר געלעגן פאפערעק דעם קבר אויף וועלכן איך האב געמוזט איינשלאפן ניט ווויסנדיק ווען און וויאזוי. כ'האב ברייטער אויפגעשטופט די טיר. אין דרויסן איז געווען העלער טאג. האב איך זיך דערוואַרעמט מיט א כוסעלע אקעוויט אויסגעלאשן די ליכט, אז נאך מיין אוועק זאל זיך דא קיין שריפה נישט מאכן און כ'בין בשלום אנגעקומען צו מיינע זיידע־באבע אין שטוב אריין.

זיצנדיק מיט מיין זיידן ביים וואַרעמעס עסן, האב איך אים כלאחר־יד דערציילט, וואס מיט מיר איז געשען. נאך דעם ווי ער

האט פארענדיקט ברכת־המזון, האט ער זיך אפגערופן, צו זיך מער ווי צו מיר:

— מערקווערדיק, מה שאירע ליעקב אירע ליוסף.

מיין זיידע, א ליכטיקער גן־עדן אויף אים, איז געווען א ייד פון ווייניק רייד. ער האט ליב געהאט אלץ ברמז און פארלאנגט פון מיר, אז איך זאל זיין א מבין דבר מתוך דבר. און היות ער האט ניט ליב געהאט צו רעדן, האט ער נאך מער פיינט געהאט צו פארגעסן דאס, וואס סע פלעגט זיך אים ארויסכאפן פון מויל. איך אבער, פון נאטור א נייגעריקער און א שטיקל גריבלער אויך נאך דערצו, האב זיך אנגעכאפט אין דעם, וואס ער האט אקערשט ארויסגעזאגט און ביזן צוריקפארן אין דאָרף אריין האב איך אים צום ווייפלטן מאל געבעטן:

— זיידע, נו, זאג שוין, וואס איז דער פירוש פון דיינע ווערטער? וואס מיינסטו מיט דעם פסוק אין רש״י?

— וואס איז דאס געאיילעניש? וואס קענסטו ניט צוווארטן אביסל? אי״ה, מוצאי־שבת־חנוכה, וועסט צוריק זיין פון דארף, די באבע וועט זיין פארנומען מיט אויסלאזן שמאלץ אויף פסח, וועט זיין א שעת־הכושר צו שמועסן. דערווייל פרעג דער באבען, אפשר ווייסט זי עפעס צו דערציילן וועגן דער הייל אין וועלכער האסט געהאט א זכות איבערצונעכטיקן? משום דרך־ארץ האב איך מיין זיידן מער ניט געפרעגט קיין שאלות און פון דער באבען מיינער בין איך געוואר־געווארן, אז אין דער הייל ליגט באגראבן א משומד, וועלכער איז געווען א גרויסער למדן און אז דער זיידע האט אים נאך גוט געקענט, כאטשע — האט זי צוגעגעבן — ער איז געווען א סך עלטער פון אים, פון זיידן הייסט דאס.

סע זענען געווען לאנגע, גאר לאנגע עטלעכע וואכן פאר מיר. מיין גאנץ לעבן האב איך ניט געוואגט שטעלן מיין זיידן קיין קשיות וועגן סתם זאכן, א חוץ אין ענינים פון לערנען. בטבע איז ער, מיין זיידע, געווען א ייד א שווייגער, אלעמאל פארטראכט, געהאט וועגן וואס צו זארגן און אריינטראכטן. און ווי נאר ער

האט זיך אפגעפארטיקט מיט זיין טעגלעכער ארבעט, פרנסה־ענינים, איז ער שוין געשטאנען איבערגעבויגן איבער א ספר און ארייננעברומט אין זיך, ווי א מענטש וועלכער פירט מיט זיך א וויכוח ביים לערנען. איצט, האב איך געהאט ביי זיך באשלאסן, אז טאקע באלד נאך הבדלה, זאל איך דערמאנען מיין זיידן וועגן דעם צוזאג יענעם טאג, ווען כ׳האב געהאט יארצייט. אבער דאס איז לחלוטין געווארן איבעריק. איך האב דאס ארויסגעלערנט פון זיין ווארעמען שמייכל אין די אויגן, שבת נאכן טשאלנט.

איך ווייס ניט וויאזוי ביי אייך, אבער ביי מיין זיידן אין שטוב האט דער שאבייסע־נאכטס געהאט גאר א באזונדערן טעם. גאר באזונדער אין די ווינטער־נעכט. ווי־נאר מיין באבע האט אפגע־זאגט אין דער שבתדיקער טונקלקייט, מיט שטילן ציטער אין איר שטים „גאט פון אברהם״, האט שוין לאנג נישט געדויערט און דער זיידע איז צוריקגעקומען פון „מעריב״, די באבע האט אנגעצונדן ליכט און דער זיידע האט געמאכט „הבדלה״. אז ער האט שוין געהאט ארייננעשטעקט זיינע באנעצטע מיט הבדלה־וויין שפיץ־פינגער אין אלע קעשענעס און באגלייט מיט די ווערטער „סימן טוב ומזל טוב...״ און נאכן „ויתן לך״ אלעמען געבענטשט מיט „גוט־וואך״, האט ער אליין אנגעצונדן דעם הענג־לאמפ און אין שטוב איז פארשוואונדן געווארן דער אומעט פון שבתדיקן בין־השמשות. מען האט איינגעהייצט דעם קאכל־אויוון, וואס נעבן אים איז שטענדיק אין די ווינטער־חדשים געשטאנען א באקוועמע באנק צום זיצן. מען האט צוגעשטעלט דעם גרויסן טיש מיט נאך א טיש־לאמפ. אויף א האלב־פאר־שפרייטן טיש — שבת איז דער טיש געווען גאנץ פארשפרייט — האט די באבע מיינע צוגעגרייט פאר אונדז אלעמען דאס מלווה־מלכה מאלצייט. אין א זייט טיש ווו דער לאמפ איז געשטאנען, איז שוין געלעגן מיין זיידנס גרויסער מדרש רבא און תנחומא, וואס איז געווען זיין באליבט לערנען אלע שבת־צו־נאכטסן. זעט אויס אז אויך ער האט ליב געהאט אנצוהייבן די נייע

וואָך מיט א לייכטער לערנען. בעתן עסן האט זיך פאמעלעך אריינגעגאנוועט א זיסער ריח פון דער ספעציעל אנגעליטער פלאטע פון גוס־אייזן, וואס איז געווען פייערדיק־רויט און אויף וואס סע האט זיך פאמעלעך אנגעהויבן פרעגלען דאס פסחדיקע שמאלץ אויף דער פסחדיק געכשרטער הרובע אין קיך. שפעט אין טיפער נאכט־אריין, די שטוב איז געווען אנגעפילט מיטן גוטן ריח פון די געפרעגלטע גריווענעס, וואס די באבע האט צודער־לאנגט צום טיש, האט מיין זיידע זיך אפגערופן צו מיר:

— נו, איצט אז האסט חשק וועל איך דיר דערציילן עפעס וועגן דעם אוניעווער משומד. ער האט ניט געווארט אויף מיין ענטפער און אנגעהויבן דערציילן:

דאס מיין קינד איז נישט סתם א מעשה וואס מען לייענט אמאל אין די מעשה־ביכלעך. דאס וואס איך דערצייל דיר איז אמת. איך האב אים געקענט אסך יארן, געווען מיינער א שטיקל ידיד ביזן טויט־אריין. שווער צו וויסן אויב מע דארף מלמד־זכות־זיין אויף אזא איינעם נאר, ווי געזאגט וויל איך מיך נישט אריינמישן אין זאכן פון בין אדם למקום. איך דארף זיך נישט אננעמען דעם רבונו־של־עולמס קריוודעס, ער קען זיך זיין שטעטל אליין באשטיין. טא וועל איך מער נישט מאריך־זיין און מירן צוגיין צום ענין:

...איך בין נאך געווען א בחור, געגעסן טעג און געלערנט אין בארזשאנער בית־מדרש. מיין פאטער, א ייד א זקן, האט זיך מפרנס־געווען פון לערנען גמרא מיט עטלעכע באלעבאטישע איידעמלעך־אויף־קעסט, אדער קעסט־קינדער ווי מע האט זיי גערופן. שפעטער האט מיין פאטער נאכאמאל חתונה־געהאט קיין פרעמישלאן. איידער ער האט פארלאזט בערזשאן, בין איך א חתן געווארן מיט דער באבע, איר אויף לאנגע יארן. מיר שטאמען אפ פון קיעווער גובערניע. קיין בארזשאן זענען מיר געפארן ווייל דער ביליקאמענער ז״ל האט אזוי געהייסן, מיר זענען ביליקא־מענער חסידים. ס׳איז גראד געווען אין סאמע תשעה־באב, דער

טאג ווען איך בין געבוירן. כ׳בין דעמאלט שוין געווען א בחור געגוי זעכצן יאר אלט. ס׳הארץ האט געטאמלט און סע האט מיר אביסל געשווינדלט פאר ד׳אויגן און פאר מיר איז געלעגן אפן דער מדרש איכה. די טיר פון בית־מדרש איז צוליב דער פאר־נעקייט, געווען גראד א הייסער טאג, געשטאנען אפן. פלוצעם האט זיך באוויזן אויף דער טיר א פרעמדער פארשוין, זיך געפרעגט ביי די בחורים ניט ווייט פון ארייגאנג אויף ווענען. כ׳האב באמערקט ווי זיי וויזן מיט די הענט אין מיין זייט ווו איך בין געזעסן. זיי זענען טאקע גלייך צוגעקומען מיטן דאזיקן מענטש צו מיר און געזאגט:

— דער ייד פרעגט זיך אויף דיין טאטן.

— מיין טאטן גאר? האב איך נייגעריק איבערגעפרעגט — פון וואנעט קענט איר אים?

— יונגערמאן — האט ער קוים צו דערהערן געענטפערט — נאכוואס איבעריקע שאלות אין א טאג ווען מע האט קיין כוח־נישט צו רעדן?

ניט וויסנדיק געגוי וואס פאר א כוונה ס׳איז געלעגן אין זיינע ווערטער, האב איך זיך אביסל געפילט שולדיק און קודם־כל געגעבן אים „שלום״ און געבעטן אים ער זאל זיך צוזעצן. כ׳האב צוגעמאכט דאס ספר און גענומען אים באטראכטן. ער איז געווען א גבר משכמו ומעלה, ברייטע אקסל, א זעלטן שטאלטנער קאפ מיט העלע גאלדענע האר, גוטמוטיקע צוויי בלאָווע אויגן פאר־קלערטע און בארד און פיאות העל־בלאנד. אגב, איז מיר אויפגע־פאלן און ס׳האט זיך מיר אויסגעדאכט אז ער האט גאר ניט געהאט קיין פיאות, נאר די האר פון קאפ־אן האבן זיך ארייגע־וועבט אין דער שיינער, ברייט־צעוואקסענער העלער בארד און וואנצעס. דאס מויל זיינס איז געווען זייער שיין געשניצט און צוויי רייען ווייסע, געזונטע ציין האָבן נאך בולטער באוויזן וואס פארא שיינער ייד דאס איז. גערעדט האט ער בנעימותדיק, ניט געאיילט זיך און זיינע תנועות האבן געוויזן זיין אויפאלנדיקע איידלקייט.

— ס'איז דאך סיי־ווי נאך ווייט צו מנחה־מעריב — האב איך זיך צו אים אנגערופן — וועט אפשר זיין בעסער ניט צו שטערן מיין פאטער, טאמער האט ער זיך צוגעלייגט כאפן א דרימל. וועט איר אפשר שוין דא בלייבן ביז מ'עט אפדאווענען, וועט מען גיין עפעס טועם־זיין נאך אזא שווערן תענית.

— וויאזוי רופט מען אייך, יונגערמאן? כ'מיין צו זאגן, וואס איז אייער נאמען? — האט דער פרעמדער געפרעגט און באלד ווייטער געזאגט — איך הייס נחום, ווען איך בין אזוי אלט געווען ווי איר, האט מען מיך שוין אפילו געפרווט רופן ר' נחומקע. לאמיך אייך אויסזאגן א גרויסן סוד, דהיינו, מיין ווייב מיט די קינדערלעך זיצן דערווייל אויפן וועגעלע; מיר זענען ערשט ניט לאנג פארפארן אויפן בית־מדרש הויף און דער גוישער אנטרייבער איילט זיך צוריקצופארן, ער האט אונדז פון נאראיעוו אהער געפירט און דארף באצייטנס זיך לאזן צוריק אין וועג אריין.

דערהערט אזא מעשה, בין איך באלד אהיימגעלאפן און געבראכט דעם טאטן מיינעם אין בית־מדרש־אריין. דערזעענדיק מיך מיטן טאטן, ווארטנדיק מיט ווייב און קינדערלעך אויפן בית־מדרש הויף לעבן געשפאן, איז ער אונדז, בעסער געזאגט דעם טאטן מיינעם, געלאפן אנטקעגן און מיט פרייד אויסגערופן:

— רבי ישראל־חיים?

דער טאטע מיינער האט מיטן קאפ א שאקל געטאן אויף יא, נאר צוליב תשעה־באב האט ער אים ערשט נאכן מעריב־דאווענען געגעבן „שלום". און ער ר' נחומקע, האט פון בוזעם־קעשענע ארויסגענומען און אים דערלאנגט א פארזיגלטן בריוו, וואס דער רב פון שטעטל האט אים מיטגעגעבן. מיין פאטער ע"ה, האט לאנג ארייגעקוקט אינעם דאזיקן בריוו, געקוקט אויף דעם יידן מיט זיינע בני־בית און זיך אפגערופן צו מיר: יאשע לעבן, לויף באלד אריבער אין דער אלמנהס אכסניה און הייס איר צוגרייטן א חדר פאר ר' נחומען מיט ווייב און קינדער. זאג איר

אז נאכ׳ן תענית וועל איך אריבערקומען אהין. בקיצור מען האט זיי צוגעפירט אויף דער אכסניה. אז די באלעבאסטע פון דער אכסניה האט דערזען דעם יידן מיט צוויי קליינע מיידעלעך און א דריט קינד איז שוין געווען אין וועג, די ווייבל זיינע אין די העכערע חדשים, האט זי ארויסגעוויזן סימנים פון חרטה און נישט געהאט קיין גרויס חשק זיי צו פארדינגען א שטיבל. מיין פאטער האט דאס באלד דערקענט אין אירע רייד, האט ער איר פארזיכערט, אז דאס איז נאר אויף דערווייל, אז ס׳וועט ניט דויערן קיין פיר וואכן ניט און דער ייד וועט זיך זען צו דינגען א דירה מיט מער באקוועמלעכקייטן. אזוי איז עס טאקע געווען. ער, ר׳ נחומקע, האט מיט זיך מיטגעבראכט אביסל בעט-געוואנט און אנדערע שטוב-זאכן, נישט קיין מעבל, און אין בעטגעוואנט איז געווען אין די פעדערן פארבאהאלטן א שטיקל פארמעגן, א וועלכע פינף און צוואנציק גאלד-רובל. לאנג האט עס נישט גענומען און זי די ווייב זיינע איז געלעגן-געווארן מיט א צווילינג און נאך איידער ער, ר׳ נחומקע, האט באוויזן זיך צוצושלאגן צו עפעס א שטיקל פרנסה, האט ער שוין גענדארפט זארגן פאר זעקס נפשות צו דערנערן. א קלייניקייט, פיר מיידעלעך און ווי ס׳אט זיך שפעטער ארויסגעוויזן, איז די ווייב גאר געווען א קרענקלעכע, איז מער געלעגן ווי ארומגעגאנגען.

— זיידע, און וואס איז געווען געשריבן אינעם בריוו צום עלטער-זיידן מיינעם? — האב איך אויסנוצנדיק זיינע א מינוט שווייגן, א פרעג געטאן.

— א, וועגן תוכן פונעם בריוו פרעגסטו? — האט מיין זיידע ווייטער גענומען דערציילן — דעם בריוו האט מיר דער טאטע ניט געוויזן, נאר על-פי צופאל האב איך אים געהאט געפונען צווישן א סטויס מיט נאך פאפירן וואס מיט א פאר יאר שפעטער ס׳האט מיר דער פאטער געגעבן איבערצוקלויבן, ער האט דעמאלט שוין געהאלטן ביי עפעס א שידוך טאן מיט זיך אין פרעמישלאן. איך האב דעם בריוו געלייענט און שטארק באוואונדערט דעם

כתב־יד פון יענעם רב אין אוקראַינישן שטעטל. דער ענין איז געווען אַ פאַרשטעלטער און נאָר מיין פאָטער אַליין האָט געוווסט וועגן וואָס עס האָט זיך דאָ געהאַנדלט. מיר איז נאָר אויפגעפאַלן איין פסוק מיט וועלכן דער דאָרטיקער רב האָט געגעבן צו פאַרשטיין אַז „היות און ר׳ איז אַ גרויסער למדן און ירא־שמים, קינדערלעך הייבן־אָן גרעסער צו ווערן און בייזע צינגער הייבן אָן טרייבן רכילות און דאָס קען חלילה ברענגען צו ביטערע שפיכת־דמים, איז דערפאַר פאַר אים געבליבן צו לערנען פרשת לך־לך וד״ל״.

נאָכדעם, ווי כ׳האָב שוין געהאַט אַדורכגעלייענט דעם בריוו האָב איך געפרעגט מיין טאַטן וואָס ער רעכנט מיט דעם בריוו צו טאָן. לכתחילה האָט אים שטאַרק פאַרדראָסן, וואָס דער בריוו אין וועלכן ער האָט שוין לאַנג געהאַט פאַרגעסן, איז אַריינגעפאַלן אין מיינע הענט. האָט ער מיך געבעטן דערפון חלילה ניט עמעצן דערציילן און טאַקע אים באַלד אַריינגעלייגט אין פייער צום פאַרברענען. שפּעטער אָבער האָט מיין פאָטער מיר דערציילט, אַז ער, ר׳ נחומקע, הייסט נאָך זיין אייגענעם טאַטן, וועמען רויבערס, ציי קאָזאַקן גאָר, האָבן דערהאַרגעט אין אַ וואַלד און די מוטער זיינע איז קוים מיטן לעבן צוריקגעקומען אין שטעטל אַריין ווו מיר האָבן אַמאָל געוווינט. דאָס איז אַ קיימאַ־לן אַכט־און־זעכציק יאָר שוין. זי, די יונגע אַלמנה, איז באַלד נאָך דער שבעה נאָך איר דערמאָרדעטן מאַן, אַוועק צום רב און אים געוואָלט פרעגן אַ שאלה און דערביי זיך צעוויינט מיט ביטערע טרערן, ממש בלוט און ניט טרערן זענען איר גערונען פון ד׳אויגן. זי האָט דערציילט דעם רב, בכן זי איז שוין איבער צוויי חדשים מעוברת, און אַז די רויבערס האָבן זי פאַרשלעפּט צווישן ביימער און וויאַזוי דעם מאַן אירן האָבן זיי אינצווישן דערהרגעט, ווייל ער האָט זיך געפּרוווט ווערן קעגן זיי... דעם רב האָט זי פאַרזיכערט, אַז דאָס קינד, וואָס וועט געבוירן ווערן איז אַ כשר קינד. עדות האָט אויך דאָרוף געזאָגט די אַלטע טיקערן, וואָס האָט געהאַלטן די

השגחה איבער דער ווייבערישער מקווה אין שטעטל... קוים זיבן חדשים נאכן אומגליק האט זי געבוירן א יינגל און אים א נאמען געגעבן נאך זיין אומגליקלעך אומגעקומענעם טאטן — נחום, דעם מוכר תבואהניק. אבער, אפגעהיטן זאל מען ווערן פון בייזע צינגער!...

ביי די ווערטער האט מיין זיידע זיך א ווײַלע אפגעשטעלט אין עפעס טיף אריינגעטראכט, און ווייטער ממשיך־געווען:

— לאנג האט עס ניט געדויערט און ר׳ נחום האט באקומען א שם פאר א לייטישן און בכבודיקן ייד אין שטאט. אלע, אפילו דער שטאטישער רב, האבן ליב געהאט מיט אים צו שמועסן אין לערנען, אבער קיינער האט ניט געפרווווט א קלער טאן און פרעגן אים צי האט ער אויף פרנסה, און אפשר גאר דארף ער פאר א שטיקל צייט א גמילת־חסד, כדי זיך איינצוקויפן עפעס א ביסל סחורה און עפענען זיך א געוועלבל. בטבע א פריילעכער, א ייד מיט חסידישן ברען, וועלכער האט פיינט געהאט עצבות, האט ער פאר קיינעמען נישט אויסדערציילט וואס אים פייניקט. מפרנס געווען האט ער זיך דורך פאריכטן פויערישע פעלצן און אין די ווינטער־נעכט צוגעקנעלט אביסל מיט עטלעכע תלמידים. די הכנסה האט אבער ניט געסטאיעט און אין שטוב ביי אים האבן די קינדערלעך ניט געגעסן צו דער זאט, ווייל צוליב דער ווייבס שטענדיקן קראנק זיין איז יעדער גראשן אוועק פאר דאקטוירים און צום אפטייקער. פאר ווען ממען זיך אויסצורעדן ס׳הארץ איז נישט געווען, ווייל מיר די איינציקע נאענטע פריינט, האבן זיך באזעצט אין פרעמישלאן.

ער, ר׳ נחומקע, האט אנגעהויבן צו קרעכצן אונטער דעם שווערן יאָך פון די טעגלעכע דאגות־פרנסה. ער האט אפילו געקענט גוט די אוקראינישע און דייטשישע לשונות, אבער מיט ליידיקע הענט האט ער גארנישט געקענט אויפטאן. דערצו האט דער אומעט און דער ווייבס קרענקען פון שטוב אים געיאגט. די קינדערלעך, פיר מיידעלעך, די עלצטע שוין א בוגרת, האבן

אויסגעזען בלאס, ניט גוט דערנערט און ניט אנגעטאן ווי ס׳דארף צו זיין. ער, ר׳ נחום, איז נאך קיין פולע פערציק ניט אלט געווען און א הייסבלוטיקער דערצו, האט ער מיט זיך אנגעהויבן איינצו־טענהן און צום וויפלטן מאל אויפן קול ארויסגעשפארט: זו היא תורה וזו שכרה?...

איין שיינעם פרימאָרגן, געווען איז דאָס צוויי וואָכן פאר שבועות — האָט מיין זיידע, טרינקענדיק זיין הייס גלעזל טיי מיט לימענע, ווייטער דערציילט — כ׳בין נאָרוואָס געהאט אריינ־געקומען פון בית־המדרש, פון דאווענען; די באָבע איז געשטאנען און זיך געפאָרעט מיטן צוגרייטן דעם סאמאָוואר, גיט זיך ברייט אן עפן אויף די טיר און ווער שפאנט אריין ווי אן אומגעריכטער גאסט? ר׳ נחומקע.

— א ס׳קאָצל קומט — האָט אויסגערופן די באָבע. איך, האָב אים געגעבן א ברייטן „שלום־עליכם״, אוועקגעשטעלט זיין פעקל, געהייסן אים זיך וואשן די הענט און די באָבע האָט דערוויילע געגרייט דעם טיש צום אָנבייסן.

ארום מיטיק־צייט, זענען מיר ביידע אריבערגעגאנגען צום טאטן מיינעם און בעתן צעשמועסן זיך, האָט ער אים געבעטן, אז ער זאָל מיט אים צוגיין צו א האָרטאַווניק פון שמוישן און אנדערע פעלצלעך און פאר אים גוט זאָגן, ווייל ער וויל די סחורה אויף באָרג, אוועקצושטעלן זיך מיט איר אויפן אוניעוער יאריד צום פארקויפן. ער האָט פארן טאטן מיינעם ניט געהאלטן קיין סוד און פאר אים זיך אראָפגערעדט פון הארצן, געוויינט אויף זיין ביטער מזל און שווערער דאָליע. מיין פאָטער ע״ה, האָט אים גענומען טרייסטן און געפרווט אים באוויזן מיט כל מיני ראיות, אז ער זאָל זיך נישט מייאש־זיין, אז ר׳איז נאָך יונג און דער רבונו־של־עולם קאָן העלפן. מיך האָט ווי עפעס א שרעק ארומ־גענומען ווען איך האָב א קלער געטאָן: ווי קומט עס מיין פאָטער

זאָל זאָגן „קאָן העלפן" און ניט „וועט העלפן"? זעט אויס אז מיין פאָטער האָט פאר ר' נחומען ניט געזען קיין הילף מער...

הכלל, מיר זענען מיט אים אוועק צו ר' משה־מאיר דעם פעלץ־סוחר און ר' נחומקע איז פון דאָרטן צוריק צו מיר אין שטוב־אריין א צופרידענער. סחורה אויף באָרג וועט ער קריגן. ער האָט ארויסגענומען פון זיין טייסטערל א פאפירל און עס אויפגעוויקלט און מיר דערלאנגט אין האנט אריין צען גאָלדענע רובל און זיך אָפגערופן כהאי לישנא:

— „דאָס, רעב יאָשע סערצע, זענען מיינע לעצטע מטבעות. געהאט אזעלכע פינף־און־צוואָנציק, ווען כ'בין מיט קרוב פינף יאָר קאריק אָנגעקומען אין סאמע תשעה־באב קיין ברעזשאן. די דאָזיקע צען רובל האָב איך בשום אופן ניט געוואָלט אויסבייטן. געווען ביטערע טעג פול מיט עגמת־נפש, הונגער און וואָס ניט? אָבער דאָס געלט האָב איך מיר געהאט א נדר־געטאָן ניט אָנצורירן. דאָס, האָב איך געזאָגט, וועט זיין אָן אָנהייב פון קלויבן א נדן פאר מיין עלטסטער טאָכטער, רייזעלע, ווען זי וועט אונטערוואקסן און דארפן א כלה ווערן".

די צען גאָלד־רובל האָט ער מיך געבעטן זיי צו באהאלטן און אז השית"ב וועט העלפן אז די צייט וועט קומען און זיין רייזעלע, זי איז דעמאָלט שוין אלט געווען צוועלף יאָר, וועט א כלה ווערן, ווען דאָס זיין די ערשטע צען גאָלד שטיקלעך א כלה־מתנה. נו, דער מענטש טראכט און דער טייוול רחמנא ליצלן לאכט... אויסגעלאָזט האָט זיך נעביך אזוי, אז מיר האָבן זי חתונה־געמאכט און איר איבערגעגעבן די גאָלד־שטיקלעך. ערשט יאָרן שפּעטער האָב איך איר אויסגעזאָגט פון וואנעט די צען גאָלד־רובל האָבן זיך גענומען.

איצט, לאָמיר זיך אומקערן צו אונדזער ר' נחומען. אָפּגעוועזן ביי אונדז עטלעכע טעג, געהאלטן שבת מיט אונדז און אין קלויז געדאוונט שחרית און מוסף פארן עמוד. געווען א גרויסער בעל־מנגן. דער עולם האָט איבערגעלעבט אן עונג־שבת, געלעקט די

פינגער פון זיין דאווענען. זונטיק אין דער פרי איז ער א צו־פרידענער, פול מיט ביטחון, צוריקגעפאָרן צו זיך אהיים כדי ניט לאָזן די בני־בית זיינע שבועות אליין, און צוגעזאָגט מודיע צו זיין איידער ער וועט קומען צופאָרן נאָך דער סחורה ערב דעם יאריד.

סוחרים און קרעמערס פון נאָענט און ווייט האָבן זיך שוין באוויזן אין שטאָט און די בתי־מדרשים זענען געווען איבער־געפולט מיט מתפללים, חסידים, יידן לומדים און סתם־יידן. ס'איז שווער געווען זיך אן עצה צו געבן מיט „עליות״ און נדרים זענען געפאלן אין די הונדערטערס. די אכסניות און די כשר־מאָלצייטן האָבן געזשויבעט און באלד נאָך יום־טוב האָט זיך דער עולם א לאָז געטאָן קיין אוניעוו. יעדער האָט געוואָלט צוקומען וואָס גיכער צו א גוט שטיקל פלאַץ אוועקצושטעלן זיין געצעלט מיט סחורה, אָדער באצייטנס זיך איינקווארטירן ביי די דאָרפישע יידן און להבדיל ביי פויערים, וועלכע האָבן יאָר יערלעך געווארט אויף די זעלביקע סוחרים וועמען זיי פלעגן פארדינגען זייערע בעסטע חדרים און אליין לעבן אויף זייערע פאָדווירעס (הויפן) און אין די שטאַלן. דערפאר אָבער האָבן זיי גוט פארדינט און אז דער ווינטער פלעגט זיך דער־נענטערן האָבן זיי זיך באוויזן אין די קראָמען און יידן האָבן געלייזט פארקויפנדיק לעדער אויף שטיוול, צייג אויף הויזן און הערינג, די יידישע שענקען האָבן אויך גוט פארדינט. מיט איין וואָרט — דער אוניוווער יאריד האָט געדויערט גאנצע פיר וואָכן און סיי יידן סיי להבדיל גויים האָבן פון אים געהאט גרויסע רווחים.

דער זומער פון ערב שבועות אָן האָט זיך געשטעלט א שיינער און א ווארעמער. די תבואות אויף די פעלדער, דאָס גרינצייג אין די גערטנער און די שווער באלאָדענעביימער מיט פירות אין די סאדעס, דאָס אַלץ האָט געגרינט און געצייטיקט. גלחים פון שטעט, דערפער, פון אומעטום, האָבן זיך געיאוועט און געפראוועט זייער „וויטפוסט״, געהאלטן מוסר־דרשות אויפן

גרויסן שטח אין און ארום דעם מאַנאסטיר, ווו די הייליקע מוטער זייערע זאָל זיך אמאָל האָבן באוויזן ביים דאָרטיקן וואַסער־קוואַל. פויערים רייכע, מיט זייערע משפחות, קאַליקעס וואָס זענען געקומען זיך היילן אינעם וואסער פון דאָזיקן הייליקן ברונעם, זענען זיך אָנגעפאָרן אהער אין די טויזנטער מארבע פינות גאַליציע. ס׳איז געווען וואָס צו זען, צו הערן און דערציילן. און צום קויפן און פארקויפן איז געווען פון כל־טוב.

א טאָג נאָך שבועות איז אָנגעקומען מיטן באַן צופאָרן ר׳ נחומקע. מיר אלע האָבן געדונגען א געשפאַן און מ׳איז אוועק מיט סחורה, יעדער מיט זיין סאָרט, קיין אוניעוו אויפן יאַריד.

די נסיעה פון פּרעמישלאַן קיין אוניעוו האָט גענומען אַן ערך צוויי שעה. זיצנדיק צו דריט קעגנאַנאַנדער, האָט מען דערווײַלע אריינגעכאפּט א דבר־תורה פארבראַקט מיט א הלצהלע און מיט א לחיים צום רבין, אז זיין ברכה זאָל מקויים־ווערן, אז ס׳זאָל זיין מיטן רעכטן פוס און מיט הצלחה. די גאנצע צייט פון דער נסיעה האָב איך געהאלטן אַן אויג אויף ר׳ נחומען; געזען זיין עצבות און צעטראַגנקייט און געוואָלט נאָך אלעם פארשטיין וואָס מיט אים טוט זיך, נאָר פרעגן איבעריקע קשיות, ווען יענער האלט אלץ אין זיך, איז קיינמאָל נישט מיין טבע.

אז מיר זענען פארפאָרן אויף דער פאָדווירע פון אונדזערס א באקאנטן תושב אין דאָרף, איז ניט מיגלעך געווען דאָרט זיך אויסצודרייען. אומעטום געווען געפאַקט מיט יידן סוחרים און מיט ניט יידן. איז יעדער גלעאָפן זען צי איז זיין פאראיאָריק שטיקל פלאַץ נאָך נישט פון קיין אנדערן פארנומען געוואָרן, זיך צעלייגט מיט געשטעלן און ברעטער אויף אויסצולייגן די סחורות. נחומקע האָט אָבער נישט געהאָט נישט קיין אָרט פאר אויסצולייגן די פעלצן זיינע און נישט קיין אכסניה ווו דעם קאָפּ אוועקצולייגן. האָט ער זיך מיישב־געווען און געלאָזט ליגן די גאנצע סחורה לעבן אונדזער געשטעל, איך זאָג לעבן אונדזער, ווייל די באָבע דיינע און מיין בכור, דיין טאטע, ער איז שוין געווען א בחורל

אין פערטן יאָר און שוין געלערנט ביי שלומה מלמד אין חדר, זענען מיטגעווען. יאָ, מיר האָבן דערוויילן אכטונג געגעבן אויף דער סחורה און ער, נחומקע, איז אוועק זוכן צו דינגען אן אָרט ווו צו וווינען און טאקע ווו אוועקצושטעלן זיך מיט דער סחורה זיינער. דאָס איז געווען קוים א זייגער אכט אין דער פרי. ארום מיטיק־צייט איז ער געקומען צופאָרן אן אויפגעהייטערטער, א פריילעכער, גאָר אן אנדערער מענטש נישט צום דערקענען; דער פורמאן, א געזונטער שלאכטשיץ, ניט סתם מיר א דאָרפס גוי, האָט ארויפגעלייגט זיין פאק שמוישן אויף דעם וואָגן און מיט א ברכה „ס׳זאל זיין מיט הצלחה״ האָט מען זיך דערוויילן געזעגנט.

ערב שבת, דאָס הייסט נאָכדעם מ׳איז אָפגעלעגן כמעט א גאנצע וואָך אויפן יאריד אין דאָרף, האָט מען אייגעפאקט די נאָכגעבליבענע פארקויפטע סחורות און אהיימגעפאָרן מאכן שבת. אזוי האָבן ס׳רוב סוחרים פון די נאָענטע מקומות, ווי מיר למשל, זיך נוהג־געווען. באלד מוצאי־שבת נאָך דער מלווה־מלכה, האָט מען זיך ארויפגעזעצט אויף די וועגענער און מ׳איז צוריק געפאָרן אויפן יאריד. געהייסן האָט עס אז ר׳ נחומקע וועט מיט אונדז האלטן שבת און צוריקפאָרן מיט אונדז נאָך הבדלה. אָבער אז מ׳איז שוין געווען גרייט ארויסצופאָרן פון דאָרף, איז ער אָנגעקומען צו לויפן און געלאָזט וויסן אז ער וועט דאָ פארבלייבן אויך איבער שבת. וועט דאווענען דאָ מיט אלע אנדערע יידן און אז עסן וועט ער אין דער יידישער קרעטשמע.

דער יאריד איז געווען א גוטער, די טעג זומערדיקע, הייסע, די נעכט אויסגעשטערנטע קיין סימן פון א כמארע ניט צו זען. די פויערים האָבן פשוט ניט געוווּסט אויף וואָס פריער צו בעטן. די פעלדער און די גערטנער האָבן שוין געלעכצט נאָך א ביסל רעגן, אָבער די סוחרים האָבן געבעטן אויף שיין וועטער ביז איבערן יאריד.

קוים האָט מען שוין מיט מזל דערלעבט דעם סוף פון יאריד און צופרידענע זיך גענומען גרייטן א היים, איז אונדזער ר׳

נחום געקומען צוגיין און צו מיר זיך געוואָנדן, אַז די באָבע זאָל נישט הערן, און געבעטן איך זאָל ביי אים איבערנעמען דאָס גאַנצע געלד, וואָס ער איז שולדיק געווען פאַר דער סחורה, וואָס ר׳האָט אויספּאַרקויפט ביזן לעצטן שטיקל; איך זאָל דאָס איבערגעבן מיין פאָטער ע״ה, וועלכער וועט דאָס געבן דעם הורטאָווניק מיט א גרויסן יישר־כוח, ווייל ער האָט גאָר מיטאמאָל אויסגעפּונען נייע עסקים, לכן מוז ער נאָך פאַר א שטיקל צייט ווייטער פאַרבלייבן אין דאָרף. אויך האָט ער מיר געזאָגט, אַז ר׳אָט מיטן טעלעגראַף אַרויסגעשיקט א שיינע פּאַר רייניש צו ווייב און קינדער. אַז מיין פאָטער האָט מיך דערזען קומען אָן ר׳ נחומען, האָט ער מיך מאָדנע אָנגעקוקט, אויסגעהערט וואָס איך האָב אים געהאַט צו דערציילן און פאַרענדיקט, אָפּזיפצנדיק טיף, מיט די ווערטער „זאָל זיך דער רבונו־של־עולם אויף אים מרחם־זיין״...

צו דער וואָך איז מיין פאָטער, ניט קראַנק צו זיין קיין איין טאָג נישט, איינגעשלאָפן זיין אייביקן שלאָף. איבער דער „שבעה״, און אפילו נאָך די שלושים איז דער מוח געווען פאַרטראָגן מיט פאַרשידענע ענינים און ר׳ נחומקע איז ווי אַרויס פון זיכרון. אָכט וואָכן שפּעטער האָבן מיר דערהאַלטן א בריוול פון באַרזשאַנער רב מיט דער בקשה אויפצוזוכן נחומען און זען אַז ער זאָל צוריק קומען צו ווייב און קינדער און זיי נישט מבייש־זיין. בין איך אוועק אין דאָרף אַריין, קיין אוניעוו, געוואָר צו ווערן וואָס דאָרט איז געשען. האָבן יידן אין דאָרף מיר געזאָגט, אַז ווען איך זאָל געווען קומען מיט עטלעכע טעג פריער, אפשר וואָלט איך געווען געקענט אָפּראַטעווען א יידישע נשמה. אַרויס־געוויזן האָט זיך אַז ער, נחומקע, איז שוין געווען אינעם מאָנאַסטיר ביי די גלחים, מען האָט אים געגומען צוגרייטן צו דער שמד.

ווען כ׳בין צוריקגעקומען אין שטוב־אַריין מיט דער פינצטערער בשורה, האָט די באָבע פאַרבראָכן מיט די הענט און זיך צעוויינט ווי א קליין קינד. וועגן דעם וואָס עס האָט זיך

אָפּגעטאָן אין בארזשאָן ביי דער ווייב מיט די קינדערלעך, נאָכדעם ווי איך בין אהין געפאָרן כדי איבערצוגעבן מינדלעך דעם רב, וועגן וואָס סע האָט פּאסירט, איז איבעריק מאריך־צו־זיין, קענסט זיך שוין אליין משער־זיין.

האָב איך אָנגעהויבן ארייַנקלערן און זוכן פאַרשידענע תחבולות, וויאזוי צו דערגיין דעם אמת פון דער זאך, אויסגעפינען די סיבות און די פּערזאָנען, וואָס האָבן דערצו גורם־געווען. ווידעראמאָל בין איך אוועק אין דאָרף אריין און דאָרט אָפּגעווען איבער א וואָך, אליין ניט גערוט און אנדערע יידן דערגאנגען מיינע שונאים די יאָר, ביז כ׳בין געוואָר געוואָרן אז אין דעם ענין איז פאַרבונדן עפּעס א יונגע פּריצהטע, וואָס זי זאָל אים, אזוי האָבן שוין די פּויערים אין דאָרף צווישן זיך געמורמלט, האָבן אַראָפּגעפירט פון וועג און אז צוליב איר גייט ער זיך שמדן. וויאזוי נחומקע האָט זיך דערוווּסט וועגן מיין זיין אין דאָרף א וואָך צייט, בין איך ערשט שפּעטער געוואָר געוואָרן טאקע פון אים אליין, אָבער דאָס איז געווען שוין מיט יאָרן שפּעטער. איך האָב זיך נישט געפּוילט אויסצוגעפינען ווער עס איז געווען די פּריצה און אירע עלטערן. בין איך אריבערגעגאנגען זען מיט וועמען נחומקע גייט זיך משדך־זיין. ארויסגעוויזן האָט זיך אזא מעשה: שולדיק אין דעם גאנצן עסק איז געווען דער אוניעווער יאריד. ער, נחומקע, איז געלאָפן זוכן, אויב דו קענסט זיך דער־מאנען, אַן אָרט ווו זיך אוועקצושטעלן מיט דער סחורה און א חדר צום לעבן ביז איבערן יאריד. ווייזט זיך ארויס גאָר, אז גייענדיק זוכן איז ער פאַרבייגעגאנגען פאַרן הויף פון דעם רייכסטן גאָספּאָדאר (בעל־בית) אין אוניעוו, א מענטש מיט הויכער בילדונג, זיין פאַרמעגן איז באשטאנען פון פּערציק מאָרג פעלד פון דער בעסטער ערד, וואָס האָט זיך געשטרעקט ביים דרך־המלך, לאנגאויס דעם וועג פון אוניעוו קיין פּרעמישלאן. דערצו א מיט ציגל אויסגעבויעטע באלעבאטישקייט, מיט שטאלן פאַר פערד, בהמות, חזירים און כל־מיני עופות. אפילו פּאוועס

פון שענסטן מין האָבן זיך ארומגעשפאצירט פריי אויפן הויף ארום זיין גרויסן הויז, און געשטאנען איז דאָס הויז זיינס, אגב שטייט עס טאקע נאָך, צווישן גערטנער און סאדעס, וואָס געהערט אלץ צו אים, כ׳מיין איצט צו זיינע אייניקלעך. האָט ער זיך נישט געפוילט, אונדזער נחומל, איז צוגעגאנגען נענטער צום טירל פון פלויט, וואָס ארום הויז. האָבן זיך גלייך דערהערט די קולות פון די הינט, זיי האָבן זיך געוואָלט אָפרייסן פון די קייטן, וואָס אויף זייערע העלדזער. האָט זיך אָבער באלד באוויזן אויף דער טיר דער פריץ און נאָך אים א יונגע פרויענצימער, זיינע א טאָכטער, זיי האָבן איינגעשטילט די צעווילדעוועטע הינט און אים געבעטן אריינקומען.

מיטאמאָל און מיין זיידע איז פארשוויגן־געוואָרן. ער האָט לאנג געקוקט אויף מיר, געזעען אז איך ברען פון נייגעריקייט ווייטער צו הערן און אז פון דרך־ארץ־וועגן רייס איך אים ניט איבער אין זיין שווייגן, האָט ער מיך ווידעראמאָל גוט באטראכט און ציענדיק וואָרט פאר וואָרט זיך אויפגעהויבן פון זיין אָרט, צוגעגאנגען צו זיין אלמער מיט ספרים און זיך דאָרט א היפשע פאָר מינוט ארומגעפאָרעט, געזוכט. לסוף איז ער צוריקגעקומען אויף זיין אָרט מיט א פעקל כתבים ארומגעוויקלט מיט א געלן פארמעט, ארומגעבונדן מיט א בינטל ציצית און מיט א ציטערדיקן קול, א שברים־קול, זיך אָפגערופן צו מיר:

— א היפש ביסל יאָרן ליגט שוין דאָס בינטל כתבים ביי מיר און איך האָב דאָס נאָך קיינעם ניט געוויזן. דו, מיין קינד, ביזט שוין געגוג אלט צו קענען פארשטיין וואָס דו וועסט דאָ לייענען און וועסט זיך דערפון דערוויסן דעם ווייטערן פארלויף פון ר׳ נחומקעס ביטער־זיסן געראנגל מיטביידע עולמות, מיט זיין פארלאָזן ווייב און קינדער, שפייען זיין אייגן פאָלק אין פנים אריין און זיך מזווג־זיין מיט לייב און נשמה מיט די תענוגי

עולם הזה. דאָס האָט ער מיר געהאט אָנפאַרטרויעט עטלעכע יאָר פאַרן אָפּשטאַרבן און געבעטן מיך מיט די ווערטער:

— ר׳ יאָשע סערצע, האָסט מיך אַמאָל געפרעגט אויב עס האָט זיך מיר געלויינט דער גאַנצער עסק? ענטפער איך דיר על רגל אחת האָט נישט קיין טעם. ווער ס׳האָט נישט אַריבער־געשטעלט א פוס אויף יענער זייט פון דער גוישער וועלט, דער וועט עס קיינמאָל נישט קענען משיג־זיין. דערפאַר טרויע איך דיר אָן מיין לעבן, וואָס דאָ אויף די פּאַרמעטן. דאָ האָב איך מיט טינט איבערגעפלאַנצט דעם וויכטיקסטן און דעם גליקלעכסטן און לסוף דעם טראַגישסטן חלק פון מיין לעבן און שטערבן, מיינע ראַנגלענישן מיט גאָט און מענטש. לייען זיי און אפשר וועסטו פאַר מיר א שטיקל זכות געפינען...

מיין זיידנס אויגן האָבן זיך פאַרוואָלקנט און מיט דעם זעלביקן שברים־קול וואָס אביסל פריער, האָט ער מיר דערלאַנגט דעם כתב־יד נחומקעס, און געהייסן זיך דערלאַנגען „מים אחרונים" צום בענטשן און געבעטן דער באָבען מיינער זי זאָל אים מאַכן דאָס געלעגער, ווייל שוין צייט צו גיין זיך אויסרוען...

— — — — —

געבליבן איינער אליין זיצן ביים הייסן אויוון מיט די פאַר־שריבענע פּאַרמעטן אָנפאַרטרויעט מיר אויפן טיש, האָב איך מיט א זעלטן געפיל פון יראת־הכבוד צו די כתבים אָנגעהויבן אויפ־וויקלען איינס נאָכן אנדערן די פּאַרמעטן און אָנגעהויבן צו לייענען און אפילו נישט באַמערקט אז דער לאָמפּ אויפן טיש, דאָס ליכט זיינס, איז שוין בטל־געוואָרן אין דעם העלן טאָג־ליכט. האָב איך זיך געכאַפּט, אז איך בין אזוי אָפּגעזעסן דעם רעשט פון דער נאַכט, אז שלאָפן איז שוין נישטאָ ווען. כ׳האָב זיך שוין אין געאייל גענומען ארומוואַשן און זיך געשטעלט דאַווענען,

כדי צו זיין גרייט אָפּצועסן מיט אלעמען צוגלייך דעם אָנבייסן און ווי נאָר ס׳איז אָנגעפּאָרן דאָס באשטעלטע געשפּאַן, האָב איך צווישן אלע אנדערע זאכן מיינע מיטגענומען דאָס פּעקל כתבים און בין צוריקגעפּאָרן אין דאָרף אריין און דאָרט שוין פארבליבן ביז ערב פּסח. במשך די עטלעכע ווינטער חדשים אין דאָרף, האָב איך אייניקע וואָכן געלייענט און ווידער געלייענט אין די פאר־שריבענע פּארמעטן, וואָס איך האָב יאָרן שפּעטער מיטגענומען מיט זיך קיין שטראסבורג און קיין פּאריז און בעת די היטלערישע חיילות האָבן פארנומען פראנקרייך און כ׳בין אנטלאָפן שפּעט אין דער כל־נדרי־נאכט 1942, כדי זיך מיט ווייב און פריינט צו ראטעווען פון דעפּאָרטאציע, איז וואנדערנדיק איבער די שווערע און אומבאקאנטע סטעזשקעס איבער די פּירענעאישע בערג, האָב איך מיט אסך אנדערע זאכן אונדזערע אויך די כתבים געמוזט איבערלאָזן צווישן די בערג, וואָס אויב ס׳וועט מיט זיי געשעען א נס און זיי וועלן אָפּגעפינען ווערן, וועט דאָס זיכער ווערט זיין אז מען זאָל זיי אויפהיטן צווישן די גאָר וויכטיקע מענטשלעכע דאָקומענטן אין א מוזעום, אז די וואָס פאָרשן און ווילן זיך דערגרונטעווען צו די טיפענישן פון א מענטשנס נשמה, זאָלן דאָס מיט זייערע אייגענע אויגן זען און לייענען און פון דאָס ניי באשרייבן. איך וועל דאָ ווייטער פּרווון איבערצוגעבן א בקיצור־דיקן סך־הכול פון ר׳ נחומקעס כתב־יד אויף אזויפיל אויף וויפל מיין זיכרון וועט מיר דאָס דערמיגלעכן און טאקע אין זיין אייגענעם לשון. נאָר איידער איך טו דאָס, וואָלט געווען כדאי נאָך צו דערמאנען אז באלד ווי כ׳בין צוריקגעקומען אין דאָרף אריין און גענומען ווייטער לייענען ר׳ נחומקעס ווידוי, האָב איך זיך אָנגעהויבן נאָכפרעגן אזוי אז סע זאָל פאר קיינעמען נישט ווערן פארדעכטיק, אויף דעם אמאָליקן שלאכטשיצס יורשים. אָבער וועגן דעם־דאָ וועלן מיר דערווייל נישט רעדן. און איצט וועלן מיר לאָזן רעדן ר׳ נחומקען אליין, פארשטייט זיך, אז דורך זיינע כתבים:

...און איצט, נאָך צוואַנציק יאָר זײַן אָפּגעריסן פון מײַן שטאַם, פאַרשטויסן, ללעג וקלס, אויף ביידע עולמות, אַלט זייענדיק איצט געגנוי זעכציק יאָר; אַ פאָטער פון טעכטער און אייניקלעך יידישע און פון פינף זין ניט יידישע, הייב איך היינט אָן צו פאַרשטיין פרקים פון מײַן לעבן מיט דער בקשה צו השית״ב מיך צו לאָזן לעבן און דערלעבן, אַז דאָס וואָס איך הייב איצט אָן צו שרייבן זאָל דערפירט ווערן ביזן סוף און זאָל דינען פאַר אַלע מײַנע קינדער פון ביידע אישות ווי אַ בקשה נישט צו משפטן זייער פאָטער לגנאי. דאָס זאָל אָבער נישט מיינען אַז כ׳וויל מיך רעכטפאַרטיקן און זאָגן חף מפשע אני! חלילה פון מיר אזוי צו קלערן. איך קאָן נאָר זאָגן דום ותן כבוד לדרכי ה׳.

דיך, מאמע מײַנע, וואָס איך ווייס אַז דו ביסט געווען דײַן גאַנץ לעבן לאַנג אומגליקלעך צוליב דעם וואָס ערלים האָבן דיך באונס מטמא־געווען, בעט איך איצט מחילה גמורה, ווײַל איך האָב דיך אומזיסט חושד־געווען און אומזיסט דיך געהאַסט און געוואָלט פאַרגעסן. דו, וועלכע האָסט באהבה אָנגענומען די דאָזיקע שטראָף פון צו וויסן אַז דײַן איינציקער בן־יחיד וויל דיר נישט קוקן אין פנים־אַרײַן, זיי מיר איצט דאָ אַן עדות אויף מײַן טיפער חרטה, וואָס איך האָב זיך לגבי דיר פאַרזינדיקט און ניט מקיים־געווען די מצווה פון כבוד אם. אָבער נאָר דער יודע־מחשבות ווייסט וויפל ענויים־קשים איך האָב איבערגעלעבט פון דעם טאָג־אָן ווען אַ בחור אין בית־מדרש אונדזערן האָט אין זײַן אויפגעבראַכטן צאָרן אויסגעשריגן, באַלד נאָך די שבע־ברכות מײַנע, „דו ממזר בן הנידה איינער, האָסט נישט געטאָרט חתונה האָבן מיט קיין יידישער טאָכטער״. אמת, באַלד ערב יום־כפור אין זעלביקן יאָר האָט ער זיך געוואָרפן צו מײַנע פיס און געבעטן מחילה און איך האָב אים געבעטן: „הייבט זיך אויף ר׳ יצחק, איך בין אייך מוחל במחילה גמורה״, אָבער אין האַרצן מײַנעם איז פאַרבליבן אַן אייביקע שנאה צו אים און אַ פאַרשעמטער און צעבראָכענער האָב איך מיך געראַנגלט מיט מחשבות־זרות

און ס׳איז דערגאַנגען פון עבֿרה גוררת עבֿרה. איך וויל אָבער זיך נישט אוועקשטעלן אין אַ טלית שכּלו תּכלת און זאָגן אַז איך האָב נישט געזינדיקט ביודעים און דערפאַר וועל איך דאָ איבער־געבן פּרקים פון מיין לעבן אָן שום באַפּוצונגען, אָן שום פאַר־הוילעניש, נאָר דווקא אויסטון זיך אָדם־נאַקעט און זאָלן מיינע אייגענע דורות, פון ביידע נשים מיינע, דאָס לייענען און משפּטן לויט זייער שׂכל ווען זיי דאָס דיקטירן.

איך בין זיך מודה אַז כ׳האָב נישט ליב־געהאַט מיין ערשטע אישה און הגם איך האָב מיט איר געהאַט פיר טעכטערלעך, האָב איך מיך במחשבה פאַרקלאָגט אויף איר און איר פירגעהאַלטן, אַז איך וואָלט מער געוואָלט עולם־הזהדיקס און ווייניקער פרומ־קייט און מקווהדיקס. דער גורל מיינער האָט דווקא געוואָלט איך זאָל זיין אַ גבֿר מיט הייסע בלוטן און מיט אַסך, גאָר אַ סך תּאווה און מחשבֿות זרות. אויף מיינע געציילטע ידידים האָב איך געקוקט מיט חשד און מיט בושה פאַר זיך אַליין, האַלטנדיק אַז אין זייער גוטזיין צו מיר ליגט פאַרהוילן אַ געפיל פון רחמנות צו אַ ממזר תּלמיד־חכם... דאָס האָט אַלעמאָל מיך אָראָפּגעפירט פון דרך אויף וועלכן איך האָב לסוף זיך צוריקגעקערט, אָבער נאָר במחשבה און נישט איינגאַנצן במעשׂה.

איך האָב חרטה אויפן צער, וואָס איך האָב גורם־געווען רבי ישׂראל חיימען און זיין בן־יחיד, ר׳ יאָשען, וועלכער איז עד היום פאַרבליבן מיין איינציקע טרייסט און וועלכער האָט מיך נישט פאַרשטויסן, ווען איך האָב נאָך מיין שמד, יאָרן שפּעטער, אַריבערגעטראָטן זיין שוועל. ער האָט מיינע טרערן געהאַלטן פאַר הייליקע, מיך געטרייסט און געשטאַרקט און מיר אָנגעטאָן זיין קיטל און טלית און אוועקגעשטעלט מיך לעבן עמוד ווו ער האָט ווי דער שליח־ציבור אויסגעשריגן „על דעת המקום ועל דעת הקהל...״

— וואָס־זשע טאַקע איז געשען מיט מיר פון אָט יענעם טאָג ווען איך בין געוואָרן אַ בן־אַרבעים ?

— איך האָב מיט געבאַרגטער סחורה זיך געלאָזט צום אוניעוּוער יאַריד מיט נישט ריינע כוונות. געהאַט בדעה פאַר דעם געלד, וואָס כ׳וועל אָפּלייזן פאַר דער סחורה, צו קויפן זיך א שיפס־קאַרטע און אַנטלויפן מעבר־לים. פון דער מחשבה אליין, אַז מיין רבי און מיין איינציקער טרייסטער אין לעבן וועט ליידן דערפון גרויסע חרפות, האָב איך ביטער געליטן און נישט גע־ וווּסט מיט וואָס און וויאַזוי איך וועל זיך קענען אויסקויפן פון אזא שווערן חטא. גייענדיק א פאַרטראַכטער, א פאַרזאָרגטער און פול מיט מרה־שחורה, זוכן אַן אָרט ווו זיך צו קענען אַוועקשטעלן מיט מיינע שמויסן און ווו צו קענען הויזן פאַר דער צייט ביז נאָכן יאַריד, האָב איך פאַרבלאָנדזשעט צווישן פעלדער און גערטנער און זיך צוגעשלאָגן צו דער באַלעבאַטישקייט פון איידעלע צוויי מענטשן, א פאָטער מיט א טאָכטער, נישט קיין יידישע. ווען זיי האָבן מיך אַריינגעבעטן צו זיך אין שטוב־אַריין און אויסגעהערט, אַז איך זוך א שטיקל מלינה צו קענען דאָרט, פאַרשטייט זיך אַז פאַר באַצאָלן, איבערהאַלטן דעם יאַריד, האָבן זיי מיר מיט אויפריכטיקער פרייד, פיערגעלייגט א חדר ביי זיך. דער באַלעבאָס ווייזנדיק מיר דאָס חדר האָט אפילו געוואָלט הייסן אַראָפּנעמען די צלמים, וואָס האָבן געהאָנגען אויף דער וואַנט. אויך זענען געשטאַנען אַנדערע הייליקייטן זייערע אויף די טישלעך ביי די פענצטער. מפני דרכי נימוס האָב איך זיך באַדאַנקט פאַרן אָנבאָט פון חדר און געבעטן נישט צו רירן די אַלע הייליקייטן זייערע פון די ערטער, מיט דער באַגרינדונג, אַז מיר אַלע זענען די קינדער פון איינעם און איינציקן גאָט. און פאַר דער סחורה האָט מיר דער באַלעבאָס אָנגעוויזן אַן אָרט אויף זיינעם א שטיק פעלד נישט ווייט פון דער דאָרפישער צערקווע און טאַקע באַלד אליין איינגעשפּאַנט זיין פערד־און־וואָגן און מיט מיר פאַרפאָרן נעמען די סחורה אויסצולייגן זי צום פאַרקויף. און ס׳איז אַוועק מיט גרויס מזל. די סחורה איז אויספאַרקויפט געוואָרן ביזן לעצטן שטיקל און דער ריווח איז

געווען א צווייפאכיקער, מער ווי כ׳האב דערוואַרט. אין די אָוונטן פלעגן מיר צו זיצן זאלבע דריט און שמועסן מכוח אמונה־זאכן, מכוח וועלט־ענינים און היות ווי דער באלעבאָס האָט ליב געהאט, זייער ליב געהאט, צו שפילן א שווערע פארטיע שאָך, איז דאָס שוין געווען געגוג אויף אָפּצוזיצן ביז שפּעט אין דער נאכט־אריין, טיילמאָל ביז ס׳האָט שוין געגומען בלאָען אין דרויסן אויף טאָג. דער באלעבאָס, דער פּאַן שעפּטיצקי, אזוי האָט מען אים גערופן, האָט ביים שפילן פארפירט מיט מיר גאָר אינטימע שמועסן, צוערשט וועגן זיך און זיין פאמיליע, און שפּעטער געוואָלט הערן עפּעס וועגן מיר און מיין משפחה־לעבן. ער האָט מיר אויך געגעבן צו פארשטיין, אז הגם ער איז ווייט פון פיינט צו האָבן יידן, וואָלט ער אָבער נישט פארדינגען דאָס צימער, אין וועלכן איך האָב איצט ביי אים געלעבט, קיין אנדערן. ער האָט דאָס געטאָן נאָר דערפאר ווייל איך זע בכלל אין זיינע אויגן נישט אויס ווי א ייד. און ער האָט צוגעגעבן:

...„ווען איך האָב אייך באטראכט דאָס ערשטע מאָל פאר מיין טיר און דערזען אייער הויך און אויסגעגלייכט געשטאלט, מיט די הימלבלאָע אויגן און בלאָנדער שעוועלור און באָרד, האָב איך צו זיך גלייך אין הארצן א זאָג געטאָן, אז אזא יידן דארף מען מקרב־זיין שוין אליין צוליב דער זעלטנקייט זיינער. אויך מיין וואנדא, מיין איינציקע טאָכטער, וואָס איז מיר פארבליבן נאָך מיין ווייבס, מיין יאדוויגאס אָפּשטארבן — האָט דעמאָלט אויך אזוי א קלער געטאָן. דערצו אייער טיפע אוקראַינישע באסאָווע שטימע און די שיינע אוקראַינישע שפּראך אייערע האָט אונדז ווי איבערראשט. מיר האָבן נאָך דאָ אין דאָרף צווישן די הי געבוירענע יידישע איינוווינער אזא שיינעם אוקראַיניש נישט געהערט...״

די דאָזיקע רייד האָבן מיר שטארק הנאה געטאָן. אויך וואנדא, זיין טאָכטער, האָט דאָס אין איר פאָטערס בייזיין באשטעטיקט. אזוי ביסלעכווייז האָב איך געעפנט ברייט מיין הארץ פארן דאָזיקן

מכניס־אורח מיינעם, וועלכער האָט מיר דערציילט וואָס מיט אים האָט שוין אלץ פּאסירט אין לעבן ביז איצט, אלט זייענדיק שוין איבער זעכציק און אויסגעפּירט, אז אלץ וואָס אים האלט נאָך אויף דער וועלט איז זיין גערעטענע טאָכטער, וואנדא, וועלכע האָט געענדיקט א סעמינאר אין דער גרויסער שטאָט, אין לעמבערג, און איצט האָפט ער נאָך צו דערלעבן ביי איר אייניקלעך, צו וועלכע עס זאָל איבערגיין, ווען ער וועט זיך שוין האָבן צוריק געטראָפן מיט זיין יאדוויגאן, דאָס גרויסע פארמעגן זיינס.

פונקט אויף דער דריטער וואָך פון מיין אָפּזיין ביי אים און נאָך אזויפיל שמועסן מכוח אלץ וואָס קען אינטערעסירן א דערוואקסענעם און געבילדעטן מענטשן, האָט ער זיך צו מיר געוואָנדן מיט זייער אן איינפאכער שאלה:

...„וועט אייך אפשר אינטערעסירן מאכן א שפּאציר איבער מיינע פעלדער און גערטנער מיט מיין טאָכטער ? איך וועל מוזן בלייבן דאָ אכטונג צו געבן אויף דער דינערשאפט און די ארבעטער מיינע...“

נישט טראכטנדיק קיין איין רגע נישט האָב איך מסכים־געווען דערצו און אפילו נישט א קלער געטאָן טאָמער וועל איך דארפן פארנאכלעסיקן דעם יאריד.

איז געבליבן, אז דעם לעצטן זונטיק, באלד נאָכן יאריד, אזוי האָט געראָטן דער פאן שעפּטיצקי טאקע, זאָלן מיר, איך און דער באגלייטונג פון זיין טעכטערל, זיך ארויסלאָזן גאָר פרי נאָך איידער די זון וועט אויפגיין, כדי ארומצוגעמען מיט איין בליק דאָס נאטור־ווונדער ווען דאָס גאָלד פון דער זון הייבט זיך אָן אויסגיסן איבער זיינע פעלדער און גערטנער, איבער דעם אלמעכטיקנס גרויסן באשאף. ער האָט נאָך צוגעגעבן, דער פאן שעפּטיצקי, אז דעם מאָל וועט ער גיין אין צערקווע אָן זיין

טאָכטער, אָבער ער וועט פאר איר זאָגן א תפילה און זי דערמאנען פאר איר מוטער אין הימל.

ביי זיך אין הארצן האָב איך דערפילט א גרויסע איבער־קערעניש, סע האָט מיך באהערשט עפעס א מאָדנע געפיל פון מורא און פרייד און אויפן געדאנק, וואָס וועלן זאָגן מענטשן אויב זיי וועלן זיך דערוויסן, אז איך האָב מיך ארומגעפירט מיט א מיידל, דערצו נישט קיין יידיש־קינד, צווישן פעלדער איינער אליין — האָב איך זיך א לייכטן וואָרף געטאָן, ווי איך וואָלט דערמיט געוואָלט אָפּוואַרפן א יעדע מניעה פון ניט צו פאָרן מיט וואנדאן אָנקוקן דעם נייעם זון־אויפגאנג אין מיין געפלאָגטן לעבן פול מיט ספקות און פול מיט באגערן...

איך האָב אפילו ארויסגעלערנט פון די לאנגע שמועסן מיטן פאן שעפּטיצקי, אז ער איז עפעס אויסן מיט מיר, און איך האָב ביי זיך שוין געהאט באשלאָסן ניט אָפּצושרעקן זיך און א שפּיל טאָן ביודעים מיט מיין אייגענעם גורל.

געקומען איז דער זונטיק. די נאכט פון מוצאי־שבת איז געווען אן אויסגעלייטערטע, איך בין געזעסן ביים אָפענעם פענצטער אין מיין חדר און זיך צוגעהערט צום געריש און געקוואקריי פון גאָטס ווונדערלעכע באשעפענישן און דער מח מיינער איז געווען אויסגעליידיקט פון יעדער מחשבה. געוווּסט האָב איך נאָר אז באלד אין עטלעכע שעה ארום און וואנדא איז שוין געזעסן אויפן בריטשקעלע אין וועלכן עס איז געשטאנען א קיישל מיט פארשידענע מינים עסנווארג, צוויי גרויסע פלעשער מיט אויסגעקאָכטער קאלטער מילך און צוויי ווארעמע קאָלדרעס איינצוהילן די קני אז ס'זאָל ניט זיין קאלט בעתן פאָרן. א ביסל א צעטומלטער ווי אין א שיכרות־צושטאנד בין איך ארויף אויף דער קעלניע הארט נעבן וואנדאן. זי האָט אָן א וואָרט ארויס־צורעדן א נערוועזן צי געטאָן ביי די לייצעס צוויי זייער שיינע ווייסע שימעלעס, וואָס האָבן ווי צוויי לייבן זיך א ריס געטאָן פון אָרט ווי אין א שטורעם, און א האלבע שעה שפּעטער האָט

וואנדא מיר אַנגעזאָגט, אז מיר דערנענטערן זיך שוין צו די פעטע פעלדער, וואָס זענען אירע, בירושה פון איר מוטערס פארמעגן. איך האָב זיך צוגעהערט צו אירע ווערטער און דערביי גאָר הנאה געהאט פון דער שארפער און קילער לופט, וואָס האָט אָנגעפילט מיינע געזונטע לונגען, אין דער נאָז דער שארפער ריח פון געשניטענעם היי, וואָס האָט זיך געטרוקנט אויף זייטיקע פעלדער געמישט מיט די ריחות פון אויפגייענדיקער הרעטשקע אויף ברייטע ערד־שטחים, געמישט מיטן ווארעמען אָטעם פון א שיינער יונגער פרויענצימער. אויפן געדאנק איז מיר גראָד געקומען יוסף הצדיק און איך האָב אין זיך אריינגעשריגן די ווערטער פון חמש „ונראה מה יהיו חלומותיו״... נאָר קלאָר נישט געוווסט וועגן וועמענס חלומות איך אליין חלום.

צוגעקומען אויף א פעלד, האָט מען קוים באמערקט, אז ס׳הייבט אָן צו שאריען. וואנדא האָט אָפגעשטעלט דאָס בריטשקעלע אָפגעלאָזט די פערד אויף א שטיקל פאסעוויסקע נישט ווייט פון א שמאָל זילבערן טייכעלע און א נעם טוענדיק דאָס קיישל מיטן עסן האָבן מיר צוגעשפאצירט צו א בערגלדיקן ארויף, אויף וועלכן ס׳איז געשטאנען א באנק פון א שווערן אפגעהאקטן בוים, אונטערגעהאלטן אויף גרויסע שטיינער ווי צוויי מזבחות. באלד האָט זיך דער ווייטער האָריזאָנט אָנגעצונדן פייערדיק רויט און וואנדא האָט מיר גענומען דערקלערן דאָס נאטור־וווּנדער פון א זון־אויפגאַנג.

ס׳איז זיכער נישט געווען דאָס ערשטע מאָל, אז איך האָב געזען א זון־אויפגיין אין א זומערדיקן פרימאָרגן, אָבער איצטיקס מאָל האָט אלץ אויסגעזען גאָר אנדערש, שענער איז געוואָרן גאָטס באשאף אין מיינע אויגן און פאר גרויס התפעלות האָבן מיינע ליפן גענומען מורמלען „ברכי נפשי...״

וואנדא איז אינעם אָפשיין פון דעם אויפגייענדיקן זונען־פלאם געוואָרן אזוי שיין, אז איך האָב מיך אינגאנצן פארלאָרן און אראָפגעלאָזט זיך אויף מיינע קני קוקנדיק אויף איר אָן שום

ערדישע מחשבות, און אָן שום גשמיותע כוונות. זי האָט א צארטן, קוים באמערקלעכן שמייכל געטאָן, מיך אָנגענומען ביי ביידע הענט און מיך צוגעפירט צו דער באנק. מיר זענען אזוי געבליבן זיצן עטלעכע מינוטן, און וואנדא איז געווען איינגעקלאמערט אין מיינע אָרעמס, דער קאָפּ אירער מיד פארוואָרפן אויף מיין הארץ, און די העל־בלאָע אויגן אירע האָבן אויף מיר געשיינט מיט גליק.

איך האָב צוגעלייגט מיינע לעפצן און איר א קוש געטאָן און דערפילט דעם טעם פון ראָזשינקעס מיט מאנדלען.

בעת דער בארגיקער פעלזן און די ארומיקע פעלדער האָבן זיך געבאָדן אינעם גאָלד פון דער זון, האָבן מיר, ווי צוויי קינדער זיך געהאלטן ביי די הענט און זיך ארונטערגעלאָזט צום טייכל, האלטנדיק דאָס קיישל מיט עסנווארג אין מיין לינקער האנט. וואנדא האָט זיך ארונטערגעבויגן, אויף די קני, און איינגעטונקען אירע הענט אינעם טייכל זיך צו באפרישן און איך האָב זיך געשפיגלט אין איר אָפּשיין אינעם וואסער און א געדאנק איז מיר אדורך דורכן מח: צי האָט נישט די יונגע ווייב פון אונדזער זיידן אברהם אויך אזוי אויסגעזען אין זיינע אויגן ווי וואנדא איצט אינעם אָפּשיין פון דער אויפגייענדיקער זון איבערן טייכל דאָ?

שטיל האָבן מיר ביידע געמורמלט א ברכה צום באשעפער און גענומען עסן פון די מטעמים וואָס וואנדא האָט מיט א טאָג פריער צוגעגרייט, און פארטרונקען מיט א גלאָז אויסגעקאָכטער פעטער מילך.

זענען מיר אזוי געפאָרן זאלבעצווייט איבער וואנדאס און איר פאָטערס פעלדער און ביידע האָבן מיר עפּעס מער געשוויגן ווי גערעדט. ביז מיר זענען פארפאָרן אין איינעם א גאָר גרויסן סאד מיט פארשידענע מינים פרוכט־ביימער. די זון איז געשטאנען אין מיטן הימל און מחיהדיק געווארעמט. א לייכט ווינטעלע האָט זיך געטראָגן צווישן די ביימער און גראָז, געגלעט און געלאשטשעט איבערן פנים. ביידע האָבן מיר געלאכט און גערעדט,

און ווען ס׳איז שטיל געוואָרן און איך האָב נישט געהערט וואנדאס שטים, האָב איך זיך אומגעדרייט און דערזען זי שטייענדיק אָנגעשפּאַרט אָן א ברייט אויסגעשפּרייטן עפּל־בוים, זיינע צווייגן געדיכט באַלייגט מיט גרינע עפּעלעך. פון אויבן די העלע זון האָט געוואָרעמט די צווייגן מיט זייערע עפּל און פון אונטער די צווייגן א קילער גרינער שאָטן און וואנדא אָנגעשפּאַרט אינעם בוים, פאַרחלומט.

איך האָב זי אָנגעהויבן ניכטערן באַטראַכטן און טראַכטן און אַריינטראַכטן און צו גאָרנישט געקענט זיך דערטראַכטן. זי איז געווען רואיק, דער בלאָנדער קאָפּ האָר, די פריילעכע, שמייכלענ־דיקע, הימלבלאָע אויגן ברייט צעעפנט און דאָס גאַנצע געשטאַלט אירס אַזוי איידל אויסגעטאָקט, די ווייבלעכקייט אירע אַזוי יאָדערדיק פריש און צוציענדיק...

איך האָב מיך צו איר דערנענטערט, זי אומגעשטערט אַרומגענומען און אַרויסגעמורמלט: אוי וואנדא טייערע, וויפל ס׳איז אין דיר פאַראַן עולם־הזהדיקס, וויפל אַרויסרוף צום לעבן, ביזט א קוואַל פון גליק און פאַרגעניגנס אָן א שיער! האָב איך זי אַרומגענומען, הייס־פייערדיק גענומען קושן, ביז זי האָט מיט א לייכטן ציטער אין איר שטים מיך געבעטן זי אָפּצולאָזן און ניט פאַרגעסן זיך. איך האָב זיך באַלד באַהערשט, און זי אַרויסגעלאָזט פון מיינע אָרעמס. א פאַרויטלטע מיט א פּנים און אויגן פול מיט פרייד איז זי אַנידערגעפאַלן אויפן גראָז ביים עפּל־בוים. איך האָב זיך איבער איר אַריבערגעבויגן און זי האָט מיך געבעטן צוזעצן ווייל זי וויל מיר עפּעס אָנפאַרטרויען.

זיצנדיק אָנגעשפּאַרט מיט איר קאָפּ אויף מיר, אירע הענט אין מיינע האָבן נערוועז געציטערט, האָט זי שטיל און מיט אַזויפיל ווארעמקייט אין איר האַרץ־שטימע אָנגעהויבן מיר דערציילן וועגן אירע עלטערן און וועגן זיך. אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז איר פאָטער, וועמען די פויערן אין דאָרף האָבן מיט גרויס דרך־ארץ אָנגערופן מיט דעם פּוילישן „פּאַן״, פּאַן שעפּ־

טיצקי, איז געוואָרן א פראוואָסלאַוונער צוליב זיין פרוי אין וועלכער ער האָט זיך פארליבט און צוליב איר האָט ער פארלאָזט די קאטוילישע קירך, ווייל אנדערש האָט איר מוטערס פאָטער ניט געוואָלט צושטימען צום שידוך. ווען זי, וואנדא, איז אויף דער וועלט געקומען איז איר פאָטער שוין אלט געווען איבער פערציק און די מוטער אכט־און־דרייסיק יאָר. צען יאָר איז זי אלט געווען ווען איר מוטער איז געשטאָרבן און דער פאָטער אירער האָט איר געגעבן א גוטע דערציונג און געוואָלט, אז זי זאָל ענדיקן אין דער גרויסער שטאָט דעם סעמינאר און ווערן א דירעקטאָרשע אין דער דאָרפישער שולע, חתונה האָבן און אים געבוירן אייניקלעך. דער פאָטער אירער האָט פאר איר ניט געהאלטן קיין סודות; אז אויב זי וועט נישט חתונה־האָבן אין צייט און האָבן קינדער, וועט זיך אויסלאָזן דער נאָמען שעפּטיצקי אויף אייביק, ווייל ער איז שוין דער לעצטער פון אן אלטער אדעליקער משפחה. ער איז דערפאר געווען גרייט ביים לעבן איר אוועקצוגעבן זיין גאנץ פארמעגן, אבי זי זאָל אים באווייזן אז דער שטאם זיינער האָט זיך ניט איבערגעריסן אויף אייביק, יעדנפאלס ניט ביי זיין לעבן נאָך. און סע האָבן זיך צו איר געשדכנט יונגעלייט, סיי פון דעם ארום, סיי נאָך ווען זי האָט געלערנט אויפן סעמינאר. לסוף האָט זי אויסגעפירט:

— פאראן א טיפער גלויבן ביי מיין פאָטער, אז אונדזער שטאם איז שוין צו אלט און מיר נייטיקן זיך אין פריש בלוט פון אן אנדערער ראסע. פון זינט איר, גאספּאָדאר נאאום, פון זינט איר האָט אריבערגעשפּרייזט אונדזער שוועל, האָט אויפ־געלעבט דער געדאנק אין מיין פאָטערס הארץ און ס'דוכט זיך אים אויס, אז די הייליקע מוטער האָט אייך אהערצו געפירט. איך בין זיך מודה, אז אויך איך גלייב אין דעם נס ווייל......

וואנדא איז מיטאמאָל פארשוויגן געוואָרן, זיך שטארק פארוויטלט און מיר געבליבן ליגן א פארטרערטע אין די אָרעמס. איך אליין האָב זיך אויך ווי פארלאָרן און ארויסגעשטאמלט מיט

ווערטער, אז כ׳בין גרייט צו ברענגען פאר איר יעדן קרבן, ווי שווער דאָס זאָל מיר נישט אָנקומען, אבי האָבן זי פאר א ווייב...

נאָך א פול יאָר זיך צוגרייטן צו דער שמד־און־חתונה צערעמאָניע, האָב איך גענומען וואנדא פאר א ווייב. די יידן אין דאָרף האָבן זיך אין פארלויף פון עטלעכע יאָר צוגעוויינט צו מיר, אָבער מיך גערופן מיטן צונאָמען „דער אוניעווער משומד", און אז ווער פון זיי האָט מיך געפרעגט וויאזוי קומט עס, וואָס איך ווער אלעמאָל יינגער און געזונטער, האָב איך זיי טראָציק געענטפערט, אז דאָס נעמט זיך דערפון, ווייל וואָס מער מען שילט די משומדים אלץ געזונטער ווערן זיי...

אָוונטצייט, צוריקגעקומען פון א גאנצן טאָג ארומשפאצירן איבער פעלדער און גערטנער, בארוישט פון געפילן פון ליבע, וועלכע האָבן ווי מיט א כישוף־שטעקעלע אָפגעווישט גוטע דרייסיק יאָר פון מיין לעבן, ווייל אלץ איז במשך פון איין לעצטן מעת־לעת ווי פון מיר פארשוווּנדן און פארגעסן געוואָרן, — האָט שוין וואנדאס פאָטער אביסל א פאַרזאָרגטער געוואַרט ביים ארייַנפאָר אין הויף אריין. דערזעענדיק אונדז ביידן מיט פאר־פלאמטע פנימער פון זון און פרישער לופט פון א גאנצן טאָג און ניט אראָפנעמענדיק זיינע בליקן פון זיין איינציק טעכטערל, וועלכע האָט אים ארומגענומען קושנדיק און זיך א צופרידענע נאָכגעפרעגט וועגן דעם וויאזוי ער האָט פארברענגט דעם גאנצן טאָג, האָט ער איר געהייסן אריינגיין צו זיך, זיך אָפפרישן און איבערטאָן. מיך האָט ער אָנגענומען ביי דער האנט און שטיל ארויסגעשטאמלט: אז וועסט ווערן אן אונדזעריקער און מיך מאכן פאר א זיידן פון א זון אָדער מער, וואָס וועלן טראָגן מיין נאָמען, שעפּטיצקי, וועט מיין גאנץ פארמעגן בלייבן אין דיינע הענט ביז דיין צייט וועט קומען און זיי וועלן עס פון דיר ירשנען. ער האָט זיין וואָרט געהאלטן און האָט דערלעבט צו

זען זיין טאַכטער א צופרידענע און א מוטער פון פינף קינדער, אלע יינגלעך.

— — — — — — — —

איצט, פאַרוואָס האָב איך אזוי לייכט אראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם גאנצן עול פון יידישקייט און פון מיין יידישער גזע, מיינע יידישע ווייב און קינדער? דאָס האָט געהאט זיין שורש נאָך פון מיינע פריעסטע קינדעריאָרן. צוערשט, נאָך אלץ א קליין יינגעלע, אין חדר, און שפּעטער ווען איך האָב געלערנט פאַר זיך שוין אין בית־מדרש, האָב איך געמערקט אז מען האלט זיך פון מיר פון דער ווייטנס; מען שעפּטשעט זיך עפּעס אין דער שטיל און מען ווארפט בייזע בליקן אין מיין ריכטונג. וואָס האָט קלאָר צו פאַרשטיין געגעבן, אז מען מיינט מיך. ווען מיין רבי ר׳ ישראל חיים, וועלכער פלעגט מיט מיר לערנען א שיעור האָט דאָס באמערקט, האָט ער מיך איינמאָל געבעטן ארויסגיין פון בית־מדרש, ווייל, האָט ער צוגעגעבן, איך וויל האָבן א שטיקל אויסשמועס מיט די באלעבאטישע עזות־פּנימער. נאָר דו, איז בעסער זאָלסט ניט זיין דערביי. איך האָב מיך דעמאָלט אונטער־געהערט שטייענדיק הארט ביי דער וואנט פון יענער זייט בית־מדרש אונטער א פענצטער, וואָס איז גראָד געווען אָפן, ווייל זומער צייט. פון יענעם טאָג אָן האָב איך מער נישט געגלייבט אז איך בין א כשר יידיש קינד און לויט מיין אויסזעען איז ביי מיר געווען כמעט ווי זיכער אז איך האָב נישט געהאט קיין יידישן טאטן. איך האָב צוליב דעם אָנגעהויבן פאַרשן ביי מיין אומגליקלעכער און פאַרהאָרוועטער מאמען מיינער. נישט רחמנות געהאט אויף אירע בלוטיקע טרערן פון וויינען, איר שווערן זיך און בעטן זיך ביי מיר, אז איך זאָל זי אזוי נישט מצער־זיין און גלייבן איר ווי גאָט און די תורה זענען איר הייליק, אז איך בין א כשר יידיש קינד. אז איך האָב זי א פרעג געטאָן:

— פאַרוואָס־זשע זע איך אינגאנצן נישט אויס ווי אלע אנדערע יידישע קינדער? מיין פאָטער זאָגסטו דאָך אליין איז

געווען א הדרת־פנים מיט א שיינער שווארצער באָרד און פּיאות?
האָט זי אויסגעבראָכן אין א געוויין און נאָר געענטפערט:
— „דאָס פרעג ביים רבונו־של־עולם, נישט מיך!"

גאנצע פופצן יאָר האָב איך געלעבט זייער גליקלעך, צופרידן. די יידן אין דאָרף האָבן נישט מער ארויסגעוויזן קעגן מיר קיין שום אָפּגעזונדערטקייט, אָבער ביים נאָמען מיינעם האָבן זיי מיך קיינמאָל נישט גערופן. טאָמער האָט א ייד אין דאָרף עפעס פון מיר געוואָלט קויפן צי פארקויפן און טיילמאָל פרעגן א יידישן מנהג אָדער דין, האָט ער פשוט געזאָגט: „כ'וועל אריבערגיין פרעגן דעם משומד".

וואנדא אליין האָט שוין אויך זיך איינגעלעבט מיטן געדאנק, אז אויב איך האָב אויסגעמיטן א זונטיק אין דער דאָרפישער צערקווע, איז זי פארבליבן מיט מיר און די קינדער אין שטוב און אפילו נישט געפרעגט די סיבה פארוואָס אזוי נאָר געהאָפּט, אז די קינדער וועלן דאָס נישט באמערקן. מיטן גלח און מיטן פּאָפּ אין דאָרף האָבן מיר געלעבט אין גוטער פריינטשאפט און געגעבן נדבות פארביידנס בקשות מיט ברייטער האנט. אן ענדערונג צום שלעכטן איז אין מיר פאָרגעקומען ווען מיין עלצטער זונדעלע האברילע (גבריאל) איז אלט געוואָרן דרייצן יאָר. עפעס האָט אין מיר זיך אויפגעוועקט א בענקעניש מיט א פארדראָסיקייט צוזאם און איך האָב עפעס געהאט אין יענער ווינטערדיקער נאכט א מאָדנעם חלום; ס'האָט זיך מיר אויס־געדאכט ווי איך שטיי ביי א באלעמער, ארום מיר יידן מיט שטריימלעך מיט אויסגעשטרעקטע הענט, געווונטשן מיר מזל־טוב, און אויפן באלעמער איז מיין גבריאל געשטאנען איינ־געוויקלט אין א טלית און געהאלטן א בר־מצוה דרשה. וואנדא האָט מיך איבערגעוועקט פון שלאָף און צוגעלייגט איר צארטע האנט צו מיין ברענענדיקן שטערן און געוואָלט וויסן פארוואָס

איך האָב צוערשט געלאכט און מיטאמאָל אָנגעהויבן שרייען. איך האָב איר גאָרנישט געענטפערט. ערשט מיט וואָכן שפּעטער, ווען אונדזער זונדעלע איז געקומען פון שול און ווי פון דער העלער־הויט א פרעג געטאָן ביי דער מוטער צי איז דאָס אמת, וואָס זיינע חברים אין שול זאָגן, אז זיין טאַטע שטאמט אָפּ פון יידן — דעמאָלט האָב איך איר אויך דערציילט וואָס מיר האָט זיך געהאט געחלומט. מיר האָבן לאנג געשמועסט, וואנדא און איך, וויאזוי דאָס צו פארענטפערן פאר די קינדער אויב זיי וועלן ווייטער קומען מיט אזוינע פראגעס. און מיר האָבן די קינדער פאמעלעך דערצויגן, אז זיי זאָלן וויסן וואָס צו ענטפערן זייערע חברים אין דער שול און מערקווערדיק, וואָס עלטער זיי זענען געוואָרן און מער זיי האָבן זיך געלערנט, דעסטא מער איז געוואקסן זייער דרך־ארץ און ליבע צו מיר און צו זייער מוטער.

דער זיידע, דער פאן שעפּטיצקי, האָט אָנגעקוואָלן פון די אייניקלעך זיינע, געוועזן זייער צופרידן פון זיין און דער טאָכטערס אויסוואל, געבעטן ביי גאָט, אז די קינדער זאָלן זיין אריינגעראָטן אין זייערע טאַטע־מאַמע און זאָלן זיך גוט לערנען. ער איז אָבער, אָט דער דעמבענער גבר, זייער גיך אלט געוואָרן, שוין נישט געקענט שטיין אויף די פיס און האָט זיך גענומען „גרייטן אין וועג אריין", ווי ער פלעגט דאָס אָפּט זאָגן. אויפן זעקס־און־זיבעציקסטן יאָר, געוועזן איז דאָס א וואָך נאָך פּאסחאַ, האָט ער צוערשט צוגערופן זיין וואנדאן און זי פלוצעם א פרעג געטאָן: — האָסטו נישט קיין חרטה, וואָס האָסט אים גענומען פאר מאַן?

אויף איר ענטפער, אז זי איז צופרידן מיט מיר און פון דער איידעלער באהאנדלונג מיינער, האָט ער צו זיך געהייסן אריינרופן די קינדער, ער האָט זיי גערופן „מיינע קינדער" און מיך. געבעטן אז מען זאָל שיקן נאָך דעם פּאַפּ און ביז יענער איז געקומען האָט ער דערוויל גענומען איינטענהן מיט דעם עלצטן אייניקל, מיט האורילען, און אים געפרעגט וואָס ער וואָלט געוואָלט

ווערן אין לעבן. דער בחור מיינער האָט, לויט מיין טבע, מיט דער האנט א פיר געטאָן איבערן שטערן און מיט זיכערקייט ארויסגעזאָגט:

— איך וועל זיין א בישאָף.

דער אלטער האָט אויף מיר א שארפן בליק געטאָן און ארויסגערעדט: אזוי גאָר, אויב דער טאטע זיינער איז נישט געוואָרן קיין ראבין, וויל ער דווקאָ ווערן א בישאָף...

ווי נאָר דער פאָפּ האָט זיך באוויזן אויף דער טיר, האָט ער אים אָנגעזאָגט מיט גרויס פרייד, וואָס דער עלצטער פון זיינע אייניקלעך וויל ווערן און געהייסן זיך דערלאנגען טינט און פעדער מיט א בויגן פאפיר און צוגערופן זיין טאָכטער, וועלכער ער האָט זייער שטארק ליב געהאט און געהייסן פארשרייבן זיין צוואה. די שטים זיינע האָט זיך געשטארקט און ער האָט מיט א צופרידנקייט געהייסן דעם פאָפּ און מיר זיך אונטערשרייבן פאר עדות. ער האָט אָנגעזאָגט, אז דאָס גאנצע פארמעג זיינס געהערט מיין ווייב און מיר כל־זמן מיר וועלן לעבן. נאָך אונדז זאָל דאָס גאנצע פארמעג איבערגיין צו זיינע אייניקלעך, וועלכע זאָלן לדורות בלייבן זיצן אויף דער ערד און זי באארבעטן און מיט איר און פון איר לעבן. פאר זיין האוורילען, האָט ער פארשריבן גאָר א גרויסע סומע געלט, וואָס ער האָט אָנגעזאמלט אלע זיינע יאָרן. מיט דעם געלט זאָל ער קענען לערנען און טאקע ווערן א גרויסער גייסטלעכער, אפילו א בישאָף. נאָכדעם, האָט ער אָנגעזאָגט וויאזוי ער וויל מען זאָל אים, ווען זיין צייט וועט קומען, מקבר־זיין לעבן זיין יאדוויגאן און איבערגעלאָזט וויפל געלט מען זאָל געבן דעם פאָפּ, פאר דער צערקווע און אנדערע ווילטעטיקע צוועקן. ער האָט אויך איבערגעלאָזט א היפשע סומע פאר זיינע פאראָבקעס, וועלכע זאָלן ווייטער בלייבן אויף זייערע שטעלעס אזוי לאנג ווי נאָר זיי וועלן דאָס וועלן.

וואנדא איז ארויס פון צימער און איז באלד צוריקגעקומען מיט א פלאש משקה און קוכן. דער פּאָפּ איז נאָך שפּעטער געבליבן אליין מיט אים, מיין שוואַר שעפּטיצקין און ביידע האָבן דאָרט געהאט א לאנגן שמועס צווישן זיך. אָבער וועגן וואָס האָב איך קיינמאָל זיך נישט דערוווּסט.

פיר חדשים שפּעטער און מיטאמאָל זענען ביידע, מיין וואנדא און דער פּאָטער אירער קראנק געוואָרן און אין פארלויף פון קוים צוויי וואָכן האָט מען זיי מקבר־געווען לעבן קבר פון איר מוטער און זיין געוועזענער ווייב. איך בין געבליבן אייגער אליין אויף דעם גרויסן פארמעג און זיך פארנומען מיט די קינדער און מיט דער באלעבאטישקייט. האָורילע איז געוואקסן און זיך געלערנט מיט גרויס התמדה, און איצט איז ער שוין אויף דעם וועג צו ווערן אמאָל דאָס, וואָס ער האָט צוגעזאָגט זיין זיידן מיט יאָרן צוריק. היות, זיינע לערערס, פּראָפעסאָרן פון טעאָלאָגיע און קריסטלעכער אמונה האלטן, אז ער דארף קענען לייענען און פארטייטשן דעם אָריגינעלן טעקסט און געוויסע כללים פון דיקדוק פון די חמשה חמשי־תורה, האָט דאָס צוגעפירט אז איך זאָל אים אין דאָזיקן ענין ארויסהעלפן. דאָס האָט אים שטארק דערנענטערט צו מיר, אָבער ווען ער האָט מיר אָנגעהויבן שטעלן קשיות מכוח די אמתן וועגן דעם טויט פון דעם „עקצע האָמאָ", האָב איך אים דערקלערט געוויסע אמתן לויט דער יידישער השקפה וועגן געטלעכקייט און אמונה. און צי וועט ער אויף מיר ווארפן א חשד פון בגידה — איז מיר נאָך שווער פאָרויסצוזען, איינס אָבער וויל איך פרווון און דאָס איז — איינפלאנצן אין אים ער זאָל פארוואנדלען די אהבה כלפי שמים; דאָס מיינט צו זאָגן אָפּזאָגן זיך פון דעם מין לטובה דער „אהבה פון בין אדם לחברו"... און לויטן יידישן דין זאָלן בעסער ער און זיינע ברידער בלייבן געטריי דער אמונה פון זייער גאָט־זעליקער מוטער און ניט חלילה קיין שונאי־ישראל. אמן, כן יהי רצון" !

דאָ מוז איך איבעררייסן דעם ווייטערן אינהאַלט פון ר׳ נחומקעס פּאַרמעטן, ווייל איך געדענק נישט גענוי מער דאָס לשון זיינס, אַזוי ווי ער האָט דאָס באַשריבן. ווי שוין פריער באַמערקט ער, אַז צו זיינע זעכציק יאָר הייבט ער אָן פאַרשרייבן זיין לעבנסגאַנג. אין פאַרלויף פון די צוואָנציק יאָר, וואָס ער האָט געלעבט ווי אַ משומד אין אוניעוו האָט ער זיך באַליבט געמאַכט ווי אַ גלייכער מיט גלייכע צווישן דער דאָרפישער באַפעלקערונג. ער האָט זיך געפירט אַזוי, ווי עס האָבן זיך געפירט אַלע פּראַוואָסלאַוונע און צווישן די דאָרפס־יידן דאָרט האָט מען געהאַלטן, אַז זיין ווייב האָט אים אָפּגעטאָן כשוף און אַז ער וועט פאַרברענט ווערן אין גיהנום. נאָך זיין ווייבס אוועק־גיין פון דער וועלט האָט ער נאָך פאַרלאָרן צוויי פון זיינע זין. געבליבן איז ער מיט נאָר דריי צווישן זיי דער בכור האָורילע, וועלכער האָט שטאַרק געקלעפּט צום פאָטער, אים גוט פאַר־שטאַנען און אַפילו מיט אים מיטגעפילט. פון טייל פון זיינע באַשרייבונגען איז געווען אַרויסצולערנען, אַז דער דאָזיקער זון זיינער, ווען ער איז שוין אַריין אינעם עלטער פון צוואָנציק, האָט ער אַפילו געגעבן אים, נחומען, צו פאַרשטיין, אַז אויב ער פילט, אַז ער מוז זיך צוריקקערן צו זיין אַלטן גלויבן, וועט ער אים דערצו פאַרהעלפן און אים אויף ווייטער אָפּגעבן דעם געהעריקן כבוד אב. די אַנדערע צוויי זין האָבן זיך פאַרנומען מיט דער באַלעבאַטישקייט, געפאָלגט וואָס דער פאָטער האָט זיי געהייסן, זיך מיט אים געגרויסט. איינער פון די צוויי האָט שפּעטער אויסגעשטודירט אויף אַדוואָקאַט. ער איז געוואָרן דער יורידישער עצה־געבער און שפּעטערדיקער פאַרוואַלטער פון דאָזיקן גרויסן פאַרמעג, וואָס איז אויסגעוואַקסן צו אַ גאָר גרויסן פאָלוואַרק. די ביידע ברידער האָבן שפּעטער חתונה־געהאַט מיט לייטישע טעכטער פון זייער פאָלק.

מיט גאָר ווייניק ווערטער האָט ער מרמז געווען וועגן זיין פאַרלאָזן די יידישע ווייב און קינדער, אָבער דער גורל זייערער

איז אים נישט געווען גלייכגילטיק. מיט עטלעכע שורות האָט ער געגעבן צו פאַרשטיין, אז ער האָט בסוד געמאכט א פרווו געוואָר צו ווערן וואָס מיט זיי איז געשען און אפילו געלאָזט איבערשיקן צו זיין עלצטער טאָכטער א סומע געלד, וואָס יענע האָט דאָס צוריקגעשיקט.

יאָרן זענען אוועק און ער האָט זיך נישט באוויזן פאַר זיין איינציקן גוטן פריינט, פאַר מיין זיידן. ער האָט זיך געשעמט און מורא געהאַט זיך פאַר אים צו ווייזן. איין זאַך איז אים אמאָל געלונגען, דהיינו, ער האָט מיט זיינעם א יידן פון דאָרף געשיקט א גרויסן קריגל מיט דעם בעסטן האָניג פון זיינע רייכע בינשטאָקן לכבוד ראש־השנה, און מיין זיידע האָט דאָס נישט צוריקגעוויזן. פון יענעם מאָל און ווייטער האָט ער שוין געהאַט א מין חזקה און עטלעכע יאָר כסדר, פלעגט ער יעדן ערב ראש־השנה אריינשיקן א ייד פון דאָרף וועלכער פלעגט מיין זיידן איבערגעבן אזא קריגל האָניג מיט א צוגעשריבן לשנה־טובה־בריוול. אין הארצן האָט מיין זיידע געכאָוועט א פונק פון האָפענונג, אז נחומקע וועט נאָך אמאָל ווערן א חוזר־בתשובה.

פון יענעם שאבייסע־נאכטס, ווען מיין זיידע האָט מיר אָנפאַרטרויעט די פאַרשריבענע פאַרמעטן, זענען פאַריבער צוועלף יאָר. ביז איינעם אן ערב פסח, יאָר 1934 און איך בין געקומען צופאָרן פון דעם גרויסן כרך פאַריז צו מיין זיידן קיין פרע־מישלאַן. ער איז שוין געווען א טיפער זקן, אין די אכציקער. די באָבע האָט שוין ניט געלעבט, אָבער ער איז געבליבן זיצן אין זיין דירה. און נאָר שבת און יום־טוב פלעגט ער אריבערגיין צו זיין איינציק פאַרבליבענעם בן־זקונים און ביי אים, מיט דער שנור און אייניקלעך ארום טיש, אָפּריכטן די סעודת שבת ויום־

טוב. דאָס איז געווען דאָס לעצטע מאָל אז איך האָב מיין זיידן געזען. די גאנצע אכט טעג פסח ביז מיין צוריקפאָר קיין פאריז האָב איך פארבראכט מיט מיין זיידן. געהאלטן אין איין דערמאנען און נאָכזוכן די שפאָרן און זיכרונות פון פארגאנגענע צייטן; געוואָלט דערגיין וואָס מער פרטים וועגן דעם אָפּשטאם און לעבן פון מיינע אבות פון ביידע צדדים. ביז איינמאָל און איך האָב ארויפגעפירט מיין שמועס אויף דעם „אוניעווער משומד" און איך האָב באלד אויפן מאָמענט א פרעג געטאָן מיין זיידן צי ער געדענקט נאָך די גאנצע געשעעניש ארום דעם ענין, אים דערציילט, אז איך האָב נאָך ליגן די פארמעטן, וואָס וועלן ביי מיר שטארק אָפּגעהיט און אז איך וואָלט געבעטן, אויב דאָס איז אים ניט שווער, מיר צו דערציילן דעם ווייטערן פארלויף פון נחומקעס לעבן.

ביי מיין זיידן איז ליכטיק געוואָרן אין ד׳אויגן, דער זיכרון האָט ביי אים אויפגעשפילט יונג און פריש. ער האָט מיך געבעטן אויפצושטעלן און אויפזידן א פריש טעפּעלע טיי און אָפּפרעגלען פרישע כרעמזלעך, וואָס איך האָב ביזן היינטיקן טאָג ליב זיך דערמיט צו בריהן. די זון האָט געוואַרעמט און העל באלויכטן די אויפגעראמטע יום־טובדיקייט אין שטוב און זיפנדיק דאָס שמעקנדיק פרישע גלאָז טיי מיט לימענע, האָט מיין זיידע גענומען מיר פארענדיקן:

— נחומקעס אָפּשמדן זיך האָט מען געפּרווט האלטן פאר פרעמדע און פאר אייגענע, ווי לאנג דאָס איז נאָר מיגלעך געווען, בסוד. אין בארזשאן א קרענקלעכע ווייב מיט קינדער, מיידלעך. מיר אליין האָבן שוין אויך געהאט, קיינעהאָרע ניט, פיר קינדער, דיין פאָטער, אסתר, פערל און לייבישל. די פרנסה איז שווער אָנגעקומען, נישט געווען קיין גרויסע גליקן. שכר־לימוד האָט מען געדארפט צאָלן און טעכטער מוז מען קליידן און לייטיש דערציען. אין שקאָלע האָט מען זיי געמוזט שיקן און זאָרגן פאר א תכלית, ווייל אָט זענען זיי נאָך קינדער און אָט ווי זיי וואקסן

ווי אויף הייווז, און קיין נדנים זענען נישט אָנגעגרייט. האָבן מיר נאָך גענומען צו זיך נאָך א קינד אין שטוב אריין, נחומקעס עלצטע טאָכטער און מיר האָבן זי מיט מזל חתונה־געמאכט. זי האָט גענומען גאָר אן איידעלען יונגנמאן פון זלאָטשעוו; זיי האָבן טאקע דאָרט אָפּגעווינט עטלעכע יאָר, געהאט דאָס ערשטע קינד, א יינגעלע, אים א נאָמען געגעבן נאָך מיין פאָטער נאָך. שפּעטער האָבן זיי פארלאָזט זלאָטשעוו און אוועקגעפאָרן קיין אמעריקע, דאָרט שטארק מצליח־געווען, און אריבערגעבראכט די אלטע קראנקע מוטער מיט די אנדערע דריי שוועסטערלעך אהין, צו זיך. שוין יאָרן ווי זיי שיקן מיר אויף יעדן פסח צען דאָלער א יום־טוב מתנה. אז די באָבע האָט נאָך געלעבט פלעגן זיי איר צו שיקן שיינע שבתדיקע קליידער און פערקאלענע און זיידענע טיכלעך, אפילו א ווארעמע וואָלענע שאל אויף ווינטער אויך.

זיצנדיק אזוי איינמאָל, מיט דיין באָבען ע״ה, ערב־יום־כיפור ביים טיש און געלייענט אן אָקערשט אָנגעקומענעם בריוו מיט א ווונטש־קארטע פון אמעריקע, מיטאמאָל די טיר געט זיך אן עפן און נחומקע שטייט אין דער גאנצער ברייט, מיט א זעקל פארוואָרפן אויפן אקסל, די האָר פון אונטערן היטל זיינעם און די באָרד נאס, און קוים וואָס ער האָט באוויזן נאָך ארויסצו־שטאמלען „גוט יום־טוב״, איז ער געבליבן חלשות. איך האָב אים קוים דערכאפּט, אוועקגעזעצט אויף דער שוועל, טאקע דאָ־אָ אויפן ערשטן טרעפל און די באָבע האָט דערלאנגט א טעפל וואסער און מיר האָבן אים קוים דערמינטערט. דערלאנגט אים א טראָפּן משקה איז ער צו זיך געקומען און באלד ארויס־געשטאמלט:

— יאָשע סערצע, שטויס מיך נישט אפּ. כ׳האָב נישט געוואגט אריינצוקומען צו דיר ביז כ׳בין נישט צוערשט געלאָפן אין מקווה אריין זיך טובל־זיין, אז זאָלסט מיר מעגן געבן „שלום״. ער האָט זיך געשלאָגן „על חטא״ און ביטער געוויינט. איך האָב

זיך געאײַלט אין מקווה־אַרײַן און בין זײַער גיך צוריקגעקומען. געטראָפן אים א פּאַרוויינטן זיצן מיט דער טאָכטערס בריוו אין האַנט. האָב איך אים גאָרנישט געפרעגט, נאָר געהייסן דער באָבען זי זאָל אים אָנגרייטן זײַנע בגדים וועלכע זײַנען די אַלע יאָרן, פון זינט ער איז געפאָרן צום אוניווער יאַריד, געלעגן אָפּגעהיט אין קופערט מיט מײַנע אייגענע שבתדיקע בגדים. געהייסן אַרײַנגיין אין דער אַנדערער שטוב און זיך איבערטאָן און פאַרבעטן צו דער סעודה־המפסקת. מיר האָבן די גאַנצע צײַט נישט גערעדט, נאָר איך האָב אים מכבד־געווען מיט בענטשן מזומן. לייביש איז אַוועק מיט די וואַקסענע נשמה־ליכט, דײַן פּאָטער האָט שוין דעמאָלט געלעבט אין בודאַ־פּעסט. איך האָב נחומען דערלאַנגט מײַן אַלטן קיטל און א פּלושענע יאַרמעלקע און מײַן אַלטן טערקישן טלית. ער האָט זיך אײַנגעהילט אין טלית ביז איבער ד׳אויגן און ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט לעבן מיר בײַם עמוד און זיך נישט אַוועקגערירט פון אָרט ביז מוצאי־יום־כּיפּור, מחדש־געווען די לבנה אויפן הויף און מיר זענען אַלע אַהיימגעגאַנגען איבערבײַסן נאָך א שווערן תענית. אײדער מיר האָבן נאָך באַוויזן אָפּצועסן, כּדי צו קענען כאַפּן א שמועס, איז פאַרפאָרן א פּריצישע בריטשקע פאַר אונדזער שטוב און א יונגער גלח מיט נאָך א יונגן פּריץ, ביידע זין זײַנע, זענען אַרײַנגעקומען אין שטוב אַרײַן. זײַער איידל זיך מיט אונדז באַגריסט, געווונטשן א גוט־יאָר און געבעטן נחומען, דעם פאָטער זײַערן, צוריקצופאָרן מיט זיי צו זיך אַהיים. ער האָט זיך גיך איבערגעטאָן אין די דאָרפישע בגדים זײַנע, א קוש געטאָן די מזוזה, איז ער אָן א וואָרט אַרויסצורעדן, אַרויף אויפן בריטשקעלע און מיט ביידע זין צוריקגעפאָרן צו זיך אין דאָרף אַרײַן.

זינט יענעם מאָל, פלעגט ער שוין מיר יעדעס יאָר מודיע־זײַן, אַז ער וועט קומען צו אונדז אויף יום־כּיפּור. און יעדן

מוצאי־יום־כיפור האָט שוין פאַר אונדזער טיר געוואַרט דאָס געשפאַן אים אהיימצופירן קיין אוניעוו. אויפן פערטן יאָר איז צו מיר אריבערגעקומען זיין גבריאל, אזוי פלעגט ער אים צו רופן, ווען ער האָט מיט אונדז גערעדט וועגן אים, און זיך געהאַלטן מיט מיר אָן עצה, ווייל דער פאָטער זיינער וויל דווקא אָנהייבן קומען און פארברענגען מיט אונדז אַלע ימים־נוראים, פון ערב ראש־השנה ביז איבער שמחת־תורה. איך האָב אים דעמאָלט קלאָר געמאַכט, אַז איידער איך וועל אים געבן ענטפער, וואָלט איך צוערשט געוואָלט זיך אדורכשמועסן מיטן רב אונדזערן. דער ענטפער איז געווען, אַז מען זאָל זען צו פארמיידן א חילול־השם, אַז דאָס זאָל זיך נישט פארשפרייטן צווישן די גוים אין דאָרף. דערפאַר איז געבליבן, אַז נחומקע זאָל ווייטער לעבן ווי פריער, אין דאָרף אויף זיין באַלעבאַטישקייט. בשעת ער פלעגט זיין ביי אונדז איבער די יום־טובים פלעגט ער דער־ציילן ווי שטאַרק ער בענקט נאָך זיין נישט־יידישער ווייב; געלויבט אין הימל־אריין איר שאַנקייט און איידלקייט און איר געלערנטקייט, אָבער — פלעגט ער לסוף אויספירן — די אמונה זייערע, די התנהגות זייערע, אָט דאָס אַלץ איז מיר אזוי פרעמד, פשוט נישט משיג־צו־זיין. איך פלעג אים אָפּענטפערן מיט א הלצהלע און אים דערמאָנט דעם „שני גוים בבטנך...״ ער האָט דאָס גוט פארשטאַנען, אָבער ר׳איז געווען פארפלאָנטערט נעביך אין צופיל עולם־הזהדיקס. געווען מיר א גרויס רחמנות אויף אים, צוצוזען דעם גרויסן צער זיינעם, ווייל דער געראַנגל זיינער צווישן טמאה און קדושה איז געווען ממש ניט צום דערטראָגן. ער האָט זיך נישט געקענט מוחל־זיין דאָס שמדן זיך, הגם ער האָט אויפן שידוך מיט זיין נישט יידישער ווייב קיינמאָל נישט חרטה־געהאַט. אויפן עלצטן זון זיינעם, וועלכער איז געווען דער היפוך פון אים, שיין און איידל געוואַקסן, א הדרת־פנים מיט א לאַנגער שוואַרצער באָרד, פלעגט ער צו זאָגן, אַז אזוי האָט געמוזט אויסזען זיין אמתער יידישער פאָטער און, אַז דאָס האָט

דער רבונו־של־עולם אומישנע געמאכט, אז ער זאָל אים דער־מאנען די „מעשה עגל“...

נישט געקוקט אויף די אלע חרטות, וואָס האָבן אים ביטער געפייניקט, איז אָבער פארבליבן אין אים דער אמאָליקער חסידישער ברען און כדי אונדז נישט צו פארשטערן א יום־טוב, פלעגט ער זינגען יידישע תפילות, דערציילן שיינע מעשיות פון פויערישן לעבן אין דאָרף און אלעמען משמח־זיין. נאָר אונטערן שלייער פון חדווה איז ביי אים געווען זייער אָנגעזאלצן אויף דער נשמה.

איינעם אן ערב יום־כיפור, איך האָב ארייגעקוקט אין א ספר און אין דער שטיל געברומט די יום־כיפורדיקע תפילות מיטן ניגון און נוסח, האָט ער אָנגעהויבן אלעמאָל העכער און שטארקער אויסצוזינגען די מוספדיקע „שמונה־עשרה“ און זיך צעוויינט אויפן קול און אויסגעשריגן :

— אוי רבונו־של־עולם, ווען איך וואָלט ראוי געווען נאָך אוועקצושטעלן זיך פאר דיר לפני עם ועדה און אויסשרייען פאר דער וועלט מיין „על חטא“.

איך האָב אים איינגענומען ווי מען נעמט איין א קליין קינד. ער האָט זיך בארואיקט, אָפגעווישט די אויגן און פלוצעם האָב איך דערזען פאר זיך א צעבראָכענעם ווייסן ווי שניי יידן, ווי ער וואָלט שוין געווען נישט אויף דעם עולם. ער איז שוין דעמאָלט אלט געווען ניין און זיבעציק יאָר, נאָר מיטאמאָל אויסגעוויזן אָסך, אָסך עלטער. די אויגן זיינע האָבן פארלאָרן זייער פייער, זיי זענען מאָט געוואָרן.

— און וויאזוי האָבן זיך די מתפללים אין קלויז צו אים באצויגן ? האָב איך א נייגיריקער געוואָלט וויסן.

— אָ, וועגן דעם איז גאָר א סך צו דערציילן, נאָר דער סוף דערפון איז געווען, אז נאָך די ערשטע פאָר יאָר — האָט מיין זיידע מיר קלאָר געמאכט — האָבן יידן אויפגעהערט אפילו

אונטער די אויגן אים אָנצורופן „אוניעווער משומד״ און סיי בחורים, סיי זקנים האָבן אים גערופן „דער בעל־תשובה״.

ווען זיין עלצטער זון, גבריאל, איז איינער אליין געקומען אים אָפּנעמען אהיים, האָט נחומקע זיך מער נישט געאיילט אוועקצופאָרן. ער האָט צו אים עפּעס א זאָג געטאָן, אז מיר זאָלן נישט הערן, און ביידע האָבן מיך געבעטן אריינגיין אין א באזונדערן חדר, ווייל זיי ווילן מיט מיר זיך שואל־בעצה־זיין. ארויסגעשטעלט האָט זיך גאָר, אז דער אלטער וויל מער בשום אופן נישט צוריקפאָרן אין דאָרף אריין, נאָר אז ער וואָלט שוין געוואָלט פארבלייבן אין שטאָט צווישן יידן ביז זיין צייט וועט קומען. זעט אויס, אז די זין זיינע האָבן וועגן דעם שוין עפּעס געוווּסט און זיי האָבן דאָס איבערגעלאָזט צו זייער עלצטן ברודער דעם שפּעטערדיקן בישאָף, וועלכער האָט געזאָלט זיך באַזעצן אין לעמבערג. מיין עצה איז געווען, אז נחומקע זאָל טאקע פארבלייבן אין פרעמישלאַן עד סוף ימיו; מע זאָל אים גוט באזאָרגן מיט אלע באקוועמלעכקייטן און א באקאנטע אונדזערע, אן עלטערע אלמנה, זאָל אים פאר א חודשלעכן לוין אָווירען; פאר אים קאָכן און די שטוב צוראָמען.

פאַרן אוועקפאָרן צוריק אליין אין דאָרף אריין, האָט דער זון זיינער צוגעזאָגט צו שיקן אויף מיין אדרעס געלט און זאכן פאר זיין טאטנס וועגן. ר׳ נחומקע, ווי מיר פלעגן אים צו רופן, האָט זיך זייער גיך איינגעלעבט און געווען צופרידן מיט זיין נייעם מעמד. אלעמאָל פלעגט ער אריבערקומען, לרוב נאָך וועטשערע, און זיצן און דערציילן פרטים פון זיינע איבער־לעבענישן, ניט אויפגעהערט צו פרעגן וועגן זיינע קינדער און אייניקלעך אין אמעריקע. די טעכטער זיינע האָבן דורך מיר געוווּסט וואָס דאָ האָט זיך אלץ פארלאָפן זינט זייער געוועזענער פאָטער האָט גענומען אויף זיך תשובה צו טאָן, אָבער זיי האָבן נישט געוואָלט אז איך זאָל אפילו דערמאנען זיין נאָמען מער. ער איז מייסטנס אָפּגעזעסן, כמעט גאנצענע טעג, אין קלויז, אין

א ווינקל, געלערנט אָדער געזאָגט תהילים. ביז אַן ערב יום־כיפור, ער איז געזעסן מיט אונדז אַלעמען ביים טיש צום פאַרפאַסטן, האָט ער זיך אויסגעדרייט צו מיר מיט פרייד אין די אויגן, מיט א לייטזעליקן שמייכל אויפן פנים און א זאָג געטאָן:

— ר׳ יאָשע סערצע, איך האַלט שוין זייער נאָענט אויס־געלייזט צו ווערן פון מיינע יסורים, לכן בעט איך, אז זאָלסט צוזען איך זאָל נאָך מיין פטירה נישט פאַרשעמט ווערן. מיין זון, וועט איבערגעבן דיר אין דיין רשות א סומע געלט פאַר צדקה. א גרויסע סומע געלט. יידן וועלן נישט וועלן אויפבויען א נייעם בית־מדרש פון אַזעלכע געלטער, וואָס שטאַמען פון א משומד, אָבער א לייטישן מרחץ מיט א וואַרעמער ווייבערשער מקווה וועט מען לכל הדעות מעגן אויפבויען פאַר דעם געלט. ס׳איז ערלעך און כשר געלט...

האָב איך גענומען אים טרייסטן, האָט ער זיך ביטער אויסגעוויינט און געווונטשן אַלעמען א לייכטן תענית און א גמר חתימה טובה, זיך איינגעוויקלט אין קיטל און טלית און מיר זענען אַלע אינאיינעם אַוועק אין קלויז צו „כל־נדרי". ווי נאָר איך האָב זיך אַוועקגעשטעלט פאַרן עמוד און אָנגעהויבן זאָגן „כל־נדרי" איז מען געקומען צו לויפן פון שטוב מיר אָנזאָגן, אז בערטאַ, דיין מאַמע ע״ה, איז געלעגן־געוואָרן און דיך אויף דער וועלט געבראַכט. דיין פאָטער האָט דעמאָלט געדינט ביי פראַנץ יאָזעפן אין בודאַפעסט. נחומקע האָט מיר אָפּגעגעבן באַלד נאָך כל־נדרי א מזל־טוב און ווי אַלעמאָל איז ער פאַרבליבן אין קלויז און ביז אין דער פרי מתפלל־געווען און געהאַלטן אין איין זאָגן און נישט אַרויסגעלאָזט דאָס מחזור פון די הענט. איך בין גיך אַהיימגעלאָפן אָפּגעבן דער יולדת א מזל־טוב און זען וואָס איר ביידע מאַכט.

אין דער פרי, איך בין אַוועק צום דאַווענען. די באָבע דיינע איז געבליבן מיט אייך ביידן אין דער היים, נישט געהאַלטן פון לאָזן א יולדת אַליין מיט פרעמדע ווייבער. אַריינגעקומען אין

קלויז האָב איך געזען ר׳ נחומקען זיצן אָנגעלענט אויף א באנק, אויסגעזען ווי ער וואָלט געכאפּט א דרעמל. ער האָט מיך אָבער באלד דערשפּירט, זיך אויפגעשטעלט, אויסגעפרעגט וואָס ביידע, די יולדת און ס׳קינד, מאכן און ארויסגעמורמלט:... נו, מיין רבי ישראל חיים איז נאָכאמאָל געבוירן געוואָרן; א גרויסע נשמה דיין טאטנס, זאָל מיר זיין זכות ביישטיין...

ווי אלעמאָל האָט מען זיך געשטעלט פרי דאווענען. צו מוסף, ווען איך בין צוגעגאנגען צום עמוד האָט נחומקע זיך אויפגעהויבן פון זיין אָרט, זיך אוועקגעשטעלט צווישן עמוד און ארון־קודש, מיטגעהאָלפן מיט א ניגון, אָבער איך האָב דערפילט ווי עטלעכע מאָל ער האָט זיך א לייכטן וואקל־געטאָן און זיך אָנגעכאפּט אינעם פּרוכת און אינעם עמוד אָנרירנדיק מיין אקסל. צו נעילה האָט מען שוין געמוזט שיקן נאָך א דאָקטער אזוי שלעכט האָט ער זיך געפילט, אָבער ער האָט נישט געוואָלט הערן פון לאָזן זיך אהיימפירן צו זיך אין שטוב־אריין אזש ביז נאָכן שופר בלאָזן. נאָכדעם האָט מען געבראכט א פּיאקער און מיט שווערע מי אים אוועקגעלייגט אין בעט — ס׳האָט געהייסן אז עס האלט שוין ביי יציאת־נשמה. דער דאָקטער האָט אָבער פארזיכערט, אז ער וועט נאָך אזוי גיך נישט שטארבן. איז מען אהיימגעגאנגען איבערבייסן נאָכן שווערן תענית און כ׳האָב באלד געהייסן אוועקשיקן א שליח אין דאָרף אריין צו זיינע זין. נאָך דער סעודה בין איך מיט נאָך צען יידן אריבערגעגאנגען צו ר׳ נחומען און מען האָט געהאלטן וואכנאכט, געזאָגט תהילים. ער האָט קוים איינגענומען עטלעכע לעפעלעך טיי מיט א מעדעצין, וואָס דער דאָקטאָר האָט מיטגעבראכט מיט זיך, געכאפּט א צופרידענעם בליק אויף אונדז אלעמען און ארייַנגעפאלן אין א טיפן שלאָף. דאָס הארץ האָט ביי אים שטארק געארבעט, זיך געהויבן, ערשט ארום פינף פארטאָג האָט זיך עס ביסלעכווייז בארואיקט. ארום האלבן טאָג, ווען זיינע זין זענען, אלע דריי, אריינגעקומען אים זען, האָט ער געעפנט ד׳אויגן, געהייסן זיך צודערלאנגען וואסער

אָפּצוגיסן די נעגל און געבעטן מען זאָל אים לאָזן מיט די זין אַליין. ער האָט זיך פּאמעלעך אויפגעזעצט און אָנגעלענט זיך מיטן גאנצן קערפּער אינעם צוקאָפּנס פון בעט און איך האָב געהאלטן ביים פארלאָזן דעם חולה. ער האָט מיך געבעטן בלייבן מיט דער הסכמה פון זיין גבריאלן און די אנדערע. דער שכל איז ביי אים געווען קלאָר און דאָס קול אביסל אָפּגעשוואכט, אָבער מען האָט גוט געהערט און פארשטאנען יעדעס וואָרט. צוערשט האָט ער א פרעג געטאָן זיי, די זין זיינע, צי איז אויף זייער יונג־פארשטאָרבענער מוטערס שטיין אויסגעקריצט דער פסוק: אין דער פראוואָסלאוונער שפראך — „זכרתי לך חסד נעוריך" פון ירמי' וואָס זי האָט אלעמאָל ליב געהאט ווען ער האָט עס פאר איר אויסגעזונגען.

די זין האָבן זיך און מיך מיט פארוווּנדער אָנגעקוקט און א שעפּטשע געטאָן:

— הייבט שוין אָן פארלירן דעם באוווּסטזיין, דער סוף דערנענטערט זיך...

ער, דער חולה, איז געבליבן ליגן אין א טראַנס, אָן זיך צו באוועגן. די אויגן זיינע האָבן ערגעצווו וויַיט געקוקט, איבער אונדזער אלעמענס קעפּ. ווען זיינע ליפּן האָבן זיך אָנגעהויבן באוועגן, האָב איך אים אונטערגעטראָגן צום מויל א לעפעלע רויזן סיראָפּ געמישט מיט א ביסעלע וואסער. ער האָט דאָס איינגענומען, ארונטערגעשלונגען און ארויסגעלאָזט א דער־קוויקנדיקן „אַאַה"; געקומען צו זיך און צום קלאָרן שכל. האָט ער צוגערופן זיין גבריאלן. יענער האָט זיך צו אים צוגעבויגן. נחומקע האָט גענומען רעדן, און אלע האָבן מיר דייטלעך געהערט זיינע ווערטער:

— איך, האָט ער געזאָגט, האָב שוין נישט אויף לאנג. איך וויל אייך מיינע קינדער בענטשן ווייל איר האָט אָפּגעהיטן דעם טאטנס כבוד און קיינמאָל נישט ארויסגעוויזן קיין גרינגשעצונג צו מיר אין מיין געראנגל מיט מיין יידישן גאָט. איר זאָלט בלייבן

געטריי דעם גלויבן פון אייער טייערער מוטער און ווען איר וועט לייגן בלומען אויף איר קבר, זאָלט איר אַלעמאָל אוועקלייגן א קראַנץ מיט הימל־בלאָע קאָרן בלומען און איר זאָגן אז דאָס איז פון מיר. זעט אז אייערע קינדער זאָלן דערצויגן ווערן און ליב האָבן אלע מענטשן פון וואָס פאַר א גלויבן זיי זאָלן דאָס נישט זיין. מיר אלע, מענטשן פון אלע פעלקערייען אויף גאָטס ערד, זענען זיינע קינדער און ער איז אונדזער אלעמענס באשעפער.

זיין קול האָט זיך פארהאקט. נאָך א ווײַלע האָט ער ווייטער גענומען רעדן:

— איך שטארב א ייד, פונקט ווי איך בין געבוירן געוואָרן א ייד. איר מיינע קינדער, איר זענט קלוג און געבילדעט, איר וועט דאָס מיט יאָרן שפּעטער בעסער קענען באַגרייפן און געפינען באשייד דערצו. בעט איך אייך, איר זאָלט מיך ברענגען צו קבורה נישט אויפן פראוואָסלאוונעם צווינטער, אויך נישט אויף א יידישן בית־עולם, נייערט אויפן פעלד לעבן דער מעזשע, וואָס טיילט אָפּ צווישן די ווייץ און די קארטאָפלע־פעלדער. דאָרט ווו איך פלעג יעדן זומער צוזאַם מיט מיין וואַנדאַ׳ן שניידן די תבואה, אין דעם זומער־ביידל ווו מיר פלעגן צוגרייטן דאָס עסן פאַר אלעמען, פאר די שניטערס און פאר אייך מיינע טייערע קינדער, ווען איר זענט נאָך קליין געווען און זיך דאָרט ארומ־געשפּילט. דאָרט זאָל קומען צו רו מיין געביין. קיין שום מצבה זאָלט איר ניט שטעלן ביי מיין צוקאָפּנס, ביז מיין קבר וועט אמאָל אָפּגעשווענקט ווערן פון גאָטס ערד און איך וועל אריין אין פארגעסנקייט...

די גאַנצע צייט האָט ער גערעדט, שטיל, רואיק, פּאַמעלעך און זייער קלאָר, אויף א געזונטן גויש. דאַן האָט ער מיך געבעטן צוגיין נענטער און קוים אויפגעהויבן זיין רעכטע האַנט, אָנגע־נומען מיינע און צו מיר געזאָגט:

— א מנין יידן, אויב זיי וועלן וועלן, זאָלן מיר מיין רעכט טאָן און דו, יאָשע קרוין, וועסט מיט מיר טוען דעם חסד־של־אמת, זאָגן נאָך מיר קדיש; לערנען א פרק משניות נאָכן אומעוער משומד, נחום בן נחומען... און איצט טייערער ידיד נפש מיינער, זאָג דאָס איבער פאר מיינע קינדער, אז זיי זאָלן וויסן וואָס איך האָב צו דיר געדעדט און ס׳איז צייט אריינצורופן א מנין יידן...

האָב איך אלץ געטאָן ווי ר׳אָט מיך געבעטן, געשיקט רופן א מנין יידן, שכנים אונדזערע. אלע האָבן זיך אָנגעטאָן די טליתים און נחומקע האָט זיך געהייסן דערלאנגען וואסער צו די הענט. די דריי זין זיינע האָבן זיך פארוקט אין א ווינקל, צוגעקוקט זיך.

ער האָט אָנגעהויבן מיט א שוואך קול און מיט דער פויסט ביים הארצן זאָגן ווידוי, אויסווייניק, און אלע מאָל העכער און שטארקער דעם „אשמנו, בגדנו... און אזוי ביזן סוף. דאָס קול זיינס איז ביסלעכווייז געוואָרן שטילער, שוואכער און ס׳האָט געהאלטן בא יציאת־נשמה. — — — — — — —

שטיל איז צוגעגאנגען די לוויה. מען האָט אים זיין רעכט געטאָן לויטן דין און מקבר־געווען דאָרט אויף די אמאָליקע פעלדער זיינע. די קינדער האָבן דאָסביידל צעוואָרפן און אויפגעבויט די הייל ארום דעם קבר זיינעם. כדי אָבער נישט ארויסצורופן קיין בייז בלוט האָט מען געפונען א פשרה, אז מען זאָל מעגן אוועקשטעלן יענעם הילצערנעם צלם, פופציק איילן אוועק פון דער הייל.

זאָל זיין נשמה אויסגעלייזט ווערן, ער האָט מיט זיין חרטה און תשובה זיך פארדינט א ביסל מנוחה תחת כנפי השכינה...

ניצע, אויגוסט, 1968.